STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 08108

LIKHT SHTRALN

Elishev Cohen

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

בעזרת השם יתברך

אלישב כהן

ליכט שטראלן

אינטערעסאַנטע, באַלערנדע
דערציילונגען און לידער

Rev Mitchell Steinberg
1604 Utica St
Denver Co 80204

ארויסגעגעבן דורך

„חרדי'שע שריפטן" פאַרלאַג

ניו-יאָרק

שנת ה'תשכ"ט לפ"ק

Copyright By:
"CHAREIDISHE SRIFTEN" FARLAG
New York, N. Y.

די גאַנצע רעכט רעזערווירט

מיט'ן גוטהייסונג און רעקאָמענדאַציע פון די גדולי הרבנים
הרב הגאון מפאפא שליט"א ★ הרב הגאון מסאַטמאַר שליט"א

צווייטער ספר

אדרעס צו באַשטעלען דאָס ספר
LICHT-STRALEN
P. O. Box 272
Brooklyn, N. Y. 11211

נדפס בדפוס האחים גרויס
Printed in U.S.A.
GROSS BROS. Printing Co. Inc.
636 11th Ave. New York, N.Y, 10036

אינהאלט:

גלייב נישט די וועלט (ליד) 4
דער צדיק האלט ווארט 7
ברוך שלא עשני גוי (ליד) 41
דער רבי מיט'ן תלמיד 45
דער כח פון אמונה (ליד) 98
דאס אומגעלומפערטע לשון הרע 101
דעם איז גוט ווער ס'איז צופרידן (ליד) . . . 153
די וואס האבן אריבערגעיאָגט דעם שטן 157
דער אמת'ער גליק (ליד) 186
אויף צוריק איז נישטא קיין וועג (ליד) 189
הוי! קולטור קולטור (ליד) 191

וועגן דעם „פאָרוואָרט" פונ'ם מחבר זע דעם ערשטן ספר „ליכט-שטראַלן" וואס איז ארויס לאור.

גלייב נישט די וועלט!

זעסט מיין קינד פיל גאסן שיינע
הייזער פראכטפולע, איינע נאך איינע

מענטשן פלינקע אנגעטאן שיין
אין אויטוס טעקסיס לויפן און גיין

כ׳בעט דיך קינד מיינס זיי דו א העלד
גלייב זיי נישט, גלייב נישט די וועלט

*

זעסט בילדער שיינע, ס׳נעמט די חושים
געשעפטן געפאקטע, מיט שיינע מלבושים

קלייטן אנגעהויפט פון אלעם גוטן
אריין און ארויס, זיך מענטשן שיטן

פון אלע זייטן שארט מען אוצרות געלד
גלייב זיי נישט, גלייב נישט די וועלט

*

זעסט ווי אלעס בלאשקעט און גלאנצט
גארטנס שיינע, מיט פיל רויזן געפלאנצט

פארקן צו שפאצירן, און זיך אפצורוען
פרוכטביימער ווי שיין זיי בליען

אלעס פרייט זיך, און אלעס קווועלט
גלייב זיי נישט, גלייב נישט די וועלט

*

זעסט ווי קינדער וואקסן שיין
מ׳דארף זיי בילדן אין שוהלעס גיין

דערנאך שטודירן אין הויפטשטאט פארן
זיי ווערן דאקטוירים, פראפעסארן

אן אפיציר א גענעראל, א גרויסער העלד
גלייב זיי נישט, גלייב נישט די וועלט

*

זעסט אן עושר, ער איז רייך ווי קורח
ער נעמט אויך אמאל צו זיך אן אורח

ער האנדלט מיט אויסלאנד, גאר אין גרויסן
מ׳זאגט אויך אויף אים, אז ער איז א נותן

וואויל און גליקליך מיט אזויפיל געלט
גלייב זיי נישט, גלייב נישט די וועלט

*

אלעס איז א דמיון, ס׳איז גארנישט ווערט
פון ערד גענומען, און עס ווערט צוריק ערד

עס טוט פארבלענדן די אויגן, ס׳טוט אפנארן
ס׳איז געגליכן, ווי הייסע קוילן שארן

פאר אלץ ווערט מען, צו דין וחשבון געשטעלט
גלייב זיי נישט, גלייב נישט די וועלט

*

די וועלט איז פאלש, פאלש ביז גאר
עס זעט אויס שיין, אבער ס׳איז נישט וואר

ער ווייזט א פרייליך פנים ווי א לץ
כדי דיך ארייננכאפן, אין זיין נעץ

אלעס פארפוילט, און אלעס פארוועלקט
גלייב זיי נישט, גלייב נישט די וועלט

✶

ווי מער געלט, איז מער די זארגן
קיינער ווייסט נישט, וועמעס איז דער מארגן

אלע תאוות זענען, נאר א גרויל און א עקל
און דו קנעסט נישט וויסן, דעם צווייטנס פעקל

וואס ס׳ווארט אויף אים צו ליידן היץ און קעלט
גלייב זיי נישט, גלייב נישט די וועלט

✶

זעסט א אידל, ער גייט צוזאמען געצויגן
ער הייבט אפילו נישט אויף, רעכט די אויגן

גארנישט אין דעם טומל, טוט אים אינטערעסירן
מענטשן וויסן קוים, אז ער טוט עקסיסטירן

ער איז דבוק אין אלקות, ער טראכט און קווענלט
אים זאלסטו גלייבן, ער האט די וועלט!

✶

ווארים, די וועלט איז טאקע זייער מיאוס
אבער אז מ׳איז דבוק אין בורא, אין תורה, איז עס זיס

אויב צו דינען השי״ת, איז דער תכלית און עיקר
איז טייער די וועלט, און זיסער פון צוקער

און אז אין תורה ויראת שמים, זעסטו א העלד
אים זאלסטו גלייבן, ער האט די וועלט!

ליכט־שטראלן

דער צדיק האלט ווארט

(א שפאנענדע געשיכטע פון דעם גרויסן גאון און צדיק רבי נפתלי כץ פון פוזנא)

דער וועלט באריממטער גאון און צדיק רבי נפתלי כ"ץ פון פוזנא, האט נאך אלס קינד געהאט אן אויסטערלישן שארפן מוח אין לערנען. גאונים און צדיקים אין זיין דור האבן געזאגט דאס אזא נשמה מיט אזא חריפ'ישן מוח קומט נישט אראפ אויף דעם עולם נאר איינמאל אין טויזענט יאר.

א מערקווירדיגע געשיכטע ווערט דערציילט פון זיינע קינדע־רישע יארן.

אין פראג וואו ער האט געוואוינט אלס קינד, איז אמאל גע־ווארן געמאלדן פון די באהערדע דאס דער דייטשער קייזער (פראג האט דעמאלס געהערט צו דייטשלאנד) קומט אויף א באזוך אין שטאט אריין, צוזאמען מיט די קייזערן, און זיין זון דער קרוין־פרינץ, און מיט די גאנצע קייזערליכע סוויטע.

חדשים בעפאר האבן זיך שוין אנגעהויבן די פארבערייטונגען, צופארשענערן און אויפצופוצן די שטאט לכבוד דעם באזוך פונ'ם קייזער.

ווען דער קייזער איז געקומען, און איז דורכגעפארן די הויפט־גאס מיט די קייזערליכע קארעטע, איז די גאנצע שטאט געווען אין דרויסן אין די גאס אים מקבל פנים זיין און באגריסן געהעריג. די אידישע געמיינדע איז אויך געווען אין דרויסן. ס'פארשטייט זיך דאס די קינדער און אינגלעך האבן אויך נישט פארפעלט אזא אינטע־רעסאנטע זעלטענע געלעגנהייט. רבי נפתלי, וואס איז געווען דעמאלס א אינגל פון ניין יאר, איז אויך געשטאנען אין די גאס, בייוואוינען און זען אלעס.

* * *

די חדר קינדער פלעגן זיך אין יענע צייטן צושפילן מיט פיילן־בויגנס, צו שיסן אין די לופט מיט שטיינדלעך. נפתלי האט אויך געהאט

אזא פיילן־בויגן אַן וועלכן ער האט זיך ניט גערירט, שטענדיג געטראָגן מיט זיך אין בוזעם.

געוויינליך קינדער אין די יארן זענען ווילד, פארשארט, איינער מער איינער ווייניגער. אבער אזא שארפער קאָפּ ווי נפתלי, ער איז געווען ווילדער ווי געוויינליך. ער האט זיך דערטראכט צו אזא מעשה. כדי ער זאָל דעם קייזער מיט זיין סוויטע בעסער קענען זען, איז ער ארויפגעקראָכן אויף אַ הויכן בוים וואס איז געשטאנען נעבן שטראָז וואו דער קייזער האט געדארפט דורכפארן, פון דארט האט ער אלעם גוט געזען.

ווען די קארעטע מיט׳ן קייזער און קייזערן און דער קרוין־פרינץ איז פאמעלעך דארט פארביי געפאָרן, האָט נפתלי — שטייענדיג אין דער הויך אויפ׳ן בוים געהאלטן אין האנט זיין פיילן־בויגן, וועלכעס איז געווען אנגעפילט מיט א שארף שטיינדל צום שיסן.

איז אים איינגעפאלן א ווילדער געדאנק,ער זאל אויספּרובירן זיין בויגן, און זען ווי גוט און פינקטליך ער קען צילעווען.

ער האט זיך אבער תיכף באַרעכנט, ווי טאָר ער אפילו דענקען צו שיסן אויף די קייזערליכע קארעטע, און איינשטעלן זיך אין אזא סכנה.

ער האט זיך נישט געקענט איינהאלטן דאָס ער זאל נישט כאַטש דעם בויגן אַ ציִ־אויס געבן, גלייך ווי צום שיסן. ער האט גע־זאָגט צו זיך איך טו דאך גארנישט איך שפּיל זיך נאר אזוי.

נו, אז ער האט שוין דעם בויגן געהאלטן אזוי אויסגעצויגן, און דערינען אַ שארף שטיינדל, האט זיך אים די האנט עפּעס ווי א גליטש געטאן, אדער ס׳האט אים שטארק א פאק געטאן אויף דער מינוט א ווילדער געדאנק, וועלכעס ער האט נישט געקענט באַ־הערשן, און נפתלי האט אויסגעשאָסן דעם בויגן.

דער שטיינדל האָט — מעשה שטן — געטראָפן דעם קרוין־פרינץ אויפ׳ן שטערן, געמאכט אים א וואונד מיט אזא כח, אז דאס בלוט האט אים אנגעהויבן צורינען אראפ אויפ׳ן פנים.

זעלבסטפארשטענדלעך, דאס עס איז געווארן א גרויסע בהלה. לכתחילה האט מען געמיינט, אז עמיצער האט אויסגעשאָסן פון א ביקס מיט א קויל, און געצילעוועט האט מען דאך אוודאי דעם קייזער אליין, און ס׳איז דאָס אויך גענוג אז מ׳האט געטראָפן און פארוואונ־

דעם קרוין־פרינץ. און אז מ׳האט זיך שוין דערוואוסט דאס ס׳איז נישט א קויל פון א ביקס נאר א שטיינדל פון א בויגן, איז אויך געגנוג און געגנוג צופארשוועכן אזוי דעם כבוד פונ׳ם קייזער, צושיסן אויף אים, אדער אויפ׳ן קרוין־פרינץ מיט א בויגן, און מאכן אים אזא בייל.

די קייזערליכע וואך און די שטאט פאליציי האבן זיך א לאז געטאן אויף אלע זייטן, און ס׳איז נישט שווער געווען אויסצוגעפונען פון וואו און פון וועלכער זייט דער שאָס איז געקומען. אפשר איז אויך געווען מענטשן וואָס האבן געזען דאס אינגל שטיין אויפ׳ן בוים און ציען דעם בויגן.

בקיצור. מ׳האט נפתלי׳ן געכאפט, און געשמידט אים אין קייטן. די אידן האבן מורא געהאט דאס מ׳זאל נישט מאכן עפעס א בלבול אויף די אידישע געמיינדע, אז ס׳איז עפעס א אויספלא־נירטער אָנפאל אויפ׳ן קייזער. אין יענע צייטן האט מען קיין סאך נישט געדארפט צומאכן עפעס א העץ־בלבול אויף די אידן. ממילא האט מען זיך שוין גארנישט אינטערעסירט מיט׳ן גורל פונ׳ם אינגל, מ׳איז געווען צופרידן דאס מ׳טשעפעט זיך נישט צו זיי.

מ׳האט נפתלי׳ן געשטעלט צום געריכט, ער איז געפונען גע־וואָרן שולדיג אויפ׳ן העכסטן גראד, מ׳האט אים פאראורטיילט צום הענגען. נאר אזוי ווי ער איז דערוווייל מינדעריעריג, קען מען לויטן געזעץ קיין טויט אורטייל אויף אים נישט אויספירן, איז געווען דער פסק, דאס מ׳זאל נפתלי׳ן אריינזעצן אין א שווערע תפיסה, דארט זאָל ער געהאלטן ווערן ביז עד וועט אלט ווערן אכצן יאָר, און דאן וועט מען אויף אים דעם אורטייל דורכפירן.

די תפיסה וואו מ׳האט געדארפט נפתלי׳ן אריינזעצן האט זיך געפונען ווייט פון דער שטאט א הונדערט פופציג מייל. מ׳האט אים איבערגעגעבן אין די הענט פון א פאָליצאנט, וועלכער האט באקומען די אויפגאבע אוועקפירן אים אין די תפיסה. ס׳פארשטייט זיך, אז ווען ער פירט נישט אוים געהעריג זיין אויפגאבע, איז ער אליין איינגעשטעלט מיט׳ן לעבן.

נפתלי האט נישט געוואוסט אויף וועלכע וועלט ער געפינט זיך, מ׳האט אים אהער און אהין געשלעפט. ער האט פארשטאנען אז זיין לעבן איז נעביך פארלוירן.

— ב —

דער פּאַליצאַנט האָט זיך געלאָזט אין וועג אַריין רייטענדיג אויף אַ פערד, נעבן זיך האָט ער אַוועקגעזעצט נפתלי׳ן, צוגעבונדן צו זיך.

רייטענדיג אַ לענגערע צייט איז דער פּאַליצאַנט מיד און הונגעריג געוואָרן. ער האָט זיך אָפּגעשטעלט ביי אַ קרעטשמע, וועלכעס איז געשטאַנען אַליין אין מיטן וועג. דער קרעטשמער איז געווען אַ איד, וועלכער האָט געהאַט דאָרט אַ גיט (אַ פאַרעם) און פאַרנט ביי דער גאָס האָט ער געהאַט אַ קרעטשמע. דער נאָמען פון דעם איד איז געווען ר׳ שמואל נטע.

דער פּאַליצאַנט האָט מורא געהאַט אָפּצולאָזן דאָס אינגל פון דער האַנט, האָט ער אים געבונדן הענט און פיס, אַריינגענומען אין די קרעטשמע, און אַראָפּגעלייגט אים אונטער׳ן טיש וואו ער איז געזעסן, צופוסנס.

נפתלי איז נעבעך דאָרט געזעסן און געוויינט, געכליפּעט אויף זיין גורל.

דער פּאַליצאַנט האָט עפּעס עסעכץ דערלאַנגט אויף אונטן, אַרפּגעלייגט פאַר נפתלי׳ן אויף דער ערד, ער זאָל עסן מיט׳ן מויל פונ׳ם טעלער, גלייך ווי להבדיל אַ קאַטץ אָדער אַ הונט, און געזאָגט דערביי:

—נאַ דיר, פרעס דו זשידראַק, דו דאַרפסט נאָך לעבן און שמאַכטן אין די תפיסה אַפּאָר גוטע יאָרן.

נפתלי האָט נישט געוואָלט זיך צורירן דערצו, ער האָט נישט געוואוסט אויב ס׳איז כשר.

דער פּאַליצאַנט האָט געלאַכט — כאַ כאַ כאַ... דו ווילסט נישט עסן. מ׳וועט דיך שוין דאָרט אויסלערנען זיין אַ מענטש. קיין ראַבין וועסטו שוין נישט ווערן.

דער קרעטשמער האָט זיך נישט אומגעקוקט אויף דעם אינגל, ער האָט אויסגעפאָלגט דעם פּאַליצאַנט וואָס ער האָט פאַרלאַנגט, און איז זיך אַרויסגעגאַנגען.

דער פּאַליצאַנט נאָכ׳ן אָפּעסן, איז זיך אַרויסגעגאַנגען טאָן זיין געברויך, ער האָט נאָך מיט אַ פּאַסיק צוגעבונדן נפתלי׳ן צו אַ שווערן שראַנק.

אין מיטן האט זיך געעפנט א זייטיג טירל. דארט אין צימער איז געזעסן א מלמד און געלערנט מיט׳ן קרעטשמער׳ס ר׳ שמואל נטע׳ס צוויי קינדער, שוין אין עלטער פון דרייצן פערצן יאָר. ער האט גראדע געלערנט מיט זיי א שווערן תוספות, און געמוטשעט זיך פארשטיין געבן זיי דעם פשט.

נפתלי׳ן איז דאס לערנען דערגאנגען צו די אויערן, ער האט גוט געהערט דעם פשט פונ׳ם תוספות, וואס דער מלמד קנעלט מיט די קינדער.

אויף דער מינוט האט ער פארגעסן פון זיין ביטערן מצב, און ער האט א געשריי געגעבן, אזוי אז דער מלמד זאל הערן:

— דער פשט איז פאַלש!

דער מלמד האט זיך אומגעקוקט פון וואו דער קול קומט, און האט דערזען נפתלי׳ן ליגן אויף דער ערד, געקייטלט און געבונדן.

ער איז געווארן שטארק איבערראַשט פון דעם וואָס ער האט געזען, א אידיש אינגל ליגט אזוי געבונדן. אָבער צוערשט האט ער אים געפרעגט:

— אפשר קענסטו זאגן אינגעלע פארוואס איז דער פשט פאַלש?

איך וועל אייך זאָגן דעם פשט — האט נפתלי געענטפערט — און האט איבערגעחזר׳ט דעם לאַנגען תוספות מיט׳ן לשון אויף אויסנווייניג, און געזאגט דעם ריכטיגן פשט.

דער מלמד וועלכער איז געווען גאנץ א שיינער תלמיד חכם, איז געבליבן שטארק פארוואונדערט אויפ׳ן חריפות פונ׳ם אינגל.

וואס איז דאס מיט דיר — פרעגט אים דער מלמד — אפשר קענסטו מיר זאגן?

נפתלי האט דערציילט דעם מלמד וואס מיט אים איז געשען, וואס ער האט אפגעטאן ווען ער האט זיך אויף א מינוט דעם שכל פארלוירן. און מ׳פירט אים איצט אין שווערע תפיסה וואו ער וועט דארפן זיין ביז צו די אכצן יאר, און דאן וועט מען אים הענגען.

נפתלי האט געענדיגט זיינע רייד, און דער פאליצאַנט איז אריינגעקומען צוריק. ער האט באמערקט אז נפתלי האט צו עמעצן גערעדט, איז ער צוגעגאנגען מיט א רציחה און האט דאס אינגל געגעבן א שטארקן בריק מיט זיינע שטיוול.

שוויַיג דו הינטישער זון! האט דער פּאַליצאַנט געשריגן — דו ווייסט נישט אַז אַן אַרעסטאַנט טאָר נישט רעדן צו קיינעם.

נפתלי האט נעביך געגעבן אַ קוויטש פאַר יסורים, אַז ר׳ שמואל נטע איז געקומען צולויפן.

וואָס איז דאָס? — האט ר׳ שמואל נטע געפרעגט.

גאָרנישט, ס׳איז נישט דיין זאַך — זאָגט דער פּאַליצאַנט — דערלאַנג מיר נאָך אַ פלעשעלע קאָניאַק.

ר׳ שמואל נטע האט דאָס אים דערלאַנגט. דער פּאַליצאַנט האט זיך צוריקגעזעצט צום טיש, צוטרינקען אַ ביסל פון׳ם קאָניאַק, און די רעשט מיטנעמען מיט זיך אויפ׳ן וועג.

דער מלמד האט שטאַרק רחמנות געקריגן איבער דעם אינגל, ער האט געוואונקען צום בעל הבית, ער זאָל אַריינקומען אינ׳ם זייטיגן צימער.

ער האט דערציילט דעם בעל הבית אין קורצן דעם שיקזאַל פון דעם אינגל. און אַז דאָס אינגל איז אַ גרויסער חריף אין לערנען, ער קען אויסוואַקסן אַ גדול הדור. ער האט מעורר געווען דעם בעל הבית, ער זאָל דאָס קינד פּרובירן צוראַטעווען, אויסלייזן פאַר וויפיל געלט ס׳איז נאָר מעגליך. ער וועט מקיים זיין די גרויסע מצוה פון מציל זיין אַ נפש מישראל. איבערהויפּט אַזאַ אויסערגעוויינליכעס קינד. נישט אַזוי שנעל קומט איינעם אונטער אַזאַ מצוה. אפשר איינ־מאָל אין לעבן, און אפשר דאָס אויך נישט.

דער בעל הבית האט גוט פאַרנומען די רייד. ער איז שנעל אַריין צוריק אין קרעטשמע, און האט זיך געזעצט צום טיש נעבן פּאַליצאַנט.

וואָס טרינקסטו נישט אויס דאָס פלעשל קאָניאַק? פרעגט ר׳ שמואל נטע דעם פּאַליצאַנט.

איך לאָז דאָס איבער אויפ׳ן וועג — ענטפערט דער פּאַליצאַנט — כ׳האָב נאָך אַלאַנגן וועג צו גיין.

טרינק וויפיל דיין האַרץ גלוסט — זאָגט אים ר׳ שמואל נטע — אויפ׳ן וועג וועל איך דיר מיטגעבן באַזונדער אַ פלאַש, דאַרפסט גאָרנישט באַצאָלן. דו ביזט דאָך אין דינסט פאַרן לאַנד און פאַרן פאָלק, האָסט נישט קיין געלט ווי אַן אַנדערער וואָס אַרבעט אָדער מאַכט געשעפטן.

נו, מאַשקע ביזט א קלוגער, האסט שכל ווי א איד — זאָגט דער פאליצאנט — און נעמט טאקע דאס פלעשל צום מויל און גיט א גוטן זופּ, און נאך א זופּ, ביז דאס פלעשל האלט שוין ביים אויסגע-ליידיגט ווערן.

ר' שמואל נטע זעט אז דער פאליצאנט איז שוין א ביסל אויפגעהייטערט.

ער פרעגט אים — ווער איז דאס אינגל וואס דו פירסט מיט דיר?

אוי דער קליינער מאַשקע — זאגט דער פאליצאנט — זיין לעבן איז שוין א אפגעהתמ'יטער. און ער דערציילט פאר דעם איד די גאנצע געשיכטע מיט דעם אינגל, וואס ס'האט זיך אים פארגלוסט צושיסן פונ'ם פיילן-בויגן אויפן קרוין-פרינץ, און איז פאראורטיילט געוואָרן צום טויט. נאָר דעם טויט אורטייל וועט מען ערשט קענען אויספירן אויף אים ווען ער וועט אַלט ווערן אכצן יאָר, ביז דעמאָלס וועט ער זיין פארשפארט אין א שווערע תפיסה אין וועלכן ער פירט אים איצט אַפּ.

וואס טויג דיר די גאנצע מעשה? — זאגט ר' שמואל נטע — א קינד איז א קינד ער האט זיך אביסל צווילדעוועט, דארף מען שוין זיין לעבן אַפּשניידן אזוי אינגערהייט?

מאַשקע, צו מיר רעדסטו אומזיסט — זאגט דער פאליצאנט — איך בין דאך נאר א שליח אויסצופירן דעם באפעל, און דאס איז מיין פליכט, דאריבער בין איך א פּאַליצאנט.

הער זיך איין זאגט אים ר' שמואל נטע — דו קענסט פאר-דינען הונדערט גולדען מיט איינמאל, און מ'וועט זוכן אן עצה וויאזוי זאלסט קענען דאס אינגל באפרייען.

און פאר צוויי הונדערט, אדער אפילו פינף הונדערט וועל איך דאס טאן?! — זאָגט דער פאליצאנט — דו ביסט דאך א קלוגער איד, און רעדסט אזעלכע נארישקייטן. איך וועל דאך באצאָלן מיט מיין לעבן אויב איך וועל אים נישט צושטעלן ווי מ'באדארף.

ר' שמואל נטע זעט, אז ס'איז נישט דאָ וואס צו מאכן. דער פאליצאנט גרייט זיך צו גיין אוועק מיט'ן אינגל.

ר' שמואל נטע'ן האט שטארק וויי געטאָן דאס הארץ איבער

דעם אינגל. עס איז אים איינגעפאלן נאָך עפּעס פּרובירן צוטאָן, אפילו מיט׳ן גרעסטן מסירת נפש צוראַטעווען דאס אינגל.

ער האט געהאט פערשלאָסן אין אַ אייזערנעם לעדל אַ מטמון פון דריי טויזנט גולדן דאס איז אים געבליבן אַ ירושה פון אַ רייכן קרוב אין די משפחה, און אזוי ווי ער האט געהאט א בת יחידה (אַ חוץ די אינגלעך) האט ער באשלאָסן דאס געלט נישט אָנצורירן, נאָר לאזן דאס פאר די טאָכטער — וועלכע איז דערווייל אלט געווען נישט מער ווי ניין יאָר — אז דאס זאל זיין איר נדן ווען זי וועט חתונה האבן.

האט ער באשלאָסן ביי זיך, דאס ער איז מוכן דאס גאנצע געלט צו אָפּפערן אויף צו ראטעווען דאס אויסערגעוויינליכעס אינגל. איי די טאָכטער? ער קלערט נישט גארנישט, ס׳איז דא אַ בורא עולם, ער וועט באַשערן וואס מ׳וועט דארפן.

ער זאגט צום פאליז — קום איך וועל דיר עפּעס ווייזן — און פירט אים צו דעם לעדל, ער עפנט דאס אויף, דער הון רב איז געלעגן דאָרט צוואָרפן.

זעסט — זאָגט ער צום פאליז — דאס גאנצע פארמעגן איז דיין, נאָר דו זאלסט איינווילגן צו באפרייען דאס אינגל.

דאס געלט האט א בליטשקע געטאָן אין די אויגן פון דעם גוי, ער איז געוואָרן דערפון ווי פארשיכור׳ט, ער האט אזא פארמעגן אין זיין לעבן נישט געזען פאר די אויגן.

נו זאג מאשקע — האט ער געזאגט — וויאזוי קלערסטו דאס צומאכן? דו ווייסט דאך גאנץ גוט, אז אויב איך וועל אים סתם אזוי ארויסלאזן פון מיינע הענט, וועל איך דאך באצאלן מיט מיין קאָפּ.

ר׳ שמואל נטע זעט דאס דער גוי לאזט זיך שוין עפּעס רעדן, דאס געלט האט אים געמאכט א רייץ, זאָגט ער אזוי:

— הער זיך איין, איך וויל נישט חלילה דיין לעבן איינשטעלן, איך האב ביי מיר אויסגעקלערט אַ וואונדערבאַרן פּלאַן, וויאזוי ד׳ו קענסטו דאס אינגל באפרייען און איבערגעבן צו מיר.

מיט׳ן שופט פון דעם דאָרף בין איך א גוטער ברודער, ער טרינקט דאָ ביי מיר כמעט אַלע פארנאכט, און איך רעכן אים די געטראנק כמעט ווי גאָרנישט, דעריבער איז ער מוכן מיר אלעס צו־טאָן. איך וועל אינדערפרי גיין צו אים, און דערציילן דאס די נאכט

איז צו מיר געקומען א פאליז מיט א אינגל, וועם ער דארף פירן אין די גרויסע רעגירונגס תפיסה, און דאס אינגל איז קראנק געווארן און איז פלוצים געשטארבן ביי מיר אין שענק. בעט איך אים ער זאל מיר ארויסגעבן א „טויטעס-שיין" מ׳זאל אים קענען באגראבן. ער וועט דאס מיר זיכער תיכף טאן ער האט מיר שוין געטאן שווערערע זאכן. דעם טויטעס-שיין וועל איך דיר אוועקגעבן און דע־מאלס ביזטו שוין אויסגעזארגט, דארפסט שוין גארנישט מורא האבן, און דו וועסט באקומען אזא פארמעגן מיט געלט.

די רייד זענען דעם פאליז אריין אין קאפ, ער האט איינגעזען אז דער פלאן איז גאנץ א גוטער, און דערצו האט אין אים שטארק געברענט דער רייץ צום געלט.

בקיצור, דער פאליז האט באפרייט דאס אינגל, און באקומען פון ר׳ שמואל נטע׳ן די גאנצע דריי טויזנט גולדן. ר׳ שמואל נטע האט אלעם מסדר געווען ווי ער האט אויספלאנירט און געגעבן דעם פאליז אין האנט אריין דעם טויטעס-שיין.

דער פאליז האט נישט געוואוסט וואו צובאהאלטן אזא אוצר מיט געלט. האט ער זיך דערטראכט, ער האט זיין פאליצייאישן ווינטער-פעלץ אויפגעטרענט פון פארנט, און דאס געלט האט ער ערשט אריינגעלייגט אין א זעקל און פארנייט, דאן האט ער דאס לענגליך אויסגעצויגענערהייט אריינגעלייגט אינ׳ם פוטער פונ׳ם פעלץ און צוריק פארנייט. אזוי אז אויפ׳ן פעלץ האט זיך גארנישט דערקענט.

דער פאליז איז זיך אוועק זיין וועגס, און דער קליינער נפתלי איז געבליבן ביי דעם קרעטשמער ר׳ שמואל נטע.

* * *

נפתלי האט שוין געהאט גענוג פארשטאנד צובאנעמען וואס דא איז פארגעקומען. וואס פארא אפפער ר׳ שמואל נטע האט פאר אים געברענגט אים צו ראטעווען, ער האט געזען ווי ר׳ שמואל נטע האט אויסגעציילט די דריי טויזנט גולדן צום פאליז. האט ער טאקע געפילט א גרויס דאנקבארקייט צו דעם איד וואס האט אים געראטעוועט זיין לעבן.

ס׳פארשטייט זיך, אז צום ערשטן — האט ער פארשטאנען — דארף ער אפגעבן א שבח והודאה צום בורא כל עולמים, וואס אלע־

מענס לעבן איז אין זיין האנט, ער האט אים געשאנקען דאס לעבן. און ר׳ שמואל נטע איז געווען דער גוטער שליח דערצו. האט ער ביי זיך פעסט באשלאָסן מיט א שטארקע קבלה, דאס ער וועט ווידמען זיין גאנץ לעבן צו די תורה הקדושה.

ר׳ שמואל נטע האט געזאגט צו נפתלי:

— איצט וועסטו שוין בלייבן ביי מיר, איך וועל דיך מגדל זיין, דו וועסט זיין ביי מיר גערעכנט פונקט ווי מיינע אייגענע קינדער. אין די גאס טארסטו דיך נישט ווייזן, איבערהויפט אין די ערשטע יאָר — צוויי, דאס קען דיר זיין א גרויסע סכנה. איך וועל דיר אָפּגעבן א באזונדער צימער וואו ס׳וועט דיר גארנישט פעלן.

נפתלי וואס ער איז געווען באשאָנקען פון הימל מיט א אויס־טערלישן קאָפּ און מוח צום לערנען, און איז שוין איצט אויך געווען אַ בקי אין ש״ס גלייך ווי איינער פון די גדולים. האט זיך אַ נעם געטאָן צום לערנען מיט א אויסטערלישן פלייס, און האט נישט געוואוסט פון עפּעס אנדערש אין זיין לעבן נאר לערנען און לערנען.

דער מלמד פון ר׳ שמואל נטע׳ס קינדער, וועלכער איז געווען גליקליך, וואס ער איז געווען א שטיקל שליח צו ראטעווען דאס אויסטערליש חריפ׳יש אינגל, ער האט דאך ר׳ שמואל נטע׳ן אויפ־מערקזאם געמאכט אויף די גאנצע זאך. האט ער תחילת גענומען דאס אינגל נפתלי צו זיך צום לערנען, צוזאמען מיט ר׳ שמואל נטע׳ס קינדער. אָבער אין פארלויף פון א פּאָר טעג האָט ער אליין איינגעזען אז ער איז צו קליין אין לערנען צו נפתלי׳ן. נפתלי׳ס קאָפּ האט שוין געאַרבעט פונקט ווי פאר אַן אַלטן גרויסן גאון און חריף. דעריבער האט זיך נפתלי ביי אים איינגעבעטן מ׳זאל אים לאזן לערנען אליין ביי זיך אין זיין צימער.

נפתלי איז זיך געזעסן און געלערנט אָן אויפהער און אָן א שטערונג, און איז געשטיגן שטארק אין לערנען פון טאג צו טאג, און אויך אין יראת שמים איז ער געוואקסן גרויס.

ר׳ שמואל נטע האט געהאט גרויס נחת רוח פון נפתלי׳ס לערנען, און האט יעדן טאג אפּגעגעבן א דאנק צום באשעפער, וואס ער איז געווען א שליח פון הימל אים צו ראטעווען דאס לעבן פון א זיכערן טויט. און ביי אים אין שטוב וועט אויפוואקסן אזא ליכט, וועלכער וועט זיכער זיין אַ גדול בישראל.

— ג —

ר׳ שמואל נטע האט געהאט — ווי מיר האבן שוין אויבן געמאָלדן — א בת יחידה, וועלכע איז גראדע אויך געווען בערך אין די זעלבע יארן ווי נפתלי. איז ר׳ שמואל נטע׳ן אריין א געדאנק, אז עס וועט זיין גוט פאר אים צונעמען נפתלי׳ן פאר אן איידעם. פארוואס זאל ער אזא תורה־ליכט ארויסלאזן פון זיינע הענט, צו א אנדערן, דארט ווי ער האט אים געראטעוועט, און טאקע אוועק־געגעבן דאס גאנצע געלט וואס איז געווען באשטימט פאר זיין טאכטער אלס נדן, אויף אויסצולייזן נפתלי׳ן. און אז ער האט שוין במילא נישט קיין געלט פאר איר אויף אריין צו קריגן עפעס א בחור א אויסנאם, איז דאך דאס גאנץ יושר׳דיג און שכל׳דיג, אז ער זאל האלטן נפתלי׳ן פאר זיך פאר א חתן צו זיין טאכטער.

ס׳פארשטייט זיך, אז די גאנצע שטוב פון ר׳ שמואל נטע׳ן צוזאמען מיט די טאכטער, זענען געווען גליקליך צוהערן פון דעם געדאנק. עס איז כדאי צו באמערקן אז צו אלע זיינע מעלות איז נפתלי אויך געווען זייער א שיינער, מיט א ליכטיגע שטראלדיגע צורה, די קדושה האט ארויסגעשיינט פון זיין פנים.

* * *

נפתלי איז שוין אפגעווען ביי ר׳ שמואל נטע׳ן אין שטוב באלד פיר יאר, ער איז שוין געווען א פאר וואכן פאר זיין בר־מצוה ווערן. און איז געווען שוין ווי א פארטיגער גרויסער מענטש אין דעת און ערנסקייט און אין אלע הינזיכטן, פון לערנען איז דאך אפגערעדט דאס ער איז געווען א חריף עצום גלייך ווי איינער ווי די גאונים אין דור.

ר׳ שמואל נטע האט ביי זיך אפגעמאכט, אז עס איז געקומען די צייט דאס ער זאל כאפן א שמועס מיט נפתלי וועגן זיין פלאן צונעמען אים פאר א איידעם. צוגרייטן אים, דאס אין טאג פון בר־מצוה זאל מען קענען מאכן די תנאים און ער זאל ווערן אפיציעל א חתן מיט זיין טאכטער, און א פאר חדשים דערויף וועט מען קענען מאכן די חתונה צו מזל און צו ברכה.

ביי א פאסיגע געלעגנהייט האט אים ר׳ שמואל נטע פאר־געלייגט זיין געדאנק, און געזאגט צו אים די פאלגענדע רייד:

— הער זיך איין נפתלי, אזוי ווי דו ביזט דאך ביי אונז סיווי גערעכנט ווי אן אייגן קינד, נישט עס האט דיר עפעס געפעלט ביז היינט, נישט עס וועט דיר פעלן עפעס ביי מיר אויף ווייטער, און אזוי ווי מיר האבן א בת יחידה זייער א פיין געראטן קינד, פרום און גוט און קלוג, פארוואס זאל איך זוכן א חתן פאר איר אין די פרעמד, מיר האבן אפגעמאכט דעם מיין דאס מיר זאלן דיך נעמן פאר א חתן צו איר, ממילא וועסטו אויך נישט דארפן אנקומען ערגעץ אין די פרעמד, דו וועסט ווייטער פארבלייבן ביי אונז, ווילאנג אייער הארץ וועט גלוסטן, און דו וועסט קענען פארזעצן דאס לערנען און שטייגן העכער און העכער אן שום שטערונג. איך מיין, נפתלי — האט ר' שמואל נטע פארענדיגט — דאס דו האסט נישט אויסצוזעצן קעגן אונזער פלאן און וואונש, און מיר וועלן קענען בקרוב אי"ה אין דיין בר־מצוה טאג פייערן דאס פארלויבן פון אונזער טאכטער מיט דיר, און שרייבן תנאים ווי ס'פירט זיך.

נפתלי איז געווען אנגענעם איבערראשט פון דעם פארשלאג, ס'איז אים אויך זייער געווען צום הארצן די זאך. איבערהויפט פילנדיג דאס גרויסע דאנקבארקייט פליכט א קעגן דעם איד, וואס האט געראַ־טעוועט זיין לעבן, און האלט אים שוין עטליכע יאר בכבוד גדול. און טאקע אויך דאס מאָראלישע פליכט א קעגן זיין טאכטער, ווארים איר גאנצע געלט וואס איז געווען באשטימט פאר איר צוקונפט איז אוועק געגעבן געווארן אויף זיין רעטונג.

נפתלי האט געענטפערט, דאס ער האט גארנישט אויסצוזעצן קעגן זיין וואונש, און עס איז ביי אים זייער חשוב און ליב צו בלייבן אויף ווייטער און אויף אייביג אי"ה אין די ראמען פון זיין פאמיליע, און בויען זיך זיין צוקונפט דא, צוזאמען מיט זיין טאכטער.

ר' שמואל נטע איז געווען גליקליך דאס צו הערן, און האט באלד איבערגעגעבן ביי זיך אין שטוב די נייעס, דאס נפתלי האט איינגעוויליגט צו זיין פארשלאג מיט'ן גאנצן הארץ, און מ'וועט קענען אין א פאר וואכן ארום, מאכן די תנאים אין א גוטע שעה.

אין די שטוב פון ר' שמואל נטע'ן איז געווען ששון ושמחה, וויל אלע האבן נפתלי'ן געשעצט זייער הויך. ווער שמועסט דאס מיידל אליין איז געווען איבערגליקליך, דאס זי וועט באקומען א מאן אזא געוואלדיגן תלמיד חכם און א גערעטענער אין אלע הינזיכטן, וואס

מענטשן לייגן אויף אים האפנונגען דאס ער וועט אויסוואקסן א וועלטס-גרעסע, א מנהיג בישראל.

* * *

עס איז פאריבער צוויי אדער דריי וואכן, אין שטוב פון ר׳ שמואל נטע׳ן האט מען זיך געגרייט צו מאכן א שיינע בר-מצוה פאר נפתלי, און גלייכצייטיג וועט אויך פארקומען דאס פארלאבונג פון די טאכטער מיט נפתלי.

נפתלי לייגט זיך ביינאכט שלאפן, און חלום׳ט א שרעקליכן חלום.

עס דארף ערשט באמערקט ווערן דאס נפתלי איז געווען א יתום, זיין פאטער איז אוועק פון דער וועלט ווען נפתלי איז נאך געווען גאנץ א קליין קינד.

נפתלי חלום׳ט ביינאכט, ווי זיין פאטער קומט צו אים פון גן עדן, און זאגט אים:

— נפתלי מיין קינד, זיי וויסן דאס איך בין דיין טאטע „יצחק הכהן פון פראג", איך בין געשיקט געווארן פון הימל צו דיר אנצוזאגן דאס די דאזיגע מיידל די טאכטער פון ר׳ שמואל נטע וועלכער האט דיר געראטעוועט דיין לעבן, איז נישט דיין זיווג, דיין זיווג איז אויף אן אנדער ארט ווייט פון דא. דעריבער איז פאר דיר נאר דא איין עצה, זאלסט דיר צוזאמען פאקן די זאכן און לאזן זיך אין וועג אריין, דער אויבערשטער וועט דיך שוין פירן אינם ריכטיגן וועג".

נפתלי דערוועקט זיך פונ׳ם שלאף איבערגעשראקן. ס׳דאכט זיך אים אז דאס איז גארנישט געווען קיין חלום, נאר א אמת׳ע ערשיינונג. אזוי קלאר האט ער געזען דעם פאטער׳ס צורה, און אזוי דייטליך האט ער גערעדט צו אים, דאס זיין צורה שטייט אים נאך איצט אויף פאר די אויגן. ס׳איז זיך פארצושטעלן ווי דאס האט נפתלי׳ן צורודערדט, און ס׳האט אים זייער טרויעריג געמאכט.

ביי טאג ווען ר׳ שמואל נטע איז אריין צו אים אין זיין צימער, עפעס צודערלאנגען אים, ווייל ער האט אלעמאל ליב געהאט, ווען ער האט נאר אביסל צייט געהאט, אליין משמש צו זיין נפתלי׳ן, ס׳איז ביי אים געווען א זכי׳. דאסמאל האט ער באמערקט, אז נפתלי איז זייער צוגעלייגט, נישט ווי זיין שטייגער, וואס ער איז אלעמאל געווען פרייליך און אויפגעלעבט.

— וואס איז עפעס מיט דיר נפתלי, — פרעגט ר׳ שמואל נטע —

כ׳זע אז דו ביזט עפעס צוגעלייגט, זאג מיר אויס דעם אמת, פאר מיר דארפסטו נישט פארהוילן קיין זאך.

נפתלי האט מקיים געווען דעם פסוק „דאגה בלב איש ישיחנה״ — א׳ מ׳האט עפעס א ערגערניש אין הארץ איז בעסער דאס ארויסצו-רעדן פאר אנדערע — האט ער טאקע דערציילט פאר ר׳ שמואל נטע׳ן דעם חלום מיט זיין פאטער, וואס האט אים שטארק דערדריקט.

ר׳ שמואל נטע׳ן האט אויך געטראפן דער חלום ווי א דינער, אבער ער האט זיך נישט פארלוירן, און אנגעשטרענגט זיך נישט ארויס צו ווייזן קיין שום איבערראשונג.

עס וואונדערט מיך אויף דיר נפתלי — האט צו אים געזאגט ר׳ שמואל נטע — דו ביזט דאך א קלוגער, א חלום זאל אויף דיר מאכן אזא איינדרוק. דו ווייסט דאך פון די גמרא „דברי חלומות לא מעלין ולא מורידין״ — חלומות האבן גארנישט וואס צו זאגן —. פארגעס דערפון אין גאנצן, און פיר דיין סדר אלעס ווייטער ווי ביזהער, און ס׳וועט אלעס זיין גוט און וואויל.

נפתלי האט זיך אנגעשטרענגט צו ווייזן ר׳ שמואל נטע׳ן דאס ער נעמט אן זיינע רייד, און וועט זיך גארנישט מאכן פונ׳ם חלום, אבער אין הארצן טיפן האט עס אים גאנץ גוט גערידערט.

ביינאכט האט זיך נפתלי געלייגט שלאפן. און האט נאכאמאל געחלומ׳ט דאס זעלבע וואס די פאריגע נאכט. זיין טאטע איז צו אים געקומען און געזאגט:

— „נפתלי מיין קינד, איך בין דיר געקומען נאכאמאל זאגן און ווארענען, אז דאס מיידל ר׳ שמואל נטע׳ס איז נישט דיין זיווג. און ווי שנעלער דו וועסט אפהאקן מיט די זאך און אוועקפארן וועט דיר זיין געזונטער, און אויך פאר זיי וועט אזוי זיין די טובה״.

נפתלי ווי ער איז אינדערפרי אויפגעשטאנען פונ׳ם געלעגער, האט זיך אים דער קאפ געדרייט פאר עגמת נפש. אז ער חלומ׳ט שוין דאס צווייטע מאל. אויף דעם זאגט דאך שוין די גמרא, אז א חלום וואס ווערט איינס נאכ׳ן אנדערן איבערגעחזר׳ט, אזא חלום ווערט מקוים.

ער האט זיך געגעסן דאס הארץ: — געוואלד! וואס זאגט מען ר׳ שמואל נטע׳ן? און וואס הייבט מען אן צוטאן און ווי קען ער טאקע אפטאן אזא אכזריות פאר ר׳ שמואל נטע׳ן און זיין שטוב?

וואס האבן אים געראטעוועט דאס לעבן, און אזויפיל גוטס געטאן צו אים.

נפתלי האט זיך צעוויינט ווי א קליין קינד, ער האט נישט געקענט זיך איינהאלטן, כאטש ס׳איז געווען א מורא אז ר׳ שמואל נטע קען יעדע מינוט אריין קומען.

און אזוי איז טאקע געווען. ר׳ שמואל נטע האט געעפנט די טיר און איז אריין געקומען, און געטראפן נפתלי׳ן וויינען מיט הייסע טרערן.

וואס איז שוין ווייטער נפתלי? — האט ר׳ שמואל נטע געפרעגט —.

נפתלי האט נישט געוואלט פארבאהאלטען פאר ר׳ שמואל נטע׳ן,און האט אים תיכף געענטפערט:

— דער טאטע מיינער איז דאס צווייטע מאל געקומען צו מיר די נאכט, און געווארנט מיך דאס אייער טאכטער איז נישט מיין זיווג, און ס׳וועט נישט ארויסקומען דערפון א טובה פארביידן.

נו, וואס זאגט איר איצטער ר׳ שמואל נטע? — האט נפתלי פארגעזעצט — איר ווייסט דאך אודאי גאנץ גוט, אז אחלום וואס חזר׳ט זיך איבער צוויימאל איינס נאכן אנדערן, קען מען שוין נישט אוועק מאכן מיט דער האנט.

ר׳ שמואל נטע האט געשוויגן. ער איז געווען געפלעפט פון נפתלי׳ס רייד, און האט נישט געוואוסט וואס אנצוהייבן צו זאגן. א פיינליכע שטילקייט האט געהערשט צווישן זיי, וואס האט געדויערט א צוויי אדער דריי מינוטן.

הער זיך איין נפתלי — האט פלוצים ר׳ שמואל נטע איבער־געבראכן די שטילקייט — דאס פארשטייסטו האך אליין, אז די זאך איז א פיינליכער ענין. דיין אפשיידן זיך פון אונז איז פאר אונז זייער א שרעקליכע ביטערע גזירה. דו ביזט דאך ביי אונז גערעכנט ווי אן אייגן קינד. און ווי שווער און ביטער דאס זאל אנקומען פאר מיין טאכטער, דאס דארף איך דיר אפילו נישט זאגן. און איך בין זיכער אז דיר איז דאס אויך זייער א שווערע ביטערע זאך זיך צושיידן פון אונז, און אוועקגיין אין די וועלט אריין. אבער דאך קענן אויבערשטנס רצון ווילן מיר קיין איינער נישט טאן חלילה.

דאריבער איז מיין פארשלאג — האט ר׳ שמואל נטע פאר־

געזעצט — מיר זאָלן נאָך מאַכן איין פּראָבע. אויב דיין טאַטע וועט קומען צו דיר אויך דאָס דריטע מאָל מיט די זעלבע רייד, דאַן מוזן מיר פון ביידע זייטן מקבל זיין די גזירה פון השי״ת באהבה, און עס ליגט אויף דיר אויסצופאָלגן דיין טאַטנ׳ס רייד. וועט אָבער דיין טאַטע מער נישט קומען צו דיר אין חלום אין דער אַנגעלעגנהייט, בלייבט אַלעס ביים אַלטן, מיטן גאַנצן פאַראַנטוואָרטליכקייט אויף די אויסגאַנג פון די זאַך. די רחמנות פון אויבערשטן איז גרויס, און מיר וועלן אים דערבעטן מיט רחמים ותחנונים, אַז עס זאָל אַלעס זיין לטובה.

ביזט איינפאַרשטאַנען אויף די זאַך, נפתלי? — האָט ר׳ שמואל נטע געפרעגט ביים סוף פון זיינע רייד —

נפתלי האָט געענטפערט מיט אַ שווער געמיט: — יאָ!

די דריטע נאַכט איז געקומען. נפתלי האָט זיך אַוועקגעלייגט אויף זיין געלעגער, מיד און צובראָכן פונ׳ם איבערלעבעניש פון דעם טאָג. ער האָט שנעל איינגעדרימלט.

קוים ס׳כאַפּט אים דער שלאָף, ער זעט פאַר זיך דעם פאָטער, דאָסמאָל זאָגט ער אים שוין שטרענגע רייד:

— נפתלי! דאָס איז דאָס לעצטע מאָל וואָס איך האָב באַקומען רשות אין הימל צוקומען צו דיר, און דיך וואָרענען, ר׳ שמואל נטע׳ס טאָכטער איז נישט דיין זיווג. גיב אַכט זאָלסט נישט טאָן אַ שריט וואָס דו וועסט דערנאָך באַדוירן איבער דיין גאַנץ לעבן. דיין זיווג איז ערגעץ אַנדערשוואו, און דו דאַרפסט פאַרלאָזן דאָס אָרט וואָס פריער. זאָלסט וויסן מיין קינד — האָט דער פאָטער פאַרענדיגט — עס וואַרט אויף דיר נאָך גרויסע זאַכן ביי דיין לעבן!

נפתלי האָט זיך אויפגעוואַכט אין דער פרי, האָט ער געוואוסט דאָס די גזירה איז אָפּגעחתמ׳עט. ער מוז פאַרלאָזן ר׳ שמואל נטע׳ס שטוב, וואָס פריער איז געזונטער.

ר׳ שמואל נטע האָט אַ גאַנצע נאַכט נישט געקענט שלאָפן, און האָט שוין זייער אומגעדולדיג געוואַרט אויף דעם פרימאָרגן.

אינדערפרי האָט ער אָנגעקלאַפּט ביי נפתלי׳ן און איז אַריין צו אים אין שטוב, ער האָט מער נישט געפרעגט: — נפתלי, יאָ?

נפתלי האָט געענטפערט מיט אַ שטיל פאַרשמאַכט קול: — יאָ! אויך דאָס דריטע מאָל.

ר׳ שמואל נטע הערנדיג נפתלי׳ס יאָ, האט ער אויסגע-שריגן: —

„יהי שם ה׳ מבורך לעולם ועד״!

(דעם אויבערשנס נאמען זאל זיין געלויבט אייביג און אויף יעדנפאל).

נפתלי, — האט ר׳ שמואל נטע געזאגט — מיר זענען אידן, ברוך השם דערפאר. און דעם אויבערשטנס רצון דארפן מיר טאָן בשמחה.

ר׳ שמואל נטע׳ס טאָן האט זיך איינגעבראכן, ס׳האט אים געשטיקט א געוויין, און האט כליפענדיגערהייט פארגעזעצט: —

— איך פארזיכער דיר נפתלי, דאס טראצדעם וואס דו מוזט פון אונז אוועקגיין, האב איך חלילה נישט די מינדסטע חרטה אויף דעם גרויסן פארמעגן וואס איך האב פארספענדעט אויף דיין ראטע-ווען דיך. און אויף די פיר יאר וואס איך האב דיך געהאלטן אין מיין שטוב בכבוד גדול מיט אלעם גוטן. אדרבה איך פיל זיך גליקליך וואס איך האב דאס געקענט טאָן. איך ווייס אויף זיכער דאס דו וועסט נאך פארשיינען די וועלט מיט דיין תורה און חכמה. און איך בין טאקע נישט ווערט צו האבן דיך פאר א איידעם.

איצט בעט איך דיך נפתלי — האט ר׳ שמואל נטע פארענ-דיגט זיינע רייד — צוויי טעג צייט וועסטו מיר געבן, דאס איך זאל מיין שטוב צוגרייטן צו דעם געשעעניש. ווייל דערווייל האבן זיי נאך נישט קיין אנונג פון דעם אלעם וואס עס קומט פאר צווישן אונז.

נפתלי האט אלעם אויסגעהערט ר׳ שמואל נטע׳ן. דאס הארץ איז אים געווען פארקלעמט, ס׳איז אים געווען שווער ארויסצורעדן א ווארט. ער האט אויף אלעם נאר געשאקעלט מיטן קאפ, אלס צייכן פון הסכמה צו ר׳ שמואל נטע׳ס רייד.

— ד —

פאר ר׳ שמואל נטע׳ן איז איצט געשטאנען א שווערע ארבעט. איבערצוגעבן דעם מצב פאר זיין שטוב. ער האט זיך אוועקגעזעצט מיט די טאכטער און די שטוב לייט, און האט זיי דערציילט די

אנטוויקלונגען מיט די דריי חלומות פון נפתלי׳ן. ער האט געענדיגט מיט זיין אויספיר, אז אפילו ווי שווער דאס קומט אן פארביידע צדדים זיך צו שיידן פון נפתלי׳ן, קען מען נישט און מ׳טאר נישט טאן גארנישט קעגן רצון השם, מ׳מוז דאס אננעמען פאר ליב, און די זאך מוז געשען. נפתלי דארף פארלאזן זייער שטוב, און לאזן זיך אין וועג אריין, ווי דער אויבערשטער וועט אים פירן.

עס איז איבעריג צו זאגן וואסערע איינדרוק די זאך האט געמאכט אויף די גאנצע שטוב, איבערהויפט אויף ר׳ שמואל נטע׳ס טאכטער, וועלכע איז שוין געווען אנטוויקלט און רייף אין פארשטאנד ווי א דערוואקסענער מענטש. זי האט אויסגעבראכן אין א יאמערליך געוויין, און אלע האבן מיטגעוויינט, אויך ר׳ שמואל נטע׳ס אויגן זענען פארלאפן געווארן מיט טרערן.

ר׳ שמואל נטע האט פארשטאנען אז ס׳איז בעסער איצט נישט ווייטער צוציען די סטרונעס, מ׳דארף זי לאזן ערשט אביסל אויסוויינען, און דאן וועט ער פארזעצן זיינע רייד זי צו בארואיגן.

ר׳ שמואל נטע איז זיך ארוים טאן זיין ארבעט אין די קרעטשמע. אין מיטן איז צוגעפאלן די נאכט, ר׳ שמואל נטע איז געווען פארנומען מיט קונים, וועלכע האבן געטרונקען און געהור־ליעט ביז שפעט אין דער נאכט. פארצוזעצן נפתלי׳ס ענין איז שוין ממילא געבליבן אויפן אנדערן טאג.

אינדערפרי, געענדיגט דאס דאווענען, און עפעס פארביסן, האט ר׳ שמואל נטע ווידער צוזאמען-גענומען די שטוב-לייט מיט די טאכטער, ער זאל זיי מחזק זיין, און מ׳זאל זיך נעמען צו גרייטן נפתלי׳ן אין וועג אריין. נאר איידער ער האט זיך גענומען רעדן האט די טאכטער געזאגט, דאס זי וויל עפעס זאגן.

זאג מיין קינד, זאג — האט ר׳ שמואל נטע צו איר געזאגט.

טאטע לעבן — האט זי אנגעהויבן אירע רייד — וועגן מיר דארפסטו דיך נישט ערגערן, און דארפסט דיך נישט באמיען מיך מחזק צו זיין. מיר האבן א פאטער אין הימל וואס ער זארגט פאר אונז אלע. און וויאזוי דער אויבערשטער וויל און וויאזוי ער פירט אזוי איז לטובה און נישט אנדערש. און איך פיל מיך גליקליך־געשעצט וואס פאר דעם געלט וואס איז געווען צוגעגרייט פאר מיינעט וועגן, איז אזא תורה-ליכט געראטעוועט געווארן. געלט איז

ביי ג־אט, און וועם ער וויל געבן גיבט ער. איך וואונש אים ער זאל באגליקן וואו ער וועט זיך קערן און ווענדן, און ער זאל האבן נאר גוטס ביי זיין גאנץ לעבן.

ר׳ שמואל נטע האט זיך צו איר צוגעבויגן, און געגעבן איר א קוש אויפ׳ן שטערן.

זאלסט מיר זיין געזונד מיין קינד — האט ר׳ שמואל נטע איר געזאגט — אין זכות פון דיינע טייערע רייד און געדאנקען, בין איך זיכער אז דער אויבערשטער וועט דיר העלפן, דאס דו וועסט נאך האבן אסאך גוטס און פרייד ביי דיין לעבן, און מיר וועלן נאך ביי דיר אסאך נחת זען.

מ׳האט זיך גענומען צו גרייטן נפתלי׳ן אין וועג. אפבאקן וואס מ׳קען מיטגעבן אויף א שטיק צייט, און איינפאקן קליידער ווארימע מלבושים א.א.וו.

ר׳ שמואל נטע איז אריין צו נפתלי׳ן אין צימער, און איבער־געגעבן אים דעם געשפרעך מיט די טאכטער, און מיט די גאנצע שטוב זיינס. און אויסגעפירט, דאס נפתלי זאל זיין גרייט אויף מארגן פרי, זיך צולאזן אין וועג. ער ר׳ שמואל נטע, וועט איינשפא־נען זיין פערד און וואגן, און ער וועט איר פירן ביז צו דעם נאנסטן גרויסע שטאט.

נפתלי איז געווען צופרידן דאס צוהערן. סיי ווי איז דאך שוין קיין אנדערער וועג נישט דא. ער מוז ר׳ שמואל נטע׳ס שטוב פאר־לאזן. אבער אין הארצן איז אים געלעגן א גרויסער ווייטאג. ער האט געפילט א גרויס רחמנות אויף ר׳ שמואל נטע און איבערהויפט אויף זיין טאכטער, ער האט דאך ביי איר צוגענומען איר גאנץ פארמעגן, ווער ווייסט וויפיל גליק וואלט זי זיך געקענט שאפן מיט דעם געלט. און דערצו האט ער דאך שוין פארשפראכן צו ווערן איר חתן. און צום סוף בלייבט זי איבער אָן א חתן און אָן געלט פאר א נדן.

* * *

נפתלי האט זיך געשטארקט אין זיינע געדאנקען. השי״ת איז דאך דער גרעסטער בעל רחמנות פון אלעמען, און אז ער פירט אזוי די זאך, דארף מען דאס אננעמען מיט אהבה און אפילו מיט שמחה.

אויף מארגן, ווען אלעס איז שוין גרייט געווען פאר נפתלי׳ן אין וועג אריין, אלע פעק איינגעפאקט גוט. איז ר׳ שמואל נטע אריין צו נפתלי׳ן אין צימער און געזאגט אים, האס ער זאל אריינקומען זען צו אלעס איז איינגעפאקט אים צופרידנשטעלנדיג, און זיך געזעגענען מיט זיין פאמיליע.

נפתלי איז אריין אין די שטוב, וואו ר׳ שמואל נטע׳ס פאמיליע מיט די טאכטער זענען געווען.

ווי נפתלי האט זיך באוויזן אין שטוב, מיט זיין ליכטיגע צורה, דערזעענדיג אים האט ר׳ שמואל נטע׳ס טאכטער נישט געקענט זיך באהערשן, און זי האט אויסגעבראכן אין א הילעכדיגן יאמערליך געוויין. אומזיסט האט זיזיך אנגעשטרענגט זיך איינצוהאלטן, אבער עס איז נישט געגאנגען.

נפתלי האט דאס באמערקט, און דערהערט איר געוויין. ער האט זיך אויסגעדרייט און איז צוריק אריין אין זיין צימער. ער האט פארשלאסן די טיר פון אינעווייניג.

נפתלי האט זיך גענומען אויסגיסן זיין הארץ פאר השי״ת, מיט פארשידענע ווערטער און טענות. די רייד זיינע וואס ער האט גערעדט האט מען נישט ארויסגעהערט, אבער מ׳האט געהערט א געוויין און א געשריי מיט אזא יאמערליך קול דאס עס האט געקענט א הארץ צורייסן.

דריי שעה האט נפתלי פארברענגט אין זיין צימער. צום סוף האט מען געהערט ווי ער איז שטיל געווארן. און א שטיקל צייט דערויף האט נפתלי געעפנט די טיר און איז ארויסגעקומען צו ר׳ שמואל נטע׳ן מיט זיין פאמיליע.

נפתלי׳ס צורה האט געפלאמט און געלויכטן ווי א פאקל.

הערט מיך צו ר׳ שמואל נטע — האט זיך נפתלי מיט זיינע רייד דאס ערשטע מאל אין זיין לעבן אנטפלעקט אלץ געטליכער מאן — דריי זאכן האב איך געפועל׳ט ביי השי״ת.

איינס, דאס אייער טאכטער וועט האבן א מאן א תלמיד חכם מופלג און א איידילער מענטש, און ס׳וועט ביי איר אין שטוב זיין „תורה וגדולה במקום אחד״.

דאס צווייטע, די דריי טויזנט גולדן וואס זי האט אוועק־געגעבן אויף צוראטעווען מיין לעבן, וועט קומען א צייט דאס איך

װעל איר דאס אפגעבן צוריק בשלימות, עס װעט נישט פעלן איין גולדן.

דאס דריטע, דאס זי װעט זען ביי אירע קינדער און קינדס קינדער גרוים נחת און פרייד.

נו איצט ר׳ שמואל נטע — האט נפתלי פארענדיגט — מיר דארפן זיך לאזן אין װעג.

נפתלי האט ביים געזעגענען זיך נאך אנגעװאונשן א סאך ברכות פאר ר׳ שמואל נטע׳ן און זיין שטוב. ר׳ שמואל נטע מיט נפתלי׳ן האבן זיך געזעצט אויפ׳ן װאגן און אפגעפארן אין א מזל׳דיגע שעה.

זיי זענען אנגעקומען אין די ערשטע גרויסע שטאט, האבן זיי זיך געפרעגט אויפ׳ן רב און זענען אהין געפארן. דארט האט זיך ר׳ שמואל נטע געזעגנט מיט נפתלי, און געװאונשן זיך איינער דעם צװייטן נאך א סאך ברכות, און ר׳ שמואל נטע איז געפארן צוריק אין זיין דארף.

— ה —

פופצן יאר זענען פאריבער. דער געװעזענער אינגל נפתלי, איז איצט שוין געװען דער װעלט בארימטער גאון און צדיק רבי נפתלי כץ רב ואב״ד אין פוזנא. פון די גאנצע װעלט האט מען זיך געװענדעט צו אים מיט די שװערסטע שאלות. רבנים גאונים זענען געשטאנען פאר אים „כעבדא קמי׳ מרא״ — װי א קנעכט פאר זיין האר —. אויך האט מען זיך געװענדעט צו אים װעגן ישועות און רפואות, צו באקומען א ברכה פון דעם הייליגן צדיק

אין א קליין שטעטל נישט װייט פון פוזנא, האט געװאוינט א איד א יונגערמאן רבי אברהם דוד. דער רא״ד איז געװען א גרויסער תלמיד חכם א בעל הוראה און אויך א גרויסער צדיק. ער האט נישט געװאלט נהנה זיין פון די תורה, האט ער קיין רבנות שטעלע נישט אנגענומען, ער האט געהאנדלט מיט תבואה. אבער פאקטיש, אזוי װי ס׳איז אין דעם שטעטל קיין רב נישט געװען, האט רבי אברהם דוד געפסק׳ינט שאלות פארן שטעטל, און מען האט אים כבוד אנגעטאן פונקט װי פאר א רב.

אין זיין האנדל האט ער מצליח געװען ניש-קשה. די פויערן פונ׳ם דארף און פון די גאנצע געגנט ארום, האבן צו אים געהאט

גרויס צוטרוי און האָבן גערן געהאַנדלט מיט אים. קיין עושר איז ער נישט געווען, ס׳האָט אים געפעלט קאַפּיטאַל צום געשעפט, אָבער פּרנסה האָט ער געהאַט בכבוד. און דערצו איז זיין שטוב געווען אָפן פאַר אַלע אורחים און דורכפאָרערס, אַ דאַנק וואָס ער האָט געהאַט אַ ווייב אַ אשת חיל, און ס׳איז ביי איר געווען דאָס גאַנצע חיות צו באַדינען אורחים. דעריבער אַלע אורחים וואָס האָבן זיך פאַרוואָרפן אין דעם שטעטל, זענען געווען ר׳ אברהם דוד׳ס געסט, דאָרט האָבן זיי געגעסן און געשלאָפן בכבוד גדול.

איין זאַך האָט ראַ״ד׳ן מיט זיין ווייב פאַרשטערט די שמחה. באַלד ווערט שוין צען יאָר נאָך זייער חתונה, און האָבן נאָך קיין קינדער געהאַט. זיי האָבן אַ סאַך געבעטן ביי השי״ת מיט הייסע טרערן דאָס זיי זאָלן געהאָלפן ווערן מיט אַ קינד, אָבער דערווייל האָט זיך די ישועה נאָך געצעגערט.

איינמאָל אויפדערנאַכט, ר׳ אברהם דוד זיצט און רעדט מיט זיין ווייב, פון זייער ביטערן מצב, דאָס ס׳איז שוין באַלד צען יאָר, און נאָך קיין שום סימן פון אַ ישועה. אין מיטן רופט זיך אָן ראַ״ד צו זיין ווייב:

— כ׳האָב געהערט דאָס נישט לאַנג האָט מען אויפגענומען אין פּוזנאַ פאַר אַ רב אַ וועלט־באַרימטן גאון און צדיק. מ׳זאָגט אויף אים דאָס ער איז אַ געטליכער מאַן, און מ׳ווערט ביי אים געהאָלפן מיט פאַרשידענע ישועות. אַז מ׳דאַרף גיט ער אַ קמיע, וואָס ווירקט וואונדערליך. מ׳דערציילט אויף אים גרויסע מופתים, שוין כמה מענטשן זענען ביי אים געהאָלפן געוואָרן מיט קינדער.

דעריבער וואָלט איך געמיינט — האָט ראַ״ד פאַרגעזעצט — אויב דו ביסט מסכים, דאָס מיר זאָלן אַריינפאָרן אין פּוזנאַ, און גיין צום רב בעטן אים שטאַרק, ער זאָל פאַר אונז אויספּועל׳ן אין הימל אַ ישועה. אפשר וועט זיין אַן עת רצון דאָס מיר וועלן קענען געהאָלפן ווערן.

אַ חוץ דעם, האָב איך שוין לאַנג געדענקט, דאָס איך וואָלט געדאַרפט זיין אין די גרויסע שטאָט פּוזנאַ, עפּעס אומקוקן זיך אַנבעלאַנגט מיין מסחר, איך קען דאָרט מאַכן גוטע פאַרבינדונגען וואָס קענען מיר שטאַרק צונוץ קומען געשעפטליך.

זיין ווייב האָט געענטפערט: — אין אמת׳ן אַריין, אין מיינע

אויגן ביזטו אויך א צדיק, און דיין תפלה איז זיכער חשוב אין הימל. נאר אזוי ווי „אן ארעסטאנט קען זיך אליין נישט באפרייען פון די תפיסה" מ'מוז אמאל אנקומען צו א צווייטן ער זאל איינעם העלפן, דאריבער בין איך מסכים בשמחה, דאס מיר זאלן ארייפארן צו דעם גרויסן צדיק פוזנער רב ווענן א ישועה, אפשר וועט השי"ת העלפען דאס מיר וועלן הארט געהאלפן ווערן. און מיר דארפן טאקע זען וואס פריער דאס צו טאן — האט זי פארענדיגט.

רבי אברהם דוד האט אפגערעדט מיט זיין ווייב, אז די קומענדע וואך זונטיג וועלן זיי זיך אי"ה לאזן אין וועג אריין קיין פוזנא אין א גוטע שעה.

* * *

רבי אברהם דוד מיט זיין ווייב זענען מאנטאג פארנאכט אנגעקומען לשלום אין פוזנא. זיי האבן זיך געדונגען א גוטע סטאנ־ציע, ווי זיי דענקען צופארברענגען בערך א וואך צייט.

דינסטאג האבן זיי זיך ערקונדיגט, ווען מ'קען אריין גיין צום רבי'ן, האט מען זיי מודיע געווען דאס דער רבי איז איצט שטארק פארגריפן מיט א דין תורה, ערשט מיטוואך נאכמיטאג וועט ער אויפנעמען פרעמדע געסט.

רא"ד האט געזאגט צו זיין ווייב, דאס ער ווייסט א נאמען פון א גרויסן תבואה סוחר אין פוזנא, און אזוי ווי ער האט היינט אביסל צייט, וויל ער דאס אויסנוצן אויף דעם דאס ער זאל זיך מיט דעם סוחר זען, און דורכרעדן פארשידענע זאכן אין מסחר וואס קען אים ברענגען נוצן. נאר דאס ערשטע דארף מען געוואויר ווערן די אדרעס פון דעם סוחר.

דאס איז נישט קיין שווערע זאך צו דערוויסן זיך — האט דאס ווייב געזאגט — דו זאג מיר זיין נאמען, און איך וועל ארונטער־גיין אין די גאס און איך וועל זיך ערקונדיגן.

זי איז טאקע ארויס אין די גאס, און אין פארלויף פון א האלבע שעה איז זי געווען צוריק, מיט די גענויע אדרעס פון דעם סוחר. און זי האט געזאגט צו איר מאן: —

הער זיך איין אברהם דוד, דאס געשעפט פון דער סוחר קומט אויס, לויט ווי מ'האט מיר געזאגט, א ביסל אויסער די שטאט. איך

וועל דיך נישט לאָזן אַהין גיין, און מבטל זיין דיין טייערע צייט, דו קענסט בלייבן דאָ אין סטאַנציע און לערנען, איך וועל אַהין גיין און וועל אים זאָגן דאָס דו ווילסט דיך מיט אים זען אין געשעפטס־אַנגעלעגנהייט. און אַזוי ווי ער קומט אוודאי אַ סאַך אַריין אין שטאָט, וועל איך אים בעטן דאָס ער זאָל מוחל זיין אַריינקומען דאָ אין אונזער סטאַנציע, און דו וועסט דיך מיט אים אַ דורך רעדן. ער וועט עס אַ וודאי גערן טאָן.

נו וועל איך דיך לאָזן אַ פרוי אַליין גיין אַהין?! — האָט ראַ״ד געזאָגט — איבערהויפּט אין אַ פרעמדע שטאָט, דו ווייסט אפילו נישט וואו מ׳גייט.

זעסטו אברהם דוד — האָט זי געזאָגט — דאָס ביזטו גערעכט. אָבער איך וועל רעדן מיט דעם בעל הבית פון אונזער סטאַנציע, אפשר ווייס ער עפּעס אַ פרוי וואָס זי דאַרף דאָרט גיין יענעם וועג, און זי זאָל מיך קענען באַגלייטן.

דער בעל אכסניא האָט טאַקע געהאַט אַ פרוי וואָס זי אַרבעט ביי אים, און זי וואוינט אין יענע געגנט, זי גייט היינט גראָדע פריער אַ היים ווי אַן אַנדערסמאָל, זי וועט קענען באַגלייטן ר׳ אברהם דוד׳ס פרוי, און צופירן צו די געוויסע אַדרעס.

און וואָס איז מיט צוריק? — האָט ראַ״ד געפרעגט.

אויף צוריק — האָט דאָס ווייב געזאָגט, און דער בעל אכסניא האָט אויך צוגעשטימט דערצו — וועט זיך שוין טרעפן עמיצער וואָס ער קומט אַריין אין שטאָט און זי וועט קענען מיטקומען אָדער אים נאָכגיין טריט ביי טריט. אפשר דער סוחר אַליין וועט איר באַזאָרגן אַ באַגלייטער.

ראַ״ד האָט געזען אַז זי שפּאַרט זיך אַזוי איין צו גיין, כדי ער זאָל נישט דאַרפן גיין, האָט ער איר — נישט מיט קיין לייכט האַרץ — נאָכגעגעבן. און געגעבן איר אַ ברכה זי זאָל מצליח זיין ביים גיין און ביים קומען.

זי איז געגאַנגען צו דעם סוחר. ס׳איז טאַקע געווען אויסער די שטאָט, אָבער אַ גאַנץ אַ גלייכער וועג, איין לאַנגער גאַס פון זייער סטאַנציע כמעט ביז צום סוחר, נאָר אַביסל האָט מען געדאַרפט צום סוף פאַר קירעווען זיך פון דער גרויסער גאַס. אין אַ זייטן געסל. זי האָט דעם סוחר נישט געטראָפן אין דערהיים, ער איז

געווען א אוועקגערייזט. ערשט דעם אנדערן טאג מיטוואך וועט ער א היים קומען.

ס'פארשטייט זיך, דאס זי האט נישט געוואלט בלייבן דארט אויף איבערנאכט, לאזן דעם מאן אליין, און דער מאן וועט איבער־קלערן.

זי איז ארויס צוריק אין דער גאס. זי האט נישט געזען קיין איד גיין אין דעם ריכטונג אין שטאט אריין. פארזוימען האט זי זיך נישט געוואלט, באלד פאלט צו די נאכט. און זי וויל וואס שנעלער זיין צוריק אין די סטאנציע ביים מאן. האט זי גארנישט געקלערט, זי האט זיך געלאזט גיין צוריק אין שטאט אויף דעם וועג וואס זי האט זיך איינגעפאסט אין זכרון ביים קומען, וואס איז אייגענטליך געווען — ווי שוין אויבן געמאלדען — א גלייכער וועג, נאכדעם ווי מ'האט זיך צוריק ארויף געדרייט פונ'ם זייטן געסעלע אויף די גרויסע גאס.

* * *

הארט ביים עק שטאט פוזנא, איז געווען א גרויסע שטיי־נערנע געביידע פון דריי שטאקן. ברייט און לאנג, פארנומען א גאנצען סקווער. דאס איז געווען די פאליציי־הויפט קווארטיר. אלע פאליצאנטן פון די שטאט פוזנא זענען דארט א דורכגעגאנגען. פון דארט זענען ארויסגעקומען אלע פאראָרדענונגען פאר די פאליציי, דארט האבן זיך געביטן די משמרות פון טאג און פון נאכט. און די פאליזן וועלכע האבן נישט געהאט קיין פאמיליע האבן געוואוינט אויך אין די געביידע, יעדער פאר זיך א צימער.

די געביידע איז געשטאנען פונקט ביים עק פון די גרויסע גאס, דארט ווי ר' אברהם דוד'ס ווייב האט זיך פארקירעוועט אין א זייטן געסל גייענדיג צו דעם תבואה סוחר.

די שטימונג פון די פאליצאנטן אין פוזנא איז געווען שטארק אנטיסעמיטיש, אזוי ווי כמעט אין אלע צייטן אין דייטשלאנד. אין די שטאט ווען זיי זענען געשטאנען אויף זייערע פאסטנס היטן די ארדענונג, האבן זיי נישט אזוי ארויסגעוויזן ווייל די אפיציעלע שטעלונג פון די רעגירונג איז גראדע געווען א מעסיגע לגבי די אידן פראגע. דאריבער אבער ווען זיי האבן זיך געפונען דארט אין זייער קאזערמע אביסל אויסער די שטאט, נישט אזוי פאר די מענטשם

אויגן, אַז זיי האָבן אַמאָל דאָרט אַריינבאַקומען אַ איד אין זייערע הענט, איז נעביך געווען אויף אים אַ גרויס רחמנות, זיי האָבן זיך געאיזדעקעוועט איבער אים וויזוי זיי האָבן נאָר געוואָלט.

נישט איינמאָל פלעגט פאַרצוקומען, דאָס אַ איד איז דאָרט פאַרבייגעגאַנגען, נישט וויסנדיג פון גאָרנישט. האָט אים דאָרט אַ פּאָליז אָפּגעשטעלט און געבעטן שריפטן, און אַלעמאָל געטראָפן עפּעס אַ פּגם, אָבער סתם עפּעס אַ בלבול, און האָט אים געהייסן אַריינגיין אין די געביידע אויף פעסטצושטעלן די זאַכן. ווי נאָר ער האָט איבער־געטרעטן די שוועל פון דעם אייזערנעם טויער, איז ער שוין געווען הפקר פאַר די קאַפּריזן פון צענדליגע אַנטיסעמיטישע פּאָליזן. געווענ־ליך האָט מען אים דאָרט געהאַלטן ווינציגסטן כאָטש איין נאַכט מיט שרעקליכע באַדינגונגען, ס'האָט געהייסן פאַר אויספאַרשונגס וועגן, און אינדערפרי האָט מען אים געגעבן אַבריק אַרויס, גיי! נישט איינמאָל איז פון דאָרט אַרויס אַ איד אַ צוקאַלעטשעטער מיט ביילן און וואונדן. צו פאַרקלאָגן זיך ביי העכערע אינסטאַנצן האָט נישט געהאַט קיין זין, זיי זענען אַלעמאָל אַרויס די גערעכטע, אָדער זיי האָבן געלייקנט די גאַנצע מעשה, אָדער דער איד האָט זיך דאָס פאַרדינט מיט זיין אויפפירונג. און דערצו האָט מען נאָך מורא געהאַט פאַר זייער נקמה נעמען.

אידן וועלכע האָבן געוואוינט אין יענע געגנט, אָדער ס'איז זיי אויסגעקומען אין יענע געגענט צו גיין, האָבן שוין געוואוסט וויאַזוי אויסצומיידן די געביידע, מ'האָט זיך פאַרקירעוועט אַ גאַס בעפאַר וכדומה.

ר' אברהם דוד'ס ווייב האָט מען נישט אויפמערקזאַם געמאַכט אויף די זאַך, און זי האָט פון גאָרנישט געוואוסט. איז, ווען זי איז געגאַנגען צום סוחר איז נאָך געווען שטאַרק בייטאָג, און ס'איז געווען גראָדע שטיל דאָרט פאַר די געביידע, ס'האָבן זיך נישט געדרייט קיין פּאָליזן. אָבער ווען זי איז געקומען צוריק, איז שוין געווען פאַרנאַכט, ווי ס'הייבט אָן צו פינסטערן, איז פונקט געווען די ערגסטע צייט, ווען די פּאָליזן זענען געקומען בייטן די משמרות, און ס'האָט דאָרט געזשומעט פאַר די געביידע.

ווי זי האָט זיך אַ דריי אַריין געגעבן פון'ם זייטן געסל אין די גרויסע גאַס, און אַנגעהויבן צו גיין פאַרן פראָנט פון דער פּאָליציי־

אישער געביידע, זענען געשטאנען א חברה פאליזן און געשמועסט און געוויצלט זיך ווי זייער שטייגער. ווי זיי האבן דערזען די פרוי, האט איינער אויפמערקזאם געמאכט אז דאס איז א אידישע, ער דערקענט אויפ׳ן פנים און אויפ׳ן געשטעל, מ׳דארף מיט איר מאכן א שפיצל, אריינגעמען איר אינעווייניג און אפלערנען איר אויף צו־געדענקען.

האלט! — האט צו איר געזאגט דער פאליז — ביטע ווייזן דאקומענטן!

ס׳שטימט נישט אַלעס. מ׳הייסט איר אריין גיין אין הויף. זי וויגערט זיך און ווערט זיך אבער ס׳העלפט קיין זאך, זי האט געמוזט אריין גיין אינעווייניג. דארט האט זיך אנגעהויבן פאר איר א גיהנם, מ׳האט איר אהער געשלעפט און אהין געשלעפט, אפגעמאטערט איר ביז צו חלשות. דאס האט אנגעהאלטן אזוי א שעה אנדערהאלבן. ס׳איז שוין געווען שטארק נאכט.

פלוצים קומט אָן א פאליז מיט עפעס א העכערן ראנג און פרעגט וואס קומט דא פאר מיט די פרוי? ווי ער האט געהערט אז ס׳איז א אידישע, האט ער איר אריינגעפירט אין זיין פריוואט צימער און געפרעגט איר א פּאָר שאלות, דאן האט ער געזאגט דאס ער גייט א ביסל אוועק, און זי דארף דאווארטן אויף אים ווילאנג ער קומט צוריק.

דער פאליז־אפיציר איז אוועק, און זי איז געבליבן אליין אין צימער. די פענסטער פונ׳ם צימער האט ארויסגעקוקט צום טויער, ס׳האט געקענט זיין ביז צום טויער אין גאנצן א צען מעטער. אין דרויסן פון טויער איז געשטאנען וואך א פאליז, ער האט זיך געדרייט ארויף און אראפּ.

אין מיטן איז אין הויף געווארן שוין כמעט אין גאנצן שטיל, ס׳האט זיך שוין נאר געהערט בלאזן א ווינטערדיגער קאלטער ווינט.

זי האט באמערקט אין צימער אויפן וואנט הענגען א גראבן פאליצייאישן ווינטער פעלץ און אויך א פאליציאייש היטל. ס׳איז איר דורכגעלאפן א געדאנק, זי מוז עפעס טאן זיך צוראטעווען, אבער שנעל ווילאנג עס ווערט נישט שפעט. זי האט א כאפּ געגעבן אויף זיך דעם פעלץ דעם קאלנער ארויפגעדרייט, סיידי איז אין דרויסן ווינטער, זי האט אנגעטאן אויפן קאפּ דאס פאליצייאישע היטל. געבעטן צו השי״ת א קורצע תפלה, עס זאל דערוועקט ווערן אויף איר זיין רחמנות און

העלפן איר צו ראַטעווען זיך פון די רשעים. זי האָט געעפנט די טיר און אַרויסגעטרעטן אויפן הויף, עס איז געווען אַ פינסטערע נישט לבנה׳דיגע נאַכט, זי איז מיט שנעלע טריט געגאַנגען צום טויער.

דער שומר ביים טויער וועלכער האָט געוויינליך אַרומשפּאַצירט אויף אַ שטח פון אַכט אָדער צען מעטער, איז גראָדע געווען דערווייטערט פונ׳ם טויער אַ זעקס־זיבן מעטער. ווען זי איז אַרויס פונ׳ם טויער האָט ער זיך אַזוי אַ האַלבן קער געגעבן צו זען ווער ס׳גייט אַרויס, האָט ער געזען דעם פּאָליצייאישן מונדיר מיטן היטל מער האָט אים נישט אינטערעסירט, און האָט געלאָזט איר גיין.

זי איז אַזוי געגאַנגען אַ פּופציג מעטער מיט אַ איינגעהאַלטענעם אָטעם, און ווי זי האָט געזען אַז זי איז שוין אַרויס פונ׳ם שטח פון די געביידע, האָט זי אויפגעאָטעמט פריי, און אויפגעהויבן די אויגן צום הייליגן באַשעפער פאַר זיינע חסדים, און געבעטן ער זאָל שיקן זיינע מלאכים זאָלן איר באַגלייטן ווייטער, זי זאָל לשלום אָנקומען צום מאַן אָן שום פגם ומכשול. זי איז געגאַנגען שנעל ווי די ווינט וואָלט איר געטראָגן זי האָט זיך נישט אָפּגעשטעלט ביז צו די סטאַנציע.

* * *

ר׳ אברהם דוד האָט געזען אַז ס׳איז פאַריבער עטליכע שעה, און ס׳איז שוין שטאַרק נאַכט, און זי קומט נישט צוריק, ס׳פאַרשטייט זיך דאָס ער איז געוואָרן שטאַרק באַאומרואיגט. עפּעס האָט געמוזט פּאַסירן. ער האָט שטאַרק חרטה געהאַט וואָס ער האָט איר געלאָזט גיין, ער האָט זיך נישט געקענט מוחל זיין ווי האָט ער געקענט טאָן אַזאַ פעלער־שריט. דאָס האַרץ האָט אים געקלאַפּט פאַר שרעק, ער האָט גענומען אַ תהלים׳ל און געזאָגט מיט אַ צובראָכן האַרץ, געבעטן ביי השי״ת אַז ער זאָל איר היטן און זי זאָל צוריק קומען ווי אומשנעלסטן לשלום.

אַ קלאַפּ אין די טיר.

ראַ״ד ענטפערט: יאָ, אַריין.

דאָס ווייב קומט אַריין, בעסער געזאָגט, פאַלט אַריין אין צימער מיט די לעצטע כוחות, אַזוי מיט׳ן פּאָליצייאישן פעלץ און היטל.

ראַ״ד דערשרעקט זיך, ער דערקענט זיין ווייב, אָבער ער ווייסט נישט וואָס דאָ קומט פאָר.

זי ווארפט פון זיך אראפ דעם פעלץ מיטן היטל. זי זאגט נאר אזויפיל „הודו לה׳ כי טוב״ געלויבט איז זיין ליבער נאמען וואס האט מיט געראטעוועט פון די רשעים.

זי ווינקט פארן מאן, אז זי האט נישט קיין כח גארנ׳שט צו־רעדן, זי מוז זיך ערשט אויסרוען.

רא״ד זאגט: — נו נו, און ווייזט אויפ׳ן געלעגער.

זי ווארפט זיך אראפ אויפן בעט מיט טיפע קרעכצן. און ס׳געדוירט א פאר מינוט זי דרימלט איין.

ווען זי איז אויפגעקומען האט רא״ד נאך געשלאפן, ווייל ער האט זייער שפעט איינגעדרימלט.

אינדערפרי, האט רא״ד געהאלטן אז ער דארף קודם דאווענען. דער עיקר איז דאך אז דאס ווייב איז דא צוריק לשלום, אויסצוהערן איר היסטאריע וואס האט מיט איר פאסירט, דאס איז שוין נישט דוחה דאס דאווענען.

נאכן דאווענען האט זיך רא״ד אוועקגעזעצט מיט׳ן ווייב און געבעטן איר זי זאל אלעם דערציילן וואס איז איבער איר פאריבער.

דאס ערשטע האט זי איבערגעגעבן, דאס זי האט דעם סוחר נישט געטראפן אין דערהיים, און זי האט זיך געלאזט גיין צוריק.

דאן האט זי אלעם געטרי דערציילט מיט די פאליצאנטן די רשעים ווי זיי האבן איר געמוטשעט, און דערנאך מיט דעם אפיציר וואס האט איר אריינגענומען אין זיין צימער, און איבערגעלאזט איר דארטן, און ווי ס׳איז איר איינגעפאלן צונעמען אויף זיך דעם פאליציייאישן ווינטער פעלץ וואס איז געהאנגען אויף דער וואנט מיט׳ן היטל, און זי איז ארויס פונ׳ם צימער, און ארוים ביים טויער לשלום, און איצט דארפן זיי אפגעבן א שבח והודי׳ צום הייליגן באשעפער וואס האט איר געראטעוועט פון דעם לייבן גרוב.

רבי אברהם דוד איז דערציטערט געווארן פון די מעשה. ער האט א שטיק צייט געשוויגן. דאן האט ער איר געזאגט, דאס עס איז טאקע א מעשה פלא, די זאך וואס עס איז אויף איר פאריבער, און אזוי ווי זיי גייען דאך באלד סיוויי צום פוזנער רב׳ין, וועגן די זאך וואס זיי זענען געקומען, מזכיר זיין זיך אויף קינדער, וועט ער שוין איינוועגס דערציילן די גאנצע מעשה פארן רבי׳ן, און מ׳וועט אים איבערגעבן פינקטליך אלע איינצלהייטן...

ראַ״ד האָט גענומען אַ גרויסן רענצל, און אַריינגעלייגט דאָס דיקע פּאָליציייאַישע פּעלז מיטן היטל, על זאָל דאָס מיטנעמען צום רבי׳ן, מ׳זאָל קענען אַלעס ווייזן פּינקטליך. און הערן אויך פון רבי׳ן אַן עצה וואָס מ׳טוט מיט דעם פּעלץ.

* * *

ראַ״ד מיט זיין ווייב זענען געגאַנגען צום רבי׳ן רבי נפתלי, דער רבי האָט זיי אויפגענומען — ווי זיין שטייגער — מיט אַ פרייליך פּנים.

ראַ״ד האָט דערציילט דאָס זיי זענען געקומען צופאָרן אויף פּוזנא צום רב׳ין, מזכיר זיין זיך וועגן קינדער, ס׳ווערט שוין צען יאָר וואָס זיי וואוינען צוזאַמען און דאָס האַרץ גייט זיי אויס גע־האַלפן צו ווערן, דער רבי זאָל בעטען פאַר זיי און טאָן עפּעס באַזונדערעס דאָס זיי זאָלן האָבן אַ ישועה.

נאָר איינוועגס וויל ער איצט אויך איבערגעבן דעם רבי׳ן אַ מעשה פלא וואָס ס׳האָט פּאַסירט מיט זיין ווייב נעכטן נאַכט, און געבעטן דער רבי זאָל אַנטשולדיגן, זיין ווייב אַליין וועט אַלעס דער־ציילן פּינקטליך.

זי האָט טאַקע אַלעס פּינקטליך דערציילט, ביז צום ענדע, ווי זי איז אַנטלאָפן אַנגעטאָן מיט דעם פּעלץ און היטל וואָס איז דאָרט געהאַנגען אויף דער וואַנט, און זי איז ב״ה אַנגעקומען צוריק צו די סטאַנציע לשלום.

דאַ האָט ראַ״ד אַרויסגענומען דעם פּעלז פונ׳ם רענצל אויך דאָס היטל און געוויזן דעם רבי׳ן:

—אָט, דאָס איז עס.

דער רבי האָט זיך שטאַרק פאַרטראַכט ביי די מעשה, און איז געזעסן מיט אַ מין דביקות אַ שטיק צייט.

פּלוצים האָט זיך דער רבי אַ טרייסל געטאָן, ווי איינער ערוואַכט פון אַ שלאָף. און ער האָט אַנגעהויבן שטעלן שאלות פאַר ר׳ אברהם דוד׳ן.

פון וואו קומט איר? וואָס טוט איר איגדערהיים? פון וואו איז אייער שטאָם?

ראַ״ד האָט פאַרשטייט זיך גערן געענטפערט אויף אַלע שאלות. און אַזוי נאָך איז צווישן רבי׳ן און ראַ״ד פאַרקניפּט געוואָרן אַ שמועס,

ביז ס׳איז שוין אויסגעקומען צורעדן אביסל אין לערנען און אין זאכן פון עבודת השם.

מ׳האט דערקענט אויפ׳ן רבי׳ן ר׳ נפתלי׳ס צורה, דאס ער איז אנגענעם איבערראשט, וואס ער זעט דאס ער האט דא צוטאן נישט מיט קיין דורכשניטליכן מענטש, נאר א איד פול מיט תורה און צדקות.

דערנאך האט זיך דער רבי געווענדעט צו ר׳ אברהם דוד׳ס ווייב, און האט אנגעהויבן צו פרעגן שאלות.

ווער זי איז? פון וואו זי קומט אהער? א.א.וו.

זי האט געענטפערט, דאס פון דערהיים איז זי פון א דארף נישט ווייט פון פראג. ס׳האט זיך אזוי צוגעפירט פונ׳ם אויבערשטן „סיבת כל הסיבות" דאס זי איז פארוואלגערט געווארן אויף אזוי ווייט פון איר היים, ווייל איר מאן רא״ד איז פון די געגנט, און זיי האבן זיך באזעצט דא אין א שטעטל נישט ווייט פון פוזנא.

דער רבי אינטערעסירט זיך:

— וואס טוט אייער טאטע אין דעם דארף? וואס איז זיין באשעפטיגונג?

— ער האט א קרעטשמע — ענטפערט זי.

ווי איז זיין נאמען? — פרעגט זי דער רבי.

— ר׳ שמואל נטע — ענטפערט זי.

דער רבי ווערט בלאס, ער בלייבט שטיל א פאר מינוטן און טראכט.

דער רבי רופט זיך אן צו רא״ד —ווייזט מיר נאכאמאל דעם פעלץ

רא״ד פארשטייט נישט וואס דער רבי וויל פון דעם פעלץ אבער ער פרעגט נישט איבער, ער נעמט דאס פעלץ און האלט עס אין די האנט צושפרייט, דער רבי זאל עס גוט זען. ס׳איז אים גאר־נישט אזוי גרינג אנגעקומען צוהאלטן דעם שטארק שווערן פעלץ אין די האנט.

דער רבי באטראכט דעם פעלץ מיט דורכדרינגליכע אויגן.

נו, גיט מיר אהער דעם פעלץ — זאגט דער רבי.

און גיט מיר אויך אהער א שער.

און קומט אהער אביסל נענטער — זאגט דער רבי — וועט איר זען איצטער די וואונדערליכע השגחה פונ׳ם באשעפער.

דער רבי נעמט דעם פעלעל און שפרייט אים אוים אויף א טיש, דערנאך נעמט ער דעם שער און שניידט אויף דעם פוטער פון דעם פעלץ פון פארנט. דער רבי שלעפט ארוים א לענגליך זעקל וואם איז געווען אריינגענייט פון אינעווייניג, און זאגט:

— נו, דא האט איר ר׳ שמואל נטע׳ם טאכטער, אייערע דריי טויזנט גולדן, ס׳פעלט נישט דערפון א גראשן, און איך בין דאס אינגל נפתלי, וואס אייער טאטע האט געראטעוועט פון טויט, מיט אייערע דריי טויזנט גולדן.

ר׳ אברהם דוד׳ם ווייב איז געווארן ווייס ווי קאלעך, זי האט נישט געקענט ארויסרעדן א ווארט, זי איז געווען נאנט צו חלשות.

דער רבי ר׳ נפתלי האט געהייסן דערלאנגען איר א ביסל לימענע מיט צוקער. זי איז צוביסלעך צו זיך געקומען.

בארואיגט אייך ר׳ שמואל נטע׳ם טאכטער — זאגט דער רבי ר׳ נפתלי — ס׳ווארט נאך אויף אייך א סאך נחת ביי אייער לעבן.

פון לאנג ווארט איך שוין אויף אייך — האט רבי נפתלי פארגעזעצט — א סאך טרערן האב איך פארגאסן פארן הייליגן באשעפער, ביז ווילאנג כ׳האב אייך געקענט ממשיך זיין צו מיר.

איצט ר׳ אברהם דוד — האט רבי נפתלי געזאגט צו אים — איך זאג עדות דאס אייער ווייב איז א צדיקת, דאס איז זי געווען, און דאס איז זי... און זי וועט נאך מיט׳ן אויבערשטנס הילף האבן קינדער, פיינע און וואוילע.

און איר ר׳ שמואל נטע׳ם טאכטער — האט דער רבי ר׳ נפתלי זיך געווענדעט צו איר — איך האב אייך דעמאלם ביים געזעגענען צוגעזאגט דריי זאכן.

איינס, איר וועט האבן א מאן א תלמיד חכם און א איידילער מענטש. נו, דאס ווייסט איר דאך אליין אויך גוט, אז עס איז ב״ה מקוים געווארן.

דאס צווייטע, די דריי טויזנט גולדן אייערע, וואס אייער פאטער האט אוועקגעגעבן אויף אויסלייזן מיך און ראטעווען מיין לעבן, האט איר דורך מיר צוריק באקומען בשלימות. און וויסן זאלט איר דאס דער דאזיגער פאליז־אפיציר איז דער אייגענער פאליז וואס אייער טאטע האט מיך אויסגעלייזט פון זיינע הענט.

—דעמאלם — האט דער רבי ערקלערט — אין אייער טאטנס

שטוב ווען דער פאליז האט אין האנט באקומען די דריי טויזנט גולדן, האב איך געזען ווי ער האט דאס אריין געגייט אין זיין פעלז. און איצט ווי איך האב דערזען דעם פעלז האב איך אים דערקענט אז ס'איז יענער פעלז. איך האב פארשטאנען תיכף דאס די גאנצע מעשה וואס האט מיט אייך פאסירט די נאכט איז געווען כדי דער פעלז זאל אנקומען צו מיר אין די האנט.

איך האב אויך פארשטאנען, דאס דער גוי האט זיך נישט פארגינען צו צורירן צו דעם געלט. צו עסן פעלט דאך אים נישט, וועט ער דאס אלץ לאזן אויף שפעטער, שפעטער, און דער עיקר אז מ'האט פון הימל אזוי געוואלט, אז דאס געלט זאל צו אייך צוריק קומען אין גאנצן און דייקא דורך מיר, האט מען אים פון הימל אזוי געשיקט אין די געדאנקען, דאס ער זאל זיך צו דעם נישט אנרירן.

איצט זאלט איר גארנישט מורא האבן — האט דער רבי ר' נפתלי פארגעזעצט — דער גוי דער פאליצאנט וועט איינגעמען א מיתה משונה. און איר האט ב"ה איצט ארייגבאקומען אזא שיינע גרויסע סומע, איר וועט קענען מיט דעם האנדלען, און איר וועט מצליח זיין, און ס'וועט ביי אייך מקויים ווערן וואס איך האב געזאגט, דאס איר וועט האבן אין אייער גאנץ לעבן „תורה וגדולה במקום אחד".

דאס דריטע, וואס כ'האב אייך צוגעזאגט וועט אויך מקויים ווערן:

— איך בין אייך מבטיח דאס איר וועט האבן קינדער תלמידי חכמים, און איר וועט זען א סאך נחת ביי קינדער און קינדס קינדער.

ביים געזעגענען זיך, האט נאך דער רבי ר' נפתלי צוגעבען:

— געדענקט, ווען איר נויטיגט זיך אין עפעס א זאך, א ישועה, א רפואה, אן עצה וכדומה, זאלט איר אייך ווענדן צו מיר, איר האט ביי מיר אן אפענע טיר, און איך וועל אלעמאל טאן פאר אייך וואס ס'איז נאר מעגליך.

* * *

ווען ר' אברהם דוד מיט זיין ווייב זענען צוריק געקומען אין די סטאנציע, האט זיי דער בעל אכסניא דערציילט נייעס:

—א באוואוסטער פאליציי־אפיציר א גרויסער רשע האט זיך די נאכט געהאנגען אין זיין צימער אין די הויפט פאליציי־קווארטיר. ער איז געווען א שלעכטער מענטש און א גרויסער אויסוואורף, ער פלעגט זיך טשעפען צו אידן, מ׳האט פון אים א סאך געליטן. פלוצים האט מען אים היינט פרי געפונען א געהאנגענער אין זיין צימער. די סיבה איז נישט באקאנט פאר קיינעם. כן יאבדו כל אויביך ה׳.

* * *

ר׳ אברהם דוד מיט זיין ווייב זענען צוריק געפארן אין זייער שטעטל. רא״ד האט איצט געהאט אין האנט א שיין קאפיטאל מזומן, און ער האט געהאט א פרייע האנט צו האנדלען אויף גאר א אנדערן אופן ווי ביז היינט, ער האט טאקע שטארק מצליח געווען, אין א קורצער צייט איז ער געווארן א גרויסער עושר, ער האט געשמ׳ט אין די גאנצע געגנט.

אויסערדעם, האט ער זיך געשטארקט נאך מער אין לימוד התורה, רוב שעות פון טאג איז ער געזעסן און געלערנט, ער האט געפסק׳עט שאלות פארן שטעטל, און קובע געווען שיעורים ברבים פאר צולערנען פאר מענטשן.

צום יאר איז זיין ווייב נפקד געווארן מיט א בן זכר. די שמחה איז געווען גרויס, נישט נאר ביי זיי נאר ביים גאנצן שטעטל, אלע האבן זיך מיטגעפרייט מיט זיי.

סנדקאות האט ער מכבד געווען דעם פוזנער רב רבי נפתלי, ער האט געשיקט א קארעטע, צוברענגען דעם רבי׳ן. די שמחה פון רבי נפתלי איז אויך געווען זייער גרויס.

ר׳ אברהם דוד האט געהאט נאך בנים ובנות, די זון זענען אויסגעוואקסן רבנים, תלמידי חכמים. איידעמער האט ער זיך גענומען רבנישע קינדער, גרויסע למדנים און יראי ה׳.

רא״ד מיט זיין ווייב האבן דערלעבט צוזען אייניקלעך גדולי תורה און עשירים. און זיי האבן דערלעבט א טיפע עלטער מיט גרויס נחת און פרייד.

דער זכות פון רבי ר׳ נפתלי כ״ץ, זאל מגין זיין אויף אלע אידישע קינדער אמן.

ברוך... שלא עשני גוי

אינדערפרי מאכן מיר א ברכה
וואס לויטעט אזוי —
ברוך אתה...מלך העולם
שלא עשני גוי.

דאס ווייסן מיר אלע
פון קינדוויז אָן —
אז "גוי" באדייטעט
א פאָלק א נאציאָן.

פרעגט זיך א שאלה
ווי זאלן מיר דאס פארשטיין? —
נו, זענען מיר אידן
קיין פאלק נישט, ניין?!

און מיר געפונען דאך פסוקים
אין א היבשע צאל —
וואו ער רופט אן "גוי"
דעם פאלק ישראל.

נו, וואס איז דער הסבר
וואס איז אן אונטערשיד —
דאס מיר רופן "גוי" א ערל
און נישט א איד?

*

נאר אביסל אריין טראכטן
און מ׳ווייסט שוין דעם טעם —
ביי אלע פעלקער דעצידירט
דער נאציאָן, דער שטאַם.

וועט א ערל אלס פראנצויז
געבוירן ווערן —
איז ער דאס אומעטום
וואו ער וועט זיך קערן.

זיין גלויבן, צי ער איז א קאטויל
אדער א פראטעסטאנט —
באצייכנט נישט זיין נאציאָן
און נישט זיין לאנד.

איז ער א פראנצויז אדער א רוס
זאל זיין ווי שלעכט —
בלייבט ער דאס אויף אייביג —
און מיט רעכט.

קיינמאל קען זיך דאס נישט
פון זיך אליין אויפהערן —
זיין גלויבן מעג ער בייטן
דאס וועט אים נישט שטערן.

*

דער לעבנסשטייגער פון א איד
טוט אנדערש לויטן —
זיין נאציאנאליטעט איז
דער אידישער גלויבן.

א באווייז, געבוירן אלס "דייטש"
געווען דאס פופציג יאר —
סוף איז ער זיך מגייר
מיט אַן אמת און וואָר.

איז ער א גוטער נאציאנאלער איד
ווי דאס גאנצע פאלק ישראל —
די תורה באפעלט אים ליב האבן
זעקס און דרייסיג מאל.

פארקערט, געבוירענע אידן
ביי ערליכע טייערע טאטעס —
און איז געווארן חלילה א פרייער
א מחלל שבת להכעיס.

מעג ער הייסן משה, שמערל
אדער יצחק, ברוך —
ער איז "כעכו"ם לכל דבריו"
לויט'ן שולחן ערוך.

*

ער איז "כעכו"ם" לכל דבריו
אבער נישט עכו"ם אליין —
ווייל למעשה קען מען "אויס איד"
קיינמאל נישט זיין

אומזיסט וואס ער זאגט
ער האלט ניט און גלויבט ניט —
דאס פטר'ט פון אים נישט
די פליכטן אַלס איד.

פונקט ווי זיין א רוס אדער א טערק
קען מען נישט אויפהערן —
אזוי קען נישט א איד
א "אויסגלויביגער" ווערן.

ער קומט אויף יענער וועלט
פאר'ן בי"ד של מעלה —
דארף ער געבן דין וחשבון
פונקט אזוי ווי אלע.

ס׳העלפט נישט א טויף־צייגעניש
אדער קאמאניסטישע געפילן —
מ׳ווערט אים דארט קלאפן
אפילו פאר עירוב תבשילין.

✶

איצט פארשטייט איר שוין דעם פשט
אלע גאנץ קלאָר —
די ברכה ״שלא עשני גוי״
איז אמת און וואָר.

מיר זענען נישט קיין נאציאָן
אָן אונזער גלויבן —
וואס אלע פעלקער
קענען זיך יאָ ערלויבן.

״היום הזה נהיית לעם״
שטייט ביי מתן תורה געשריבן —
ג־אט האט אונז אין דעם טאג
פאר א פאָלק אויסגעקליבן.

מיט די תורה זענען מיר א פאלק
פאר אלע פעלקער א ליכט־טורם —
אָן די תורה זענען מיר
פון אלעמען מער אָרים.

אין די תורה איז פארזיכערט
מיט ארץ ישראל אונזער קשר —
א איד אָן תורה אָן אמונה
איז דער גרעסטער פאררעטער.

דער רבי מיט'ן תלמיד

(אינטערעסאנטע באלערנדע דערציילונגען פונ'ם חתם סופר זצוק"ל, אלס קינד און אלס בחור, זייענדיג משמש זיין הייליגן רבי'ן רבי נתן אדלער זצוק"ל)

רבי משה סופר איז געווען א געציטערט בן יחיד'ל ביי זיינע עלטערן רבי שמואל סופר און זיין רבנית רייזל.

ר' שמואל איז געווען באוואוסט פאר א חשוב'ן איידילן איד, און א גרויסער תלמיד חכם. אבער קעגן זיין רעבעצן רייזל האט ער זיך קוים אָנגעזען. זי איז געווען ווי ס'שטייט אין פסוק א „אשה גדולה", א גאנצן טאג איז זי ארומגעלאפן נאך מצוות און מעשים טובים. מ'האט אויף איר דערציילט „מדריגות" ווי אויף א גרויסן רבי'ן.

אויף איר גרויסקייט און געהויבנקייט איז גענוג צו ברענגען רבינו משה סופר'ס עדות, ווען ער האט איר מספיד געווען.

ער האט געזאגט מיט דעם לשון:

— „דער אויבערשטער כביכול האט נישט געטאן עפעס א גרויסע זאך אין דער וועלט, וואס ער האט נישט פריער מגלה געווען פאר מיין מאמען אין חלום".

דאס זענען וואזשנע רייד! מ'דארף גארנישט מוסיף זיין. ס'איז גענוג.

רבי משה סופר איז געבוירן געווארן ביי ר' שמואל'ן א צירקע צוואנציג יאר נאך זייער חתונה.

בעפאר רבי משה איז געבוירן געווארן איז ר' שמואל געווען שוין שטארק באזארגט וועגן א קינד, א זרע של קיימא. און אז ער האט געזען אז ס'איז שוין פאריבער צוויי צענדליגע יארן, און ס'איז קיין סימן פון א ישועה, האט ער שוין באין ברירה אנגעהויבן צו טראכטן וועגן געבן א גט פאר זיין רעבעצן רייזל.

איינמאל, ס'איז געווען אין עשרה בטבת. ר' שמואל וזוגתו זענען געזעסן שטארק פארזאגט אויף זייער ביטערן גורל. האט ר' שמואל געזאגט צו זיין ווייב:

—לאמיר טאן אזוי ווי יצחק אבינו האט געטאן. לאָמיר זיך איצט נעמען דא אין שטוב צו בעטן דעם אויבערשטן מיט א צובראכן הארץ, איך אין איין ווינקל, און און דו אין א צווייטן ווינקל, ביז מ׳וועט אין אין הימל צוהערן אונזער געבעט און שיקן אונז א ישועה.

זיי האבן זיך גענומען זאגן תהילם מיט א גרוים געוויין, זודיקע טרערן האבן זיך געגאסן פון זייערע אויגן, אזוי זענען זיי געשטאנען און געבעטן א פאר שעה.

פלוצים האט זיך געעפנט די טיר, און ס׳איז אריינגעקומען דער הייליגער געטליכער מאן רבי זעליגמאן, וועלכער האט זיך אָנגעקערט מיט זיי א שטיקל משפחה. זיי האבן מפסיק געווען דאס תהילים זאגן, זענען שטארק איבערראשט געווארן פון רבי זעליגמאן׳ס באזוך.

דער דאזיגער רבי זעליגמאן איז געווען א מערקווירדיגער מיס־טעריעזער צדיק.

שוין א סאך יארן וואס ער זיצט א גאנצען טאג אין בית המדרש איינגעהילט אין טלית און תפילין און לערנט. ער האט נישט מפסיק געווען זיין לערנען פאר קיין זאך אין דער וועלט. געגעסן האט ער נאר ברויט מיט וואסער. דאס האבן אים די מענטשן צוגעברענגט אין בית המדרש אריין, ער האט שנעל אפגעגעסן, און ווייטער געלערנט. רעדן מיט א מענטש האט מען אים קיינמאל נישט געהערט און נישט געזען.

ער האט זיך אפגעזאגט פון חתונה האבן און אויפשטעלן א שטוב, ווייל ס׳וועט אים ברענגען צו ביטול תורה.

צדיקים האבן געזאגט, דאס אויף רבי זעליגמאן קען מען נישט פרעגן קיין קשיא, ער איז אזוי ווי „בן עזאי״ פון די גמרא, וואס ער האט אויך נישט קיין שידוך געטאן, ער האט געזאגט „נפשי חשקה בתורה״ מיין זעל האט זיך אנגעגלוסט אין די תורה און איך קען זיך נישט שיידן פון „לימוד התורה״ פאר קיין זאך אין דער וועלט.

ס׳פארשטייט זיך אז רבי זעליגמאן איז צו קיינעם נישט געגאנגען און אין ערגעץ נישט געקומען, מ׳האט אים קיינמאל צווישן מענטשן נישט געזען א חוץ אין בית המדרש.

קען מען זיך פארשטעלן ווי איבערראשט ר׳ שמואל און זיין ווייב רייזל זענען געווארן, ווי זיי האבן דערזען פאר זיך רבי זעליגמאן, ער עפנט די טיר און קומט אריין.

ר׳ שמואל פאר גרויס איבערראשונג האט קוים ארויסגעשטאמלט א פאר ווערטער:

— אוי! אזא זכי׳ רבי זעליגמאן איז ביי אונז אין שטוב!

רבי זעליגמאן אזוי שטייענדיג נאך ביי די טיר מיט׳ן שטעקן אין דער האנט, האט געזאגט:

—איך בין געקומען אייך אָנזאגן א בשורה טובה, דאס מ׳האט אין הימל צוגעהערט אייער געבעט, און איר וועט געהאלפן ווערן מיט א בן זכר „א הויכע נשמה" וואס ער וועט פארלייכטן די וועלט מיט זיין תורה.

רבי זעליגמאן איז שוין ארויסגעגאנגען, נישט פערזאמט זיך מער אפילו א מינוט. ער איז צוריק געגאנגען אין בית המדרש.

ר׳ שמואל מיט זיין וויב רייזל, האבן אויפגעהויבן די האנט מיט א דאנק און א לויב צום הייליגן באשעפער, וואס ער האט צוגע־הערט זייער געבעט. ס׳פערשטייט זיך דאס ס׳איז ביי זיי נישט געווען דער מינדסטער ספק, אז רבי זעליגמאן׳ס רייד וועלן מקוים ווערן.

* * *

[redacted]זיבן טאג אין תשרי, ערב שבת שובה. פאר־נאכט דער עולם האט זיך שוין פארזאמלט צום דאווענען. צו דער באַ־שטימטער צייט האט מען געדאווענט מנחה, דערנאך איז צוגעגאנגען דער חזן און אנגעהויבן „לכו נרננה", מ׳האט געדאווענט ביז „מזמור שיר ליום השבת". דא האט מען געמאכט א שטיקל הפסקה. אזוי איז געווען דער מנהג אלע וואך. ווערענד דער צייט פון די הפסקה האט דער רב (דער גרויסער גאון און צדיק רבי אברהם אביש, וועלכער איז דעמאלס געווען דער רב אין פראנקפורט) געהאט א מנהג אריינצוקוקן אין עפעס א ספר און פון דארט עפעס ארויסצוזאגן שטילערהייט, וואס דער ספר איז האט קיינער פון די בעלי בתים נישט געוואוסט און קיינ־מאל נישט געזען פון אינעווייניג. ווען דער רב האט געענדיגט דאס זאגן, פארמאכט דאס ספר, געגעבן א קוש, אריינגעשלאסן אין שטענדער אריין. געווייגליך איז שוין דעמאלס געווען ביי די שקיעה. האט ער געגעבן א וואונק צום חזן, דער חזן האט אנגעפאנגען „מזמור שיר ליום השבת", דער חזן האט אויסגעזונגען א שיינעם „ברכו" און מ׳האט געדאווענט מעריב.

דאסמאל, דעם פרייטאג צונאכטס, ערב שבת שובה, איז עפעס אנדערש ווי אלעמאל. די הפסקה געדויערט לענגער ווי געוויינליך.

דער רבי האט שוין געענדיגט צוזאגן פון דעם קליינעם ספר און

פאַרשלאָסן עס צוריק אין שטענדער. מ׳וואַרט דאָס דער רב זאָל געבן דעם סימן צום חזן אָנצופאַנגען. אָבער דער רב גיט נישט קיין סימן. ער שטייט מיט פאַרמאַכטע אויגן און וואַרט. דער עולם איז געשפּאַנט, ס׳מוז זיין עפּעס אויסטערלישעס.

און אַ פּלא, עפּעס די זון גייט אויך דאָס מאָל נישט אונטער אין גאַנצן. אַלעמאָל אין דער צייט פלעגט שוין זיין שקיעת החמה, און איצט זעט מען נאָך אַ ביסל שוואַכע שטראַלן פון די זון, גלייך ווי ער וואָלט זיך אָנגעשטרענגט מיט די לעצטע כחות האַלטן זיך נאָך אַביסל אין דער הויך.

מיטאַמאָל לויפט אַריין אַ אינגל אין שול אַריין, ער גייט צו צו ר׳ שמואל׳ן און גיט אים אַ צי ביים אַרבל, ער זאָגט אים עפּעס. ר׳ שמואל גייט אַרויף צום רב ביי מזרח מיט שנעלע טריט, און זאָגט עפּעס פאַר׳ן רב אין אויער אַריין. דעם רב׳ס פּנים האָט אויפגעלויכטן, ער גיט אַ וואונק דעם חזן, ער זאָל אָנפאַנגען „מזמור שיר ליום השבת”.

נאָכ׳ן דאַווענען גייט ר׳ שמואל צו צום שמש און זאָגט אים, ער זאָל אַרויפגיין אויף די בימה, געבן אַ קלאַפּ און אויסרופן:

— ר׳ שמואל סופר קומט אַ מזל טוב, ער לאַדנט דעם גאַנצן עולם צום שלו׳ם זכר.

דערנאָך האָט זיך אַרויסגעוויזן וואָס דעם רב׳ס וואַרטן איז געווען.

רייזל די צדיקת האָט באַפוילן צום רב, דאָס זי בעט אים ער זאָל מוחל זיין און וואַרטן מיט קבלת שבת ווילאַנג מ׳וועט נישט ברענגען פון איר אַ בשורה אויף אַ מזל־טוב. וואָרים ס׳איז זיכער דאָס אַזאַ הייליגע נשמה — אַזוי ווי רבי זעליגמאַן האָט איר צוגעזאָגט — וועט נישט קומען אויף דער וועלט אין שבת, כדי מ׳זאָל נישט איבער איר מחלל שבת זיין. און אַזוי איז טאַקע געווען.

— ב —

רייזל האָט געפילט אַ גרויס אחריות אויף זיך, מיט׳ן ערציען איר געציטערט קינד, איר בן יחיד׳ל, וועלכער איז אַ הויכע נשמה און דאַרף אויסוואַקסן פאַר אַ תורה־ליכט אין דער וועלט.

דער ערשטער פּראָבלעם איז געווען דאָס זייגן פונ׳ם קינד. זי

רייזל די מוטער פונ׳ם קינד, האט ליידער קיין מילך נישט געהאט. [redacted]. האט מען געדארפט נעמען א זייגערין פארן קינד. רייזל האט גוט געוואוסט אז דאס מילך וואס א קינד זייגט איז אויף אים משפיע אויך אויף די שפעטערע יארן, איז איר טאקע געווען שווער אויסצוקלייבן א זייגערן. די אלע וואס האבן זיך געמאלדן פון פראנקפורט, זענען פאר רייזל׳ען נישט געפעלן.

ביז ס׳איז געקומען א פרוי, פון א ווייטן דארף און האט זיך גע־מאָלדן ביי רייזל׳ען, דאס זי וועט זיין די זייגערן פונ׳ם קליינעם משה׳לע.

רייזל איז געווען א מבין אויפ׳ן געזיכט פונקט ווי א רבי, א גוטער איד. זי האט געזען אז די איז נישט קיין דורכשניטליכע פרוי. נאר זיכער א גרויסע צדקת, וועלכע איז פון הימל אנגעברייט געווארן צו זייגן איר משה׳לען. האט זי איינגעוויליגט צו נעמען איר פאר א זייגערן.

נאר דאס האט רייזל נישט געזען, אז די פרוי איז אויך אנגע־ברייט געווארן צו ראטעווען דאס לעבן פון משה׳ן, שפעטער מיט א סאך יארן, אזוי ווי מיר וועלן דאס וויטער ברענגען.

משה איז טאקע געוואקסן פאר א ווּאונדער קינד. ווען ער איז אלט געווארן זעקס יאר איז ער שוין געווען א פערטיגער תלמיד חכם. אלע „הלכות ברכות" האט ער שוין געקענט דורך און דורך מיט אלע מפרשים. און אז ס׳איז אים אויסגעקומען פונ׳ם שולחן ערוך דאס צוקערלעך צו עסן אליין, נישט מיט אן אנדערע זאך צוזאמען, איז א ספק ברכה, כאָטש ער איז נאך געווען א קליין קינד און האט ליב געהאט צוקער ווי די נאטור פון קינדער, האט ער אויף זיך גענומען נישט צו עסן מער צוקער אליין, און אזוי האט ער זיך געפירט איבער זיין גאנץ לעבן.

* * *

ווען רייזל האט געברענגט דעם קליינעם משה׳לע צו דעם הייליגן געטליכן מאן רבי נתן אדלער, דאס ער זאל אים בענטשן מיט א ברכה. רבי נתן האט מיט זיינע הייליגע אויגן א קוק געטאן אויף דעם אינגל, האט ער שוין געזען וואסערע געהויבענע נשמה דאס אינגל האט, און אז ס׳ווארט אים גרויסע זאכן אין לעבן.

רבי נתן האט אבער אויך געזען — מיט זיין גרויסע קדושה — נאך א זאך, אז דאס קינד דאַרף מען שטארק היטן פון א עין הרע, די „חיצונים" שאַרפן אויף אים די ציין, ווי אויף יעדע הויכע נשמה — קליינערהייט — וואס קומט אַראָפּ אויף דער וועלט אויפצוטאָן ביי זיין לעבן גרויסע זאכן.

רבי נתן האט מורא געהאט דאס משה'ס עלטערן וועלן אין דער דאזיקער הינזיכט נישט קענען לייגן גענוג אכט און מאכן בעוואָרעניש אויף אים. האט ער זיי פאָרגעשלאגן, דאס ער — רבי נתן — וועט נעמען דאס אינגל אונטער זיין אויפזיכט, און זאלן זיין רואיג און זיכער דאס זיי וועלן פון אים — מיט'ן אויבערשטנס הילף — א סאך נחת זען.

ר' שמואל מיט זיין ווייב רייזל האבן צו דעם איינגעוויליגט מיט'ן גאנצן הארץ.

רייזל פלעגט א סאך מאל קומען צו רבי נתן'ס בית המדרש און שטיין אין א פאָדער־שטיבל באהאלטן אין א ווינקל מ'זאל איר נישט באמערקן, און איינהערן זיך ווי איר בן יחיד'ל משה לערנט אין בית המדרש, און איז זיך מפלפל אין לערנען מיט גרויסע בחורים. דאס איז איר געווען א דערקוויקעניש ביים לעבן.

* * *

אין רבי נתן'ס ישיבה איז געווען איינגעפירט, דאס די גרויסע בחורים פלעגן שבת נאכמיטאג זאגן א שיינעם דרוש, וואס זיי האבן מחדש געווען אין לערנען איבער די וואך. יעדע וואך האט געזאגט אן אנדערער. מ'האט דאס גערופן די „חברה חריפות".

צו דעם דרוש פלעגן אויך קומען בעלי בתים פון די שטאט, תלמידי חכמים, לומדים. און צומאל פלעגט מען זיך גאנץ שיין מפלפל זיין אין דעם דרוש פון דעם בחור.

רבי נתן אליין פלעגט נישט אריינקומען צו די דרשה פון די בחורים, נאר אמאל ווען ס'האט אים אינטערעסירט צו הערן דעם בחור וואס ער איז מחדש, איז ער געווען אין א צימער נעבן בית המדרש, און האט זיך דארט איינגעהערט ביי א אָפענער פענסטער.

ווען משה'לע איז אלט געווארן צען יאר, האט מען אים שוין אריינגענומען אין די „חברה חריפות" פון די גרויסע בחורים.

ס׳איז געקומען דער ערשטער שבת וואס משה׳לע האט גע־דארפט זאָגן דעם דרוש.

אין שטאט האט זיך פארשפרייט א קלאנג, דאס דער וואונדער־קינד משה׳לע סופר וועט דעם שבת דרש׳ענען. זענען זיך צוליב דעם צונויפגעקומען א היפשע צאל בעלי בתים לומדים פון די שטאט. און ס׳פארשטייט זיך דאס ר׳ שמואל סופר דער פאָטער פון משה׳לע איז אויך געווען אַנוועזנד. רייזל די מוטער איז אויך געשטאנען — ווי איר שטייגער — אין פאָדער שטיבל אין א ווינקל, צו קענען הערן און אפשר אויך כאפן אמאל א בליק, ווי איר משה׳לע דרש׳נט פאר א ציבור תלמידי חכמים.

רבי נתן איז אויך דאס מאל געווען אין דעם דערבייעדיגן צימער, הערן ווי משה׳לע זאגט זיין ערשטע דרשה.

משה האט געזאגט א דרוש ווי א דערוואקסענער למדן, אלע צוהערערס זענען געווארנט דערשטוינט.

אין מיטן דרוש האט משה׳לע אויפגעברענגט א קשיא פון זיין גרויסן עלטער זיידן דער וועלטס גאון און צדיק רבי שמואל שאָטן. און משה האט געזאגט, דאס „במחילת כבוד תורתו" האט דער עלטער זיידע דא א שטיקל טעות געהאט. די קשיא איז נישט קיין קשיא, מ׳קען עס לייכט פארענטפערן אזוי און אזוי...

ווי דער פאטער ר׳ שמואל האט דאס געהערט, איז אים דאס אויסגעקומען ווי גאוות׳דיגע רייד פון משה׳ן, און א פגיעה אינ׳ם כבוד פון זיין הייליגן גרויסן זיידן רבי שמואל שאָטן, האט ער זיך אויפגע־הויבן פון פלאץ און איז צוגעגאנגען צו משה׳לע, ער האט אים דער־לאנגט א פאַטש פאר אלעמען אין די אויגן.

דרך ארץ! — האט ער אויף אים געשריגן — אזוי רעדסטו פון דיין עלטער זיידן דער וועלטס גאון און הייליגער געטליכער מאן וואס די וועלט האט פאר אים געציטערט? ווילסט דיך שוין פארמעסטן אים איבערצושטייגן?, א חוצפה און א העזה פון א קליינעם סמאַרק!

אין בית המדרש איז געווארן א טומל, דער קליינער משה איז געווארן פארשעמט. ער האט אויסגעבראכן אין א געוויין, און איז אראָפּ פון די בימה.

אין די מינוט האט זיך באוויזן ביי די טיר רבי נתן׳ס הייליגער געשטאלט.

משה, דו האלסט דאך אין מיטן פארענטפערן די קשיא פון רבי שמואל שאטן — האט ער געזאגט — ענדיג ווייטער, לאז נישט אין מיטן.

משה האט געמוזט צוריק ארויפגיין צו די בימה, און פאַרזעצן זיינע רייד.

דער עולם האט געקוקט אויף ר׳ שמואל׳ן מיט פארוואורפע, דאס ער האט איבערגעכאפט די מאָס מיט זיין שטרענגקייט. יעדער האט רשות מפלפל צו זיין אין די תורה, קליין און גרויס.

מוצאי שבת קודש האט רבי נתן געלאזט רופן צו זיך ר׳ שמואל׳ן, און האט צו אים געזאגט די פאלגענדע רייד:

— וויסן זאלסטו דאס אין הימל איז דא אויף דיר א קטרוג, איבער דעם פאטש וואס דו האסט געגעבן פאר משה׳לע פאר אומזיסט און נישט, און האסט אים אזוי מבייש געווען. דו מיינסט ס׳איז הפקר, א קינד קען מען שלאגן ווי מ׳וויל אָן א חשבון, צו ס׳קומט אים יאָ, צי ס׳קומט אים נישט? ! איבערהויפט אזא קינד ווי משה, וואס איז אָנגעברייט צו פארלייכטן די וועלט מיט זיין תורה. מיט אזא שטרענגקייט קענסטו אים אמאל אין גאנצן אראפוואַרפן פון זיין „מדריגה״, ער זאל זיך אין גאנצן פארלירן. פארוואס איז אים געקומען דער פאטש? האט ער דען נישט גערעדט צו דער זאך? דו האסט אים מיט וואס אָפּצוּווענדן? אדרבה לאָמיר הערן. אלא מאי, וואס ער פרעגט אפּ זיין עלטער זיידן, נו און דער „רבינו תם״ קריגט נישט אויף זיין זיידן דער הייליגער רש״י? די תורה איז פאר יעדן געגעבן געווארן, יעדער האט רשות מפלפל צו זיין דערין „בונה וסותר״ זיין לויט זיין פארשטאנד, און דער אויבערשטער כביכול פרייט זיך מיט דעם אין הימל.

און וויסן זאלסטו — האט רבי נתן געזאגט מיט א זיכערן טאָן — דאס דיין זיידע רבי שמואל שאטן אין גן עדן, האט זיך איינגעהערט צו משה׳לס דרשה, ער האט געהערט ווי ער פרעגט אפּ זיין קשיא, און האט דערפון גרויס נחת רוח געהאט.

איז, אָפּצואווישן דעם קטרוג אין הימל אויף דיר — האט רבי נתן פארגעזעצט — דארפסטו מקבל זיין אויף דיר אן עונש. משה וועט פון היינט אָן מער נישט רעדן צו דיר א ווארט. נישט חלילה וואס ער וועט גרינגשעצן אין דיר אלס טאטע, נאָר רעדן צו דיר וועט ער מער נישט. און דאס וועט זיין פאר דיר א כפרה. און איך וויל, דאס משה זאל

פון היינט אן זיין ביי מיר אין גאנצן, מיט עסן און שלאפן, און אלע אויסהאלטונג, פונקט ווי מיין אייגן קינד. און ווען איר וועט אים וועלן זען, וועט איר קומען דא צו מיר און איר וועט אים דא קענען זען.

זיי צופרידן מיט דעם פסק — האט אים רבי נתן געטרייסט — זאלסט וויסן דאס איך האב נאך א טיפע כוונה מיט די גאנצע זאך, וואס ס'איז אזוי לטובה פאר אייערעט וועגן און פאר משה'ס וועגן.

און איצט בעט איך דיך — האט רבי נתן פארענדיגט — אז דו זאלסט אהיים גיין, איבערגעבן די גאנצע זאך פאר דיין בעלת הבית'טע, און ברענגען מיר א תשובה וואס זי זאגט צו דעם.

* * *

ר' שמואל איז אהיים געגאנגען און האט פאר זיין אשת חיל איבערגעגעבן רבי נתן'ס רייד. און האט צוגעגעבן, אויבצוואר ס'איז א ביסל א שווערער פסק, דאס ער זאל מיט זיין בן יחיד נישט ארויסרעדן אווארט, און ער זאל זיך האדעווען אין דער פרעמד, אבער אז רבי נתן זאגט אזוי איז ער מקבל באהבה דעם פסק.

וואס זאגסטו „ס'איז א שווערער פסק" — האט רייזל אים פאר־געווארפן — אז דער הייליגער צדיק רבי נתן וויל אזוי איז עס בעסער פונ'ם בעסטן. מיילע דאס וואס ער וועט זיך האדעווען ביי רבי נתן אין שטוב, איז דאך פאר אונז און פאר משה'לע, ממש א זכי' און א גליק, וואס מיר קענען נישט דערפאר גענוג דאנקען.

און דאס וואס ער וועט מיט דיר מער נישט רעדן — האט רייזל פארגעזעצט — איז ראשית האט דאך דיר רבי נתן געזאגט, אז דאס איז פאר דיר א כפרה, וואס דארפסטו מער? ! א קינד איז נישט געגעבן געווארן מ'זאל פון אים א הנאה האבן אויף דער וועלט, נאר אויף יענער וועלט. די וועלט איז במילא גארנישט, און ס'לויפט א דורך ווי א „צל עובר„ א שאטן פונ'ם מענטש.

שנית, וויל איך דיר זאגן — האט רייזל אים בארויגט — זאלסט וויסן אז א צדיק טוט א זאך, האט ער נאך ביי דעם אנדערע טיפע כוונות וועלכע ער זאגט נישט אויס. אז רבי נתן וויל ער זאל מיט דיר נישט רעדן און זאל זיך ביי אונז נישט האדעווען, האט ער גאנץ זיכער

נאָך אנדערע טיפע כוונות ביי דעם, וואס איז לטובה פאר אונז און פאר משה'לע, וועלכע ער וויל נישט אויסזאגן.

אוי ווי גערעכט דו ביזט — האט ר' שמואל אויסגעשריגן — רבי נתן אליין האט מיר געזאגט, דאס ער האט נאך ביי דעם. אן אנדערע טיפע כוונה פאר אונזער טובה וועגן.

נו, זעסטו — האט רייזל געזאגט צופרידן — און אויב די ווילסט וועל איך דיר זאגן דאס איך באגרייף א ביסל רבי נתן'ס כוונה.

נו, אדרבה — האט ר' שמואל געזאגט — איך וויל הערן פון דיר.

דארפסט אליין וויסן, אז ס'שטייט אין די ספרים — האט רייזל ערקלערט — אז ווען מ'שענקט איינעם פון הימל אזא געציטערט בן יחיד'ל נאך אזויפיל יארן, און דערצו אזא הויעכע נשמה וואס איז אנגעברייט צופארלייכטן די וועלט מיט זיין תורה, איז די בעסטע סגולה אויף צו פארהיטן אים פון א „עין הרע" און פאר „אריכת ימים" וועגן, דאס די עלטערן זאלן זיך וואס ווייניגער צ'אצ'קענען זיך מיט'ן קינד, און וואס ווייניגער פארקער האבן מיט אים.

ביזט גערעכט — האט ר' שמואל געזאגט מיט התפעלות — ס'שטייט טאקע אזוי אין די הייליגע ספרים.

ר' שמואל איז צוריקגעגאנגען צו רבי נתן און איבערגעגעבן, דאס זיי ביידע — ער מיט זוגתו רייזל — זיינען זייער גליקליך צופרידנצו־שטעלן רבי נתן'ס פארלאנג דאס משה זאל זיך האדעווען ביי אים אין שטוב. און אויך דעם פסק דאס משה זאל מער צו אים נישט רעדן, נעמט ער אויף זיך מיט אהבה און שמחה.

ערשט נאכדעם האט רבי נתן איבערגעגעבן פאר משה'ן דאס ער איז גוזר „בגזירת רבו" אז ער טאר נישט צו זיין פאטער ארויסרעדן א וואָרט.

דאס מיינט נישט חלילה — האט רבי נתן געזאגט — אז דו זאלסט מקיל זיין אין „כיבוד אב" וואס די תורה האט דיך פארפליכ־טעט. נאר רעדן צו אים דאס איז א צווייטע זאך, דאס טאָרסטו מער נישט, איך נעם דאס אויף מיר.

און אויך וועסטו פון היינט אָן — האט רבי נתן אויסגעפירט — זיין ביי מיר אין שטוב שטענדיג, דא וועסטו עסן און שלאפן, דא איז דיין היים צו אלע זאכן. און זעלבסטפארשטענדליך — האט רבי נתן

פארענדיגט — אז דאס אלעס איז מיטן פולן צושטימונג פון דיינע עלטערן.

פון דעמאלס אן האט משה נישט אפגעטראטן פון זיין רבי׳ן, ער האט זיך דארט געהאדעוועט מיט אלעמען ווי א אייגן קינד. די עלטערן זענען געווען צופרידן צו זען פונדערווייטנס ווי דער שיינער בלום זייערער אנטוויקלט זיך פאר א וואונדער.

און אויבצוואר משה האט זיך געהאדעוועט ביי זיין רבי׳ן רבי נתן, וועלכער איז אים געווען דער „רבי מובהק" אין אלע ענינים, האט ער דאך געפונען א צייט צו באזוכן אויך ביי דעם גרויסן וועלטס גאון און צדיק רבי פנחס הארוויטץ (בעל הפלאה) וועלכער איז געווען דער רב ואב"ד אין די שטאט, און האט פון אים אויך „מקבל תורה" געווען. זעלבספארשטענדליך אז דאס איז געווען מיט׳ן צושטימונג פון זיין רבי׳ן רבי נתן.

דער רב, רבי פנחס האט זיך מיט אים געצ׳אצ׳קעט, ער האט וויניג געהאט צווישן זיינע גרויסע תלמידים אזא „חריף" און „למדן" ווי דער קליינער משה.

משה׳ס באזוכן ביים רב׳ס שיעורים האט צוגעהאלפן אויפצו-האלטן די פריינטליכע באציאונגען צווישן רב און רבי נתן, טראץ די שטארק אנגעצויגענע באציאונגען צווישן א בעדייטענדען צאל בעלי בתים פונ׳ם רב און צווישן רבי נתן.

דער דאזיגער מצב פון משה׳ן, האט אנגעהאלטן צירקע פיר יאר.

* * *

ביי די פערצן יאר האט רבי נתן אוועקגעשיקט זיין תלמיד משה לערנען תורה אין מיינץ ביי דעם גרויסן גאון רבי מיכל׳ע שייער. (די סיבה דערפון, די אפענע און די באהאלטענע, האבן מיר שוין באשריבן אינ׳ם ערשטן בוך וואס מיר האבן בעזה"י ארויסגעגעבן אונטער׳ן נאמען „דעם צדיק׳ס ווייטער קוק").

נאך צוויי יאר אפזיין אין די פרעמד, האט רבי נתן געשריבן א בריוול צו משה סופר, דאס ס׳איז געקומען די צייט, אז ער זאל צוריק-קערן אויף פראנקפורט. משה איז טאקע צוריקגעקומען אן שום שהיות. און האט זיך ווייטער אוועקגעזעצט ביי זיין רבי׳ן פונקט ווי פריער ווי אן אייגן קינד, מיט אלע באדערפענישן פאר׳ן גוף און פאר די נשמה.

— ג —

אין יענע צייטן, נישט לאנג נאכ'ן צוריק אהיים קומען פון מיינץ, איז פארגעקומען מיט משה סופר א אינטערעסאנטע זאך. וואס פון דעם קען מען אויך ארויסזען ווי ווייט זיין רבי, רבי נתן האט געזארגט פאר משה'ן, צו באווארענען אים פאר א עין הרע, און פון אלע סארט שלעכטע באגעגענישן.

משה האט דעמאלס דאס ערשטע מאל אין זיין לעבן מסיים געווען גאנץ ש"ס.

ס'פארשטייט זיך אז דאס מיינט מען נישט, אדורכגעלערנט אויף גיך גמרא מיט רש"י, כאטש דאס איז אויך א גרויסע זאך. אבער משה'ס מסיים זיין ש"ס האט געמיינט עפעס אנדערש. ער האט זיך א וודאי א סאך געפלאגט דערויף, און געלערנט בעיון און גרינטליך. און אז ער האט געהאט די זכי' צו ענדיגן ש"ס האט ער געהאט דערפון א גרויסע שמחה, ער איז געווען שטארק אין א גוטע שטימונג צוליב דעם.

האט ער ביי זיך געקלערט דאס ס'וואלט כדאי געווען צו מאכן עפעס א סעודה ווי דער שטייגער איז, לכבוד די שמחה פון „סיום הש"ס" און איינלאדענען זיינע חברים און אפשר אויך זיינע עלטערן צו דער געלעגנהייט.

אבער אזוי ווי ער טוט קיינמאל גארנישט אָן די פריערדיגע צושטימונג פון זיין רבי'ן, איז פארשטייט זיך דאס ער וועט אויף די זאך אויך נישט באשליסן אָן צו פרעגן פריער זיין רבי'ן. כאטש ער האט פאר־שטאנען דאס זיין רבי וועט אויך צו דעם מסכים זיין, ס'איז דאך א זאך וואס איז אנגענומען אין דער גאנצער וועלט, צו פייערן „סיום הש"ס" מיט א שמחה.

איז ער אריין צו זיין רבי'ן רבי נתן און געפרעגט:

— היות דער אויבערשטער האט מיר געהאלפן, איך האב געהאט די זכי' מסיים זיין ש"ס, וואלט איך וועלן וויסן, דער רבי זאל מיר זאגן אויף וואס פארא אופן איך זאל פייערן און דאנקן צו השי"ת פאר די גליקליכע געלעגענהייט, וואס איז מיר דאס ערשטע אין מיין לעבן.

רבי נתן האט אים געענטפערט צו זיין גרעסטן דערשטוינונג:

— יא, צו דער געלעגנהייט וואס השי"ת האט דיר געהאלפן

מסיים זיין ש"ס, הייס איך דיר צו פאסטן א הפסקה פון דריי טעג. פון מאכן עפעס א סעודה איז אפגערעדט, זיכער אז נישט. נאר איך וויל אז דו זאלסט אין גאנצן נישט קומען אין דער עפנטליכקייט, זיצן אין שטוב, זאגן תהלים דאנקען און לויבן צו השי"ת, און בעטן אויף ווייטער.

ס'איז איבעריג צו זאגן, דאס משה האט אויסגעפאָלגט פינקטליך זיין רבי'נס באפעל.

אין דריטן טאג פונ'ם תענית, משה איז שוין געווען גוט אפגע־שוואכט, און ס'איז געווען א הייסער זומער־טאג, איז משה געגאנגען נאכמיטאג, מיט עטליכע פון זיינע חברים, אביסל שפאצירן ארויס אויסער די שטאט צווישן די גערטנער, א ביסל פרישע לופט שעפן.

זיי האבן זיך אביסל פארשמועסט און פארשפעטיגט. ס'איז געקו־מען זמן מנחה, האבן זיי באשלאסן שוין צו דאווענען מנחה אויפן פעלד.

ווי זיי זענען געשטאנען אין „שמונה עשרה" איז פלוצים פון צווישן דיביימער ארויסגעקומען א ערל א גרויסער א הויכער מיט ברייטע פלייצעס, און דערצו א מערדערישע צורה. ער האט געהאלטן א גרויסן אייזן אין דער האנט, און ער האט זיך גענומען שרייען און שעלטן די אידן, ער האט זיך דערנענטערט צו זיי מיט שנעלע טריטן מיט א אויפגעהויבענע האנט מיט'ן אייזן צו שלאגן זיי.

משה'ס חברים האבן שוין פארספייעט צו ענדיגן שמונה עשרה און זענען זיך שנעל צעלאפן. אבער משה האט געהאט א דרך צו שטיין לאנג שמונה עשרה. דעם דרך האט ער זיך גענומען נאך פון קינדווייז אן, און אזוי האט ער זיך געפירט איבער זיין גאנץ לעבן. ממילא איז משה נאך געשטאנען שמונה עשרה ווען דער גוי איז צוגעקומען צו אים.

משה איז געווען אין א גרויסע סכנה. אבער ער האט זיך נישט אומגעקוקט אויף די גאנצע זאך גארנישט, און ער האט נישט געעפנט זיינע אויגן אפילו אויף איין בליק צו געבן. ער האט געדאווענט מיט גרויס התלהבות און מיט א גרויס דביקות.

דער גוי האט זיך עטליכע מאל דערנענטערט צו אים מיט א אויפגעהויבענע האנט צו דערלאנגען אים מיטן אייזן. און אלעמאל איז אויף אים געפאלן א פחד — דערזעענדיג משה'ס געזיכט — און האט צוריק געקוקט.

דער גוי האט זיך אוועקגעשטעלט א פאר טריט אפגערוקט, און

האט געקוקט אויף משה'ן, געווארט וואס וועט זיין דער סוף פון זיין דאווענען און שאקלען זיך.

ווען משה האט געענדיגט שמונה עשרה, האט זיך דער גוי דער־נענטערט צו אים און אויפגעהויבן די האנט מיט'ן אייזן צו דערלאנגען אים אויפן קאפ.

ווי משה האט באמערקט דעם גוי מיטן אייזן אין דער האנט דערנענטערט זיך צו אים שעלטענדיג און שרייענדיג און וויל אים דער־לאנגען, איז משה אים א קעגן געשפרונגען א צוויי טריט, ער האט אים אנגעכאפט פעסט די האנט מיט'ן אייזן און האט אים דערלאנגט א זעץ אין פנים אריין מיט אזא שטארקייט אז דאס בלוט האט אים באגאסן, און ער איז געפאלן אויסגעצויגן אויף הינטן, נישט געקענט זיך רירן פון ארט.

די חברים זיינע האבן דאס צוגעזען פון דערווייטנס, זענען זיי געבליבן דערשטוינט אויף משה'ס גרויסע גבורה, אין דריטן טאג פונ'ם תענית האט ער נאך געהאט אין זיך אזא כח, אזא גרויסן שטארקן גוי בייצוקומען.

משה צוזאמען מיט זיינע חברים זענען געלאפן שנעל אהיים.

ס'איז אינטערעסאנט דא צו באמערקן, דאס אויסערליך האט משה סופר גארנישט אויסגעזען ווי א גבור, מיט א פיזיש פעסטגעבויטן קערפער. פארקערט ער איז געווען א צארטער איידילער געשטעל, נישט הויך נישט ברייט, קיינער וואלט אויף אים נישט געזאגט דאס ער איז א באזונדערער שטארקער מענטש. און ס'האט זיך ארויסגעוויזן ביי מערערע געלעגנהייטן, דאס אז מ'בעדארף ערוועקט זיך אין אים א איבערמענטשליכע גבורה, ווי מיר וועלן נאך שפעטער ברענגען עטליכע אזעלכע פאלן.

ווי ס'איז, איז פון די מעשה זיך ארויסצודרינגען קלאר, דאס רבי נתן האט געזען מיט זיין רוח הקודש פון פריער, אז משה דארף נישט מאכן א סעודה און א טראסק צו זיין „סיום הש"ס", פארקערט, ער דארף רחמים באשירעמט צו ווערן פון אלע סארט באגעגענישן, וואס רופט זיך אן אין די ספרים „המתקת הדינים". דעריבער האט ער אים טאקע געהייסן פאסטן דריי טעג, און זיצן אין שטוב זאגן תהלים, בעטן השי"ת. און אז ער איז אין דריטן טאג פארנאכט אביסל ארויסגעגאנגען לופט שעפן, האט ער געהאט דעם דאזיגן באגעגעניש מיט דעם גרויסן גוי א

רוצח, וואס ער איז פון אים מיט נסים ניצול געווארן. זיכער אויך מיט׳ן כח פון זיין רבי׳ן רבי נתן, וואס ער האט פון אים א וודאי קיין אויג נישט אפגעלאזט.

* * *

נאך דריי יאר זענען פאריבער איבער משה׳ן אין פראנקפורט נעבן זיין רבי׳ן. ער האט זיך געפילט גליקליך, דאס ער האט די זכי׳ צו שעפן פון דעם אומענדליכן ריינעם שפרודילדיגן קוואל, וואס יעדעס טראפן זיינער איז טייערער פון באלזאם, און לייכט מער ווי דער טיי־ערסטער בריליאנט, זיין תורה איז לויטערער פון קריסטאל, ווי ס׳וואלט היינט געגעבן געווארן אויפ׳ן בארג סיני.

(צו האבן א שטיקל באגריף ווי אזוי משה סופר האט געהאלטן פון זיין רבי׳ן רבי נתן, קען מען זען פון דעם ווי אזוי ער האט זיך אמאל געאייסערט, שפעטער שפעטער א סאך יארן ווען ער איז שוין מפורסם געווען אין דער וועלט אלס דער גרויסער „חתם סופר" און רבי נתן איז שוין לאנג געווען אויפן עולם האמת. אמאל האבן אידן גערעדט פונ׳ם גרויסקייט פון רבי נתן אדלער, אין אנוועזנדהייט פונ׳ם חתם סופר, און איינער האט זיך אויסגעדריקט „ער איז געווען גרויס ווי א מלאך", דער חתם סופר האט דאס דערהערט, האט ער געזאגט:

— „וואס א מלאך?! „ותחסרהו מעט מאלקים"! קיין מלאך איז נישט אזוי באקאנט אין די „שבילי דרקיע" ווי מיין רבי איז געווען").

ווערענד די דריי יאר האט משה נישט פארנאכלעסיגט אויך די געלעגענהייט מקבל תורה זיין פון דעם צווייטן גרויסן תורה־ליכט אין פראנקפורט דער גרויסער הייליגער גאון „בעל הפלאה", וואס אים האט אויך משה סופר געהאלטן פאר א רבי זיינער. אויבצוואר זיין „רבי מובהק" איז געווען רבי נתן אדלער.

* * *

משה האט א סאך געזען און געלערנט פון זיין רבי׳ן רבי נתן אויך אויפ׳ן געביט פון „מצות" און „מעשים טובים", צו זיין גרייט צולויפן פאר א צווייטן א טובה צו טאן אפילו אין מיטן נאכט, און מיט׳ן גרעסטן מסירת נפש. און ווען ס׳איז אים אונטערגעקומען א נייע פרישע מצו׳ וואס ער האט נאך ביז אהער נישט געהאט די געלעגענהייט מקיים צו זיין איז געווען זיין שמחה אן א שיעור און אן א גרעניץ.

אין יענע צייטן איז פאָרגעקומען אין פראַנקפורט ביי רבי נתן׳עז, א מערקווירדיגע געשיכטע, וואס פון דעם האט משה געקענט ארויסזען דאס גרויסע מסירת נפש, און די אויסערגעוויינליכע ליבשאפט און פרייד פון זיין רבי׳ן צו א פרישע נייע מצוה וואס קומט אונטער.

נישט ווייט פון פראַנקפורט איז געווען א שטעטל „אדענוואלד״ ס׳איז דארט געווען א פיינע קהילה פון א הונדערט פאמיליעס „יראים ושלמים״. האט זיך געמאכט אמאל דאס שונאי ישראל אנטיסעמיטן האבן אנגעמאכט עפעס א בילבול אויף די גאנצע געמיינדע, אזוי אז ס׳האט געהאלטן דאס מ׳זאָל אלע אידן פון דעם שטעטל ארויסטרייבן.

דער באָדן פון דעם גאנצן שטעטל האט געהערט צום גראף דאלבערג, וועלכער איז גראדע געווען באקאנט פאר א אידן־פריינט. און מיט רבי נתן אדלער אין פראנקפורט האט ער געהאט ספעציעלע גוטע באציאונגען.

איז געקומען א דעפוטאציע פון די דאזיגע געמיינדע צו רבי נתן אדלער אויף פראנקפורט, דאס למען השם ער זאל עפעס טאן אין דער זאך ווי אומשנעלסטן צו ראטעווען די אידן פון דעם שטעטל ווילאנג ס׳איז נישט שפעט ח״ו. ער זאל זיך שוין זען מיט׳ן גראף דאלבערג, ווייל ער קען אפווישן די גאנצע גזירה.

די שלוחים, זענען אנגעקומען צו רבי נתן׳ען א האלבע שעה פאר שבת חנוכה. דער גראף דאלבערג איז דאמאלס געזעסן אין זיין גיט וואס איז נעבן „געלנהויזן״.

מוצאי שבת האט רבי נתן געשיקט צו דינגען א פור וואס זאל פאָרן מיט אים א גאנצע נאכט, כדי ער זאל גאנץ פרי זיך קענען זען מיט׳ן גראף. ס׳איז אבער געווען זייער א שלעכטער וועטער, שניי איז געלעגן אויף דער ערד דריי־פיר פוס הויך, האט זיך נישט געטראפן קיין איין וואגן וואס זאל וועלן פארן, פאר׳ן מורא מ׳זאל נישט בלייבן ערגעץ פערהאקט אין מיטן וועג אין די שניי.

רבי נתן׳ס גוטע פריינט חשוב׳ע בעלי בתים האבן אים געראטן, ער זאלווארטן ביז אינדערפרי, נישט ארויסלאזן זיך אין אזא וועטער ביינאכט, צו פארן א גאנצע נאכט אריינלאזן זיך אין אזא סכנה. אבער רבי נתן האט געזאגט ״מצוה הבאה לידך אל תחמיצנה״ א מצוה טאר מען נישט אפלייגן אויף שפעטער, ווער ווייס אויב מ׳וועט ווארטן צו מ׳וועט נישט פארשפעטיגן ח״ו, מיט יעדע מינוט ווארטן איז מען עובר אויף „לא תעמוד על דם רעך״.

רבי נתן האט צוגערופן זיין תלמיד משה סופר, און האט אים געזאגט שטרענג:

— גיי און זע מיר א וואגן צו פארן, פאר וועלכן פרייז ס׳זאל זיין, זאלסט נישט צוריק קומען אָן א וואגן!

משה איז געגאנגען, און טאקע גידונגען א וואגן מיט צוויי שטארקע פערד. רבי נתן האט זיך אויפגעזעצט אויפ׳ן וואגן, און משה איז מיטגעפארן צו באגלייטן.

פארנדיג ביינאכט אין די פינסטער אין די גרויסע קעלט, האט רבי נתן די גאנצע צייט געזאגט אויף אויסענווייניג מיט׳ן קול גמרא תוספות מיט מפורשים ראשונים, משה איז געווען איבערראשט אויף דעם גרויסן געוואלדיגן בקיאות פון רבי נתן, צו זאגן אלע „ספרי ראשונים" אויסענווייניג מיטן לשון, פון גמרא תוספות איז דאך אפגע־רעדט.

ווי זיי זענען אפגעפארן א צירקע פינף שעה, פלוצים האט זיך דער וואגן פארהאַקט אין א גרויסע שניי, און נישט געקענט זיך רירן פון אָרט, דער בעל עגלה האט געזאגט, אז מ׳איז אריינגעפארן אין א גרויסע שניי, און די פערד זענען שוין אויסגעמאטערט, זיי וועלן זיכער נישט קענען ארויסשלעפן פון דא דעם וואגן, ער ווייסט נישט וואסערע עצה מ׳גיט זיך.

רבי נתן האט געראטן דעם גוי, ער זאל אויסבינדן איינעם פון די פערד, און אריינרייטן דערויף אינ׳ם נאנסטן דארף, ברענגען פון דארט נאך א פערד אדער צוויי ארויסשלעפן דעם וואגן. רבי נתן האט אים מוסיף געווען פינף גילדן, א חוץ וואס דער פערד פונ׳ם דארף וועט קאסטן.

נאָך א דריי שעה איז דער בעל עגלה צוריק געקומען מיט צוויי בהמות פון דארף.

ווי ער שפאנט זיי איין אינ׳ם וואגן, שפרינגט רבי נתן אראפ פונ׳ם וואגן פלינק ווי א אינגל, אין גרויס איילעניש זענען אים די ווארעמע שניי שיך אראפגעפאלן פון די פיס, און ער איז געבליבן שטיין אין די דינע זיידענע זאקן אויף די שניי.

רבי נתן האט זיך גענומען צו טאנצן און שפרינגען אין די שניי מיט א גרויסע שמחה, געפאטשט מיט די הענט און געזאגט:

— געלויבט השי"ת, געלויבט השי"ת.

משה האט נישט געוואוסט וואס דא קומט פאר, וואס איז עפעס רבי נתן אזוי אראפגעשפרונגען אין די זאקן, און וואס איז די גרויסע שמחה?

ער האט מורא געהאט דאס רבי נתן וועט זיך תיכף פארקילן שטייענדיג אין די שניי אין די דינע זאקן, ס'איז ממש סכנות נפשות, איז ער תיכף אויך אראפגעשפרונגען און אַן א ווארט ארויסרעדן האט ער אנגעהאפט זיין רבי'ן אויפגענומען אים אויף ביידע הענט און צוריק אריינגעשטעלט אין וואגן.

רבי נתן האט זיך שנעל ארויסגעדרייט פון זיינע הענט מיט גע־וואלד, און איז תיכף נאכאמאל אראפגעשפרונגען פונ'ם וואגן אין שניי אריין, ווייזנדיג מיט'ן פינגער אויפ'ן געשפאן אינ'ם וואגן, און זאָ־גענדיג:

— דו זעסט נישט; דו זעסט נישט!

ער האט ווייטער געפאטש און געזאגט מיט שמחה:

— געלויבט השי"ת, געלויבט השי"ת.

דעמאלס האט זיך משה בעסער איינגעקוקט און באמערקט, דאס דער גוי האט איינגעשפאנט צוויי אקסן צוזאַמען מיט די פערד.

האט משה געזאגט צום גוי:

— יאַהאַן, דו ווייסט אז אונזער תורה האט פארבאטן איינצושפא־נען אין איין וואגן צוויי ערליי מינים, א פערד מיט אן אקס, דאריבער דארפסטו נאכאמאל צוריקגיין אינ'ם דאָרף און ברענגען דווקא פערד. באקומסט „שכר טירחה" נאך פינף גולדן.

דער גוי האט גענומען די אקסן און איז צוריק אינ'ם דארף ברענ־גען פערד. רבי נתן האט זיך צוריק אריינגעזעצט אינ'ם וואגן.

דעמאלס האט משה געפרעגט זיין רבי'ן:

— מילא פארוואס דער רבי איז אראפ פונ'ם וואגן ווייס איך שוין. אבער אפשר קען מיר דער רבי זאגן, וואס איז געווען די גרויסע שמחה מיט'ן טאנצן און פאטשן „געלויבט השי"ת"?!

— דו פרעגסט נאך וואס די שמחה איז געווען? — האט רבי נתן געזאגט פארוואונדערט — א קלייניגקייט, אזא זכי'! ס'איז מיר אונטער געקומען מקיים צו זיין אזא מצוה פון די תורה „לא תחרוש בשור וחמור יחדיו" וואס זייענדיג אין פראנקפורט וואלט איך געקענט

אפלעבן די יארן און נישט קענען מקיים זיין די מצוה, פרעגסטו נאך וואס מיין שמחה איז געווען?!

און ווייסטו פארוואס איך האב געהאט די זכי' מקיים צו זיין די מצוה — האט רבי נתן אויסגעפירט — ווייל איך האב זיך נישט צוגע־הערט צו די בעלי בתים, וואס האבן מיך געוואלט אפהאלטן פון צופארן בייגאכט, און איך האב מיך ארויסגעלאזט אין וועג אריין מיט מסירת נפש, האט מיר דער אויבערשטער באצאלט א שכר פאר די מצוה, מיט דעם וואס מ'האט מיר אונטערגעשיקט א צווייטע מצוה, אזא חשוב'ע טייערע מצוה וואס נארמאלער־ווייז קומט דאס מיר קיינמאל נישט אויס מקיים צו זיין.

משה האט געהאט גרויס התפעלות פון דער זאך, וואס זיין רבי האט געהאט אזא שמחה פון די דאזיגע אונטערגעקומענע מצוה, דאס ער האט נישט געפילט די שניי און די שטארקע קעלט, און געטאנצט מיט די זאקן אין די שניי פאר גרויס פרייד. דאס הייסט אן אמת'ע ליבשאפט צום אויבערשטנס א מצוה.

שפעטער שפעטער מיט צענדליגע יארן, ווען רבינו משה סופר האט אנגעפירט מיט זיין גרויסע ישיבה אין פרעסבורג, פלעגט ער אפט דערציילען די מעשה פאר זיינע תלמידים, צו ווייזן און לערנען זיי ווי ווייט מ'דארף משתוקק זיין צו א מצוה, און פרייען זיך דערמיט ווען ס'קומט אונטער.

ער פלעגט ענדיגן:

— איך קען שוין אליין פארשטיין, אז נאך אזא נסיעה האט שוין מיין רבי מצליח געווען אין זיין שליחות, און ס'איז דורך אים ארויסגעקומען א ישועה פאר די גאנצע קהילה קדושה אין „אדענוואלד".

— ה —

ווי די דריי יאר זענען פאריבער, וואס משה איז געווען צוריק אין פראנקפורט און האט משמש געווען זיין רבי'ן רבי נתן, מיט גרויס געטריישאפט און אלע הינזיכטן. איז געקומען אן ענדערונג אין די זאך, וואס אנבעלאנגט די שטאט פראנקפורט.

די שטאט באסקאוויטץ אין מעהרן, האט געזוכט א רב. א שיינע

אידישע קהילה. ס׳איז געקומען א דעפוטאציע צו רבי נתן אדלער אויף פראנקפורט און פארגעשלאגן אים אננצונעמען דאס רבנות פאסטן אין באסקאוויטץ.

און אזוי ווי רבי נתן האט די גאנצע צייט נישט אויפגעהערט צו ליידן פון א שטארקן התנגדות אין שטאט, פון א באדייטנדען חלק פון די בעלי בתים, איבערהויפט דער יוגענט וועלכע זענען שוין געווען אנגעשטעקט מיט׳ן השכלה גייסט, האבן אים א סאך דערביטערט און עגמת נפש פארשאפט.

האט רבי נתן — בעראטנדיג זיך מיט׳ן „בעל הפלאה" דער רב פון דער שטאט — באשלאסן אנצונעמען דאס רבנות אין באסקאוויטץ. קלערנדיג אז דארט אלס רב פון דער שטאט וועט ער קענען רואיגער און בעסער פארזעצן זיין הייליגן דרך, און מדריך זיין צו תורה און עבודת השם זיינע תלמידים.

* * *

וואס אנבעלאנגט זיין תלמיד משה סופר, נו, א וודאי וואלט פאר רבי נתן נישט געקומען אפילו אין די געדאנקען, צו וועלן זיך שיידן פון אים, וועם ער האט ביז אהער אויפגעהאדעוועט, אזוי אין גוף ווי אין די נשמה, גלייך ווי אן אייגן קינד.

ס׳איז אבער פארגעקומען אין מיטן א זאך וואס האט גורם געווען דאס רבי נתן האט געמוזט — צום באדויערן — ענדערן זיין שטעלונג לגבי משה׳ן, ער האט זיך געמוזט פאסן צו דעם געדאנק דאס ער וועט זיך מוזן שיידן פון אים, און וועט אים נישט קענען מיטנעמען מיט זיך אויף באסקאוויטץ.

רבי שמואל — דער פאטער פון משה סופר — איז פלוצים נפטר געווארן, ער האט קוים איבערגעשפרייזט די מיטעלע יארן, צו קיין זקנה איז ער נאך נישט געקומען.

רבי נתן האט פארשטאנען דאס דעם שפיל וואס ער האט גע-שפילט מיט משה׳ן א קעגן זיין פאטער ר׳ שמואל, דאס ער האט מיט אים נישט גערעדט און איז אין גאנצן אין שטוב צו זיינע עלטערן נישט געקומען, ער האט זיך געהאדעוועט ביי רבי נתן אין שטוב ווי זיינס א קינד. כאטש זיין כוונה איז דאך געווען בלויז פאר זייער א טובה וועגן, דאך האט ער באשלאסן אז דאס קען ווייטער נישט אזוי גיין. אן אלמנה

איז אַן אַנדערע זאַך. מיט אַ צוּבראָכענע אַלמנה קען מען זיך נישט שפּילן. די תורה איז זייער שטרענג קעגן מצער זיין אַ אַלמנה מיט די מינדסטע צער.

דאַריבער פון דעם טאָג אָן וואָס ר׳ שמואל איז נפטר געוואָרן, האָט רבי נתן געהייסן משה׳ן גאַנץ אָפּט צו באַזוכן זיין מאַמע. צו רעדן מיט איר, פאַרברענגען מיט איר אַלעמאָל אַ ביסל.

איצט אַז ס׳איז געקומען די צייט, דאָס רבי נתן האָט געהאַלטן ביים פאַרלאָזן פראַנקפורט, האָט ער באַשלאָסן, מיט׳ן גרעסטן באַדויער און האַרץ-ווייטאָג מוז ער זיך שיידן פון זיין ליבן תלמיד משה. ער קען אים נישט צונעמען פון די אָרימע אַלמנה, די צדיקת רייזל.

משה אַליין האָט נישט געקענט בשום אופן שלום מאַכן מיט דעם געדאַנק, דאָס ער וועט זיך מוזן שיידן פון זיין רבי׳ן רבי נתן. זיין גאַנצער לעבן איז ביי אים גאַרנישט ווערט אָן דעם רבי׳ן.

ווען ס׳איז געקומען דער טאָג וואָס רבי נתן האָט געדאַרפט איבערלאָזן פראַנקפורט, ווי אַ טרויער איז געהאַנגען איבער די גאַנצע שטאָט. ס׳האָבן זיך פאַרזאַמלט אַרום רבי נתן׳ן שטוב טויזנטער מענטש, מענער, פרויען, קינדער, זענען געקומען זיך געזעגענען און בעטן אַ ברכה פונ׳ם צדיק פאַר׳ן אַוועקפאָרן.

אויך אַ סאַך פון זיינע מתנגדים זענען געקומען. זיי האָבן שוין שטאַרק חרטה געהאַט אויפן גאַנצן התנגדות. ווייל דאָס האָבן כמעט אַלע מתנגדים געוואוסט אויף קלאָר, דאָס רבי נתן איז אַ הייליגער איד אַ גרויסער צדיק, זיי האָבן נאָר געהאַט אַנדערע אויסרעכנונגען פאַרוואָס זיין דרך טויג נישט פאַר די שטוב. אָבער איצט אַז זיי האָבן געזען דאָס רבי נתן גייט טאַקע פאַרלאָזן פראַנקפורט, האָט זיי וויי געטאָן דאָס האַרץ, ס׳וועט פאַרט פעלן אַ צדיק אַ הייליגער איד פון די שטאָט.

אָבער צוריקדרייען האָט מען שוין נישט געקענט. רבי נתן האָט שוין געגעבן זיין וואָרט פאַר די באַסקאָוויצער בעלי בתים דאָס ער קומט אָננעמען דאָס רבנות. זענען געקומען אַ סאַך פון די מתנגדים, זאָלן כאָטש מפייס זיין דעם צדיק בעפאָר ער פאַרלאָזט די שטאָט.

ס׳האָט זיך געטאָן ביי רבי נתן׳ס שטוב און בית המדרש, פון אינעווייניג און פון אויסענווייניג, אַ קלאַגעריי און געוויינעריי. מענער און פרויען האָבן געשריגן:

— רבי, זייט אונז מוחל.

די היימישע האבן זיך ארייגעשטופט פון אנעווייניג און געבעטן א ברכה.

רבי נתן איז געווען אין א געהויבענע שטימונג. ער האט יעדן געפרעגט: — וואס ווילסטו? וואס פעלט דיר?

ער האט געטיילט ברכות, יעדן לויט זיינע וואונשן.

משה האט זיך צוגעשטופט נאענט צו זיין רבי'ן, און האט יאמער-ליך געוויינט.

רבי נתן פרעגט אים: — משה, וואס ווילסטו? וואס באגערסטו?

משה האט געענטפערט מיט א וויינענדיגן קול:

— איך וויל זען דעם רבי'ן אין באסקאוויטש.

רבי נתן ענטפערט, מיט טרערן אין די אויגן:

— מיין טייער קינד משה, דאס קען דאך נישט זיין, די תורה פארלאנגט אנדערש.

משה'ס ענטפער איז געווען א היסטערישער אויסברוך פון א געיאמער און געוויין. ווערטער האט ער נישט געהאט וואס צוזאגן.

רבי נתן האט אים פרובירט צו טרייסטן:

— משה טייערער, דו ביזט שוין ב"ה א „כלי שלימה", ס'פעלט דיר גארנישט. דו האסט שוין גענוג מקבל געווען ביי אונז, דאס דו זאלסט וויסן דעם וועג איבער דיין גאנץ לעבן.

משה האט געענטפערט:

— אזויפיל האב איך מקבל געווען ביים רבי'ן, אז איך זאל פאר-שטיין און באגרייפן, דאס איך האב נאך נישט אנגעהויבן מקבל צו זיין.

* * *

רבי נתן האט פארלאזט פראנקפורט אין די מארגענדיגע שעה'ן, אויף די קארעטע וואס די באסקאוויטצ'ער געמיינדע האט אים צוגע-שטעלט אין באגלייטונג פון צוויי באסקאוויטצ'ער בעלי בתים.

משה האט זיך געפילט זייער דערשלאגן און זייער שווער אויפ'ן הארצן. דערצו האט ער זיך דערמאנט א זאך, וואס האט אים נישט געלאזט קיין מנוחה. ער האט געזאגט פאר זיין רבי'ן דעם אויסדרוק „איך וויל זען דעם רבי'ן אין באסקאוויטש", און לויט ווי ס'שטייט אינ'ם ספר של"ה הקדוש דאס א זאך וואס מ'זאגט אז מ'וויל דאס טאן, און מ'זאגט

נישט דערביי „בלי נדר" הייסט עס אזוי ווי א נדר, האט ער דאך נישט געזאגט „בלי נדר", קען דאך זיין אז ס'איז גערעכנט אין הימל ווי א נדר, איז ער דאך אין א גרויסן פארלעגענהייט וואס ער האט צו טאָן.

אזוי קלערנדיג און טראכטנדיג איז אים געקומען אין זינען, דאס ער האט נאך אפילו נישט געהערט וואס זיין מאמע האט צוזאגן אין דער אנגעלעגנהייט. ס'פארשטייט זיך, ער וועט איר נישט זאגן דאס עס איז אים געקומען אפילו אין קאפ אזא געדאנק, ער זאל איר איבער־לאזן, ער וועט איר נישט מצער זיין. אבער ער מעג דאך דערציילן די מעשה, ווי שווער ער האט זיך געזעגנט פון זיין רבי'ן, און אז ער האט זיך ארויסגעכאפט סתם אזוי פאר ליבשאפט צו זיין רבי'ן וועגן, דאס ער וויל זען דעם רבי'ן אין באסקאוויטץ. האט ער איצט אפלאָנטער, צו דאס הייסט נישט לויטן של"ה הקדוש ווי א נדר, ווייל ער האט נישט געזאגט „בלי נדר", און וואס איז איר עצה אין דער זאך?

ס'איז גאנץ א גלייכע זאך — האט ער ביי זיך געקלערט — און מיט די געדאנקען איז ער געגאנגען אהיים צו די מוטער.

ער עפנט די טיר ביי די מוטער, ער דערזעט איר זיצן אין א ווינקל און וויינען.

ס'האט אים שטארק א כאפ געטאן ביים הארצן, ער פרעגט איר:

מאמע'שו וואס וויינסטו? איך בין דאך דא, איך בין נישט אוועקגעפארן.

אויף דעם וויין איך טאקע — האט זי געזאגט מיט א צובראכענע וויינענדיגע שטימע — ביז צו די לעצטע מינוט האב איך מיר נישט געקענט גלויבען דאס ס'קען זיין אזא זאך, אז דו זאלסט קענען פועל'ן ביי דיר אפרייסן זיך פון דיין רבי'ן, וועלכער האט דיך ערצויגן און געמאכט דיך פאר א מענטש. און אז דאס האט געקענט יא פאסירן, איז ווער ווייס צו איך האב נישט אין דיר אין גאנצן א טעות, ביזט ווייט פון די אלע לויב־געזאנגען וואס מ'האט אין דיר אנגעהאנגען. אדער אלענפאלס, ביזט ח"ו אראפגעפאלן פון די „מדריגות" וואס דו האסט געהאט אין דיר?! און אויב חלילה ס'איז אזוי, וואס איז מיר ווערט מיין גאנצער לעבן?!

משה האט זיך נישט געקענט באהערשן, ס'האט אים געשטיקט א געוויין, און ער האט קוים קוים ארויסגערעדט:

— מאמע טייערע! איך האָב דאָך דאָס אַלעס געטאָן וועגן דיר. איך האָב געבּרענגט דעם גרעסטן קרבן אין מיין לעבן, פאַר דיינעט וועגן, כדי דו זאָלסט נישט איבּערבּלייבּן אַליין.

פאַר מיינעט וועגן? — האָט רייזל געזאָגט דערשטוינט — פאַר מיינעט וועגן איז די איינציגע זאַך וואָס דו קענסט טאָן, אַז זאָלסט שטייגן ווייטער אין תורה און אין יראת שמים. און דאָס קען נאָר זיין ווען דו געפינסט דיך נעבּן דיין רבּי׳ן, דער אמת׳ער „איש אלקים". ביזט נאָך יונג, האָסט נאָך אַ סאַך וואָס מקבּל צו זיין.

איך האָב נישט געבּעטן אויף אַ קינד ביים באַשעפער — האָט רייזל פאַרגעזעצט — דאַמיט איך זאָל האָבּן פון אים אַ הנאה אויף דעם עולם, איך זאָל קענען מיט אים שטאָלצירן. חס וחלילה אפילו אַזאַ געדאַנק פאַר מיר. איך וויל אפילו נישט אַז דו זאָלסט דיך געפינען ביי מיר אין שטוב. ווען דו בּלייבּסט דאָ אין פראַנקפורט וואָלט איך דיך אויך אַוועקגעשיקט צו זיין ביי אַן אַנדערן. איך האָב מורא פאַר אַ „עין הרע", ביזט נאָך יונג, און די „יענע חבֿרה" האָבּן אויף דיר טויזינט אויגן. ווילאַנג דיין רבּי איז געווען דאָ, האָב איך געהאַט אויף וועמען זיך צו פאַרלאָזן, ער האָט אַלעס געטאָן דיך צו פאַרהיטן און באַוואָרענען. אָבער אַז דיין רבּי איז נישט דאָ, ווער קען נעמען אויף זיך אַזאַ אחריות?!

משה האָט נישט געוואוסט וואָס ער זאָל אָנהייבּן צו זאָגן, צו זאָל ער לאַכן, צו זאָל ער וויינען. ער איז אַליין געווען שטאַרק איבּערראַש און אַ דורכגענומען פון׳ם גרויסן צדקות פון זיין מוטער.

סוף, נאָך אַ מינוט צוויי שטילשווייגן, האָט ער זיך אַראָפּגעבּויגן אָנגענומען די מאַמעס האַנט און באַשיט איר מיט הייסע קושן.

מאַמע טייערע — האָט ער געזאָגט מיט אַ שטאַרק גערירטן טאָן — איך וועל דיך פאָלגן, איך נעם זיך שוין נאָכלויפן דעם רבּי׳ן. איך וועל אים נאָך דערגרייכן אין מיטן וועג.

זיי רואיג מאַמע, דיין גרויסער זכות וועט מיר ביישטיין, דאָס דו וועסט דיך נישט — מיט השי״ת׳ס הילף — ענטוישן אין מיר.

שטיי מיין קינד — האָט זי געזאָגט — איך וועל דיר מאַכן אַ שטיקל פעקעלע מיטצונעמען.

רייזל האָט אים איינגעפּאַקט אַ ביסל וועש, צוזאַמען געקליבּן אַ

ביסל קיכעלעך און א ביסל עפּעלעך פון שטוב, געמאכט דערפון א פּעקעלע. זי האט אים געזעגנט מיט א סאך גוטע ברכות.

„די גוטע בשורות וואס כ׳וועל הערן פון דיר, דאס וועט מיר געבן כח צום לעבן״ — דאס זענען געווען אירע לעצטע ווערטער.

— ו —

משה סופר איז געגאנגען שנעל צוריק צום בית המדרש, נעמען זיינע תפילין. דארט האט ער באגעגנט א בחור אויך פון רבי נתן׳ס תלמידים, וועלכער איז געווען פון די פרעמד נישט א פראנקפורטער. און אזוי ווי רבי נתן איז אוועקגעפארן האט ער זיך געקליבן צולאזן זיך אין וועג אריין אהיים צו זיינע עלטערן. ווי דער בחור האט זיך דערוואוסט דאס משה לאזט זיך אין וועג צו דערגרייכן דעם רבי׳ן, האט ער אים געזאגט, דאס ער גייט אויך גראדע דעם וועג. ער איז פון היידינגספעלד, אויף די זעלבע ריכטונג. וועט ער זיך זייער גערן צושליסן צו משה׳ן זאלן גיין צוזאמען ביז היידינגספעלד. און אפשר וועלן זיי אין מיטן וועג באגעגענען אויך דעם רבי׳ן, וועלכער שטעלט זיך א וודאי אפּ אין מיטן זיך אפּצורוען.

משה האט דערצו גערן מסכים געווען, ס׳האט אים א הנאה געטאן וואס ער גייט דערווייל נישט אליין.

זיי האבן זיך געלאזט אין וועג אריין צופוס, אין מיטן האבן זיי געטראפן א וואגן וואס האט זיי אויפגענומען ביז׳ן נאנסטן דארף. פון דארט זענען זיי ווייטער געגאנגען צופוס א היבשע פאר מייל, ביז א וואגן האט זיי ווידער אויפגענומען א שטיק וועגס, און צוריק אראפּגעשטעלט, אזוי זענען זיי געגאנגען און געפארן א גאנצן טאג ביז שפּעט אינדערנאכט.

צווישן ניין און צען ביינאכט, גייענדיג אויפ׳ן וועג אין די פינסטער הינטער א דארף, האט זיי באפאלן א באנדע פון פיר־פינף גרויסע שקצים מיט גראבע שטעקענעס.

משה האט געזען דאס ער קען נישט פון זיי לויז ווערן, האט ער געכאפט איינעם און מיט גרויס כח האט ער אים אריינגעקלאפּט אינ׳ם צווייטן אזוי אז דער צווייטער האט זיך אריינגקלאפּט אינ׳ם

דריטן מיט אזא כח דאס אלע דריי האבן זיך אויסגעצויגן אויף דער ערד צעבליט און צעקלאפּט שטארק.

די שקצים האבן זיך גענומען שרייען מיט שרעקליכע קולות, ס'איז צוזאמען געלאפן גוים פון אלע זייטן. משה האט באנומען די גרויסע סכנה, האט ער געכאפּט דעם בחור זיין באגלייטער אויף די פּלייצע און איז אזוי געלאפן מיט אים פעסט. א גאנצע מחנה גוים איז זיי נאכגעלאפן מיט א ווילדן הירזשעריי, אבער משה איז געווען היפּש פאראויס. די גוים האבן נישט נאכגעלאזט, משה איז געלאפן מיט דעם בחור אויף די פּלייצע מיט די לעצטע כוחות.

ווען ער האט געפילט דאס די כוחות לאזן זיך אים אוים און ער פאלט שוין א נידער, פלוצים האט ער דערהערט א קול רופן:

— משה משה!

א אידישע פרוי איז געשטאנען פאר איר הויז און האט געשריגן. לויפט שנעל אריין צו מיר — האט זי געזאגט.

משה איז געווען שטארק איבערראשט און פארוואונדערט, פון וואנעט די פרוי קען אים און ווייסט זיין נאמען.

זיי זענען אריינגעלאפן. זי האט זיי פארשלאסן אין א זייטן־קעמערל. א חוץ דעם האט זי פארגאנדזשעט דעם טויער אין דרויסן, און אויך פארשלאסן די טיר פון הויז.

די גוים האבן אין דעם שטארקן פינסטערניש אין גאנצן נישט באמערקט, דאס די צוויי אידן זענען ערגעץ אריין. זענען זיי נאכגעלאפן ווייטער, פאריבער געלאפן דאס הויז, ביז זיי האבן זיך איבערצייגט דאס די צוויי זענען ערגעץ נעלם געווארן. זיי האבן נאך א ביסל געטאפּט אין די פינסטערניש, דערנאך זענען זיי זיך צוגאנגען יעדער אין זיין היים.

משה מיט דעם בחור זענען ניצול געווארן פון א זיכערן טויט.

ווי די סכנה איז פאריבער האט זי געעפנט דאס קאמערל, זיי זענען אריין אין צימער.

משה האט זייער געוואלט וויסן ווער די פרוי איז, וועלכע האט אים איצט געראטעוועט פון אזא „סכנות נפשות".

אפשר קען איך וויסן ווער איר זענט — האט ער זיך אינטערעסירט — און פון וואנעט ווייסט איר מיין נאמען?

משה איך בין דאך דיין „זייגערן" — האט זי געזאגט — פון מיין מילך האסטו געזויגן אלס קינד. דו דערקענסט מיך נישט? זעסטו איך

האב דיך תיכף דערקענט. געלויבט השי״ת וואס דו ביזט אויסגעוואקסן אזא שיינער גרויסער בחור. און געלויבט איז זיין ליבער נאמען וואס איך האב געהאט די זכי׳ דיך צוראטעווען איצט פון אזא גרויסע סכנה.

משה איז געווארן שטארק דערשטוינט איבער דער זאך.

ער האט פארשטאנען דאס די אידענע איז נישט קיין איינפאכע פרוי. ווארים ווי איז דאס מעגליך — בדרך הטבע — מ׳זאל איינעם דערקענען צו די ניינצן יאר וואס מ׳האט איינעם נישט געזען זינט א זייגענדיג קינד. דאס איז נישט קיין נארמאלע זאך, דערצו נאך אין פינסטער, און אויף ערשטן אויגנבליק.

שנית, די גרויסע השגחה פונ׳ם הימל דאס פונקט איז זי געשטא־נען אין דרויסן, ביינאכט אין די פינסטער, גלייך ווי זי וואלט געווארט אויף אים.

משה האט זיך דערמאנט ווי די מוטער פלעגט דערציילן, דאס זי האט זיך נישט געקענט צופאסן א פרוי א זייגערקע פאר אים, אלע וואס האבן זיך אנגעטראגן איז איר נישט געפעלן, ביז ס׳איז פלוצים אנגעקומען עפעס א פרוי פון א דארף, וואס קיינער האט איר נישט געקענט, די פרוי איז פאר איר געפעלן, זי — משה׳ס מוטער — האט דערקענט אויף איר, אז זי מוז זיין א גרויסע צדיקת, און זי האט איר גענומען פאר א זייגערן.

די גאנצע מעשה קלינגט אויך זייער קאָמיש. וואס האט די דא־זיגע פרוי פון דעם פארווארפענעם דארף געזוכט דעמאלס אין פראנק־פורט? ס׳זעט אויס ווי זי וואלט דירעקט געקומען פונקט אין די צייט, ווייל זי האט געזען — ברוח הקודש — דאס אין פראנקפורט זוכט מען פאר אים א זייגערן.

משה האט איר געפרעגט: וואו איז אייער פאמיליע?

האט זי געענטפערט, דאס אירע קינדער זענען שוין אלע אויס־געגעבענע און זיי וואוינען צושפרייט אין עטליכע שטעט.

און וואו איז אייער מאן? — האט משה געפרעגט.

מיין מאן — האט זי געענטפערט — גייט ארום פעדלען אין די דערבייאיגע דערפער, ער קומט אהיים אין מיטן נאכט און אמאל קומט ער אין גאנצן נישט אהיים איבער נאכט.

פון דעם אלעם האט זיך משה אויפגעדרונגען, דאס די גאנצע געשיכטע מיט די פרוי איז א מיסטעריעזע זאך, וואס וועט אים אפשר

קיינמאל נישט נתגלה ווערן. נאר איין זאך איז זיכער, דאס זי איז פון הימל פארגעברייט געווארן אים צו זיין א זייגערן, און איצטער אלס גרויסער בחור, צו ראטעווען אים דא ביים לעבן. ווייל ס'איז זיכער דאס די אויפגעברויזטע גוים וואלטן אים דערהרג'עט.

* * *

די פרוי האט געגעבן משה'ן מיט דעם בחור עפעס צועסן, און אויסגעבעט זיי זאלן זיך אראפלייגן שלאפן אויף א פאר שעה און זאלן קענען גיין ווייטער מיט אויסגערוטע כחות. משה און דער בחור זענען אויפגעשטאנען פארטאג, און געגאנגען ווייטער אין וועג אריין.

נאך דריי שעה גיין זענען זיי אנגעקומען אויף היידינגספעלד, וואו דער בחור משה'ס באגלייטער האט געוואוינט. דארט האבן זיי זיך תיכף דערוואוסט דאס רבי נתן איז דא אין שטאט. ער האט דארט איבערגענעכטיגט ביי דעם גביר ר' הערש פראנקפורטער. משה איז תיכף אהין צוגעגאנגען.

רבי נתן איז געווארן איבערראשט ווען ער האט דערזען פאר זיך זיין ליבן תלמיד משה. זיין הייליגער געזיכט האט אויפגעלויכטן פאר פרייד, ווי איינער זעט זיך מיט זיין בן יחיד, נאך וועמען ער האט שוין געבענקט שטארק.

דו ביזט דאס משה? — האט רבי נתן געזאגט מיט א אנגענעמע איבערראשונג — וואו קומסטו אהער? האסט איבערגעלאזט דיין מאמע'ן?!

משה האט דערציילט גענוי ווארט ביי ווארט דעם געשפרעך וואס ער האט געהאט מיט די מוטער. ווי זי האט ביטער געוויינט אויף דעם וואס ער האט זיך געשיידט פונ'ם רבי'ן. און זי האט אים געזאגט, אז זי וועט אים סייווי נישט לאזן זיין ביי איר אין שטוב וועגן א חשש פון „עין הרע". און איר חיות וועט זיין וואס זי וועט הערן פון אים גוטע בשורות פון באסקאוויטץ. און נאך און נאך א זעלכע רייד.

רבי נתן איז געוועזן פארוואונדערט אויף איר גרויסן צדקות.

דאס הארץ האט מיר געזאגט — האט רבי נתן פארזיכערט משה'ן — דאס מיר וועלן נאך זיין אין איינעם, נאר איך האב געלאזט גיין די זאך אין איר גאנג. און איצט בין איך זייער צופרידן וואס די זאך האט זיך

אזוי געפירט. דו וועסט זיין נעבן מיר אין באסקאוויטץ. אין דער אמת׳ן האב איך דיר נאך א סאך וואס איבערצוגעבן.

נאכן דאווענען, און עפעס אפעסן, האט זיך רבי נתן מיט זיין סוויטע געלאזט זיך ווייטער אין וועג אריין. משה׳ס מיטפארן האט פאר רבי נתן אביסל גרינגער געמאכט דעם שווערן געמיט וואס ער האט געהאט דורכ׳ן פארלאזן פראנקפורט זיין געבורטסשטאט, וואו ער האט אנגעבויעט אזויפיל תורה און תפלה און הדרכה צו תלמידים.

* * *

באסקאוויטץ האט אויפגענומען דעם נייעם רב בכבוד. מ׳האט אים אהערגעשטעלט א שיינעם קבלת פנים מיט א גראסארטיגע סעודה, ביי וועלכן די גאנצע שטאט איז געווען.

רבי נתן האט צו דער געלעגנהייט געזאגט זיין ערשטע דרשה. קיין אראטארישער רעדנער איז רבי נתן נישט געווען. ער האט נישט געהאט דעם דרך וויאזוי צופאנגען הערצער פון בעלי בתים מיט רייד, מיט א פארטראג. בכלל האט ער זיך נישט געקענט אראפלאזן צום המון. ער האט געשוועבט אין דער הויך. זיין דרשה איז געווען פול מיט רמזים און קורצע זאצן. גלייך ווי א בריוו פון הוילע ראשי תיבות און פינטעלעך.

ווען רבי נתן האט געענדיגט זיין איינצוגס-דרשה, האט זיך משה סופר אויפגעשטעלט, ער האט כמעט איבערגעחזר׳ט די גאנצע דרשה, מפרש געווען א יעדע זאך קלאר, צעלייגט עס אויף קליין געלט. אויפגעוויזן וויפיל „פנימיות" ענטהאלט אין זיך איעדער זאץ און איעדער זאג פונ׳ם רבי׳ן. דער עולם האט טאקע געהאט התפעלות פון משה׳ס ערקלערונגען, ער האט פון דער ערשטער מינוט געצווינגן אויף זיך די אויפמערקזאמקייט צוגונסטן, און דערצו מיט אזא שיינע שפראכע, מיט אלע אראטארישע פארשריפטן.

דער רבי אליין האט ביי זיי דערווייל אויסגעזען ווי א פארשלאסענער „ארון הקודש" וואס מ׳דארף נאך וויסן וויאזוי צועפענען.

* * *

צווישן די וואס זענען געקומען מקבל פנים זיין דעם נייעם רב, האט זיך ארויסגעהויבן די צורה פון א אלטן איד מיט א שיינעם הדרת

פנים, א הויכער מיט א שניי ווייסע בארד. רבי נתן איז אויפמערקזאם געווארן אויף די צורה, ער האט זיך געפרעגט:

— ווער איז דער אלטער?

— דאס איז דער גרויסער גאון און צדיק רבי שמואל קעללן — איז געוועזן דער ענטפער.

— דער מחבר פונ׳ם „מחצית השקל״? — האט רבי נתן געזאגט פארוואונדערט.

יא, דאס איז ער.

ווען ער איז צוגעקומען נאענט צו רבי נתן, און געגעבן שלו׳ם, האט רבי נתן איבערגע׳חזר׳ט נאכאמאל: — איר זענט רבי שמואל קעללן דער מחבר פון „מחצית השקל״?

מיין נאמען איז שמואל — איז געקומען א באשיידענער ענטפער.

אין א שטאט וואו ס׳געפינט זיך דער „בעל מחצית השקל״, דארף מען מיך איינלאדנען פאר א רב? — האט רבי נתן געפרעגט דערשטוינט.

איך בין דא א מלמד איבער קינדער — האט רבי שמואל געזאגט — א רב בין איך קיינמאל נישט געוועזן, און וועל אויך נישט זיין.

די בעלי בתים האבן איבערגעגעבן פאר רבי נתן, דאס רבי שמואל קעללן איז א מלמד איבער די גרעסערע קינדער אין די תלמוד תורה. און פירט זיך זייער צוריקגעצויגן און באשיידן. ער האט קיינמאל נישט געוואלט פארנעמען עפעס א פאזיציאן פון א מורה הוראה, א דיין. פונדעסטוועגן ווייס א יעדער דאס ער איז א גרויסער גאון און א צדיק.

רבי נתן, וואס זיין הארץ און זיינע געדאנקען זענען נאך געוועזן פול מיט פראנקפורט, וואס ער האט געדארפט איבערלאזן, א שטאט מיט א סאך לומדים, תלמידי חכמים. האט איצט געפונען א שטיקל טרייסט, דאס ער וועט זיך געפינען איז איין שטאט מיט דעם גרויסן גאון, דער בעל מחצית השקל.

— ז —

ס׳איז נישט געוועזן באשערט פאר דעם גרויסן גאון און צדיק „איש אלקים״ רבי נתן אדלער צו זיצן מיט מנוחה און שלו׳ה.

ער איז אנטלאפן פון די מתנגדים אין פראנקפורט, כדי ער זאל

האבן מער „ישוב הדעת״ און מנוחה צו דינען השי״ת, פארזעצן זיין הייליגן דרך. ער האט עס אבער ליידער אין באסקאוויטץ נישט געפונען.

די ערשטע זאך האט זיך אנגעהויבן מיט די באהערדע.

עס איז געווען א פאראָרדענונג פון די רעגירונג און מוראביע, דאס קיין שום אויסלענדער טאר נישט פארנעמען א קהלי׳ש פאסטן, נישט א רב נישט א מלמד נישט א שוחט א.א.וו. אויסער מיט גרוים השתדלות און פראטעקציע האט מען א מאל געקענט אויספועל׳ן אן אויסנאם.

די באסקאוויצער געמיינדע האט דער אמת׳ן אנגעלייגט גענוג השתדלות אויסצופועל׳ן אן ערלויבעניש פאר רבי נתן. נאר אנדערש ווי אלעמאל, וואס זיי פלעגן צוקענען פועל׳ן זאכן ביי די באהערדע אָן שוועריגקייטן, האט זיך זיי דאס מאל נישט איינגעגעבן ארויסצוקריגן דעם ערלויבעניש, בעפאר דעם טערמין וואס רבי נתן האט געדארפט קומען פארנעמען דאס רבנות פאסטן. האבן זיי זיך פארלאזט דאס זיי וועלן דאס קענען — מיט א ביסל מער השתדלות — דערנאך אויך ארויסקריגן. — איז אבער — מעשה שטן — נישט געלונגען די זאך.

די באהערדע האט זיך פארעקשנ׳ט עפעס ווי פאר א טריץ, און זיי האבן נישט געוואלט געבן בשום אופן דעם ערלויבעניש דאס רבי נתן זאל קענען אנגיין מיט זיין רבנות אין באקאוויטץ. מ׳האט אנגעהויבן רבי נתן׳ען צו דערקוטשן אלץ מער און מער. די קהילה איז געווען אין א פארלעגנהייט.

רבי נתן האט איינגעזען, דאס ביז וויילאנג די זאך איז נישט ערלעדיגט איז ער דאך אין גאנצן ווי אויפ׳ן וואסער. האט ער באשלאסן, אליין צוטאן וועגן דעם ענין. ער האט פארגעשלאגן פאר די געמיינדע, דאס ער וואלט אפשר אליין אריבער געפארן אויף „ווין״ — די רעזידענץ שטאט — מעגליך ער וואלט געקענט אין די זאך אויפטאן בהצלחה, דורך איינפלוסרייכע מענטשן וועלכע האבן פראטעקציע ביי די רעגירונג.

די פארשטאנד פון די געמיינדע האט זיך אין דעם אנגעכאפט, ווי א פאזיטיווע שריט, וואס וועט זיכער מצליח זיין בעזה״י. דער רב רבי נתן׳ס גרויסער נאמען וועט עפנען פאר אים אלע טירן און טויערן פון די גרויסע איינפלוסרייכע קאפעציטעטן, וואס מאנגלט נישט צווישן די אידן אין ווין. און דעם רב׳ס זאך וועט ערלעדיגט ווערן איינס-צוויי.

דער רב האט באשלאסן צופארן אויף ווין, אין באגלייטונג פון

זיין חשוב׳ן ליבן תלמיד משה סופר. און מ׳האט באשטימט דעם טערמין פון די נסיעה.

* * *

די נסיעה אויף ווין איז גראדע אויסגעפאלן אין א שווערן ווינטער טאג, ס׳איז געווען א שטארקע פראסט, די ערד איז געווען באדעקט מיט געפרוירענע שניי.

אין מיטן פארן האט רבי נתן געוואלט עפעס עסן פון דעם וואס מ׳האט זיך מיטגענומען אויפן וועג, איז אבער נישט געווען קיין וואסער צו נטילת ידים.

משה איז אראפ פונ׳ם וואגן, ער האט געזאגט א תירוץ דאס ער וויל א ביסל גיין צופוס צו דערווארעמען זיך פון די גרויסע קעלט, דורכ׳ן גיין. ער האט גענומען דאס וואסער טעפל אין איין האנט, און אין די צווייטע האנט האט ער אריינגענומען א שטיק אייז, ער האט עס געווארעמט מיט די האנט ביז עס איז צוגאנגען און ס׳איז געווארן דערפון א ביסל וואסער אין טעפל, האט ער דאן גענומען נאך א שטיקל אייז אין די האנט און ווייטער אויפגעלאזט מיט דער האנט געמאכט דערפון וואסער, אזוי האט ער געטאן ביז דאס טעפל איז פול געווארן, און ער האט דאס דערלאנגט זיין רבי׳ן צו וואשן זיך די הענט פאר „נטילת ידים".

רבי נתן האט געהאט התפעלות פונ׳ם גרויסן אהבה און געטריי־שאפט פונ׳ם תלמיד משה, ער האט נישט געקוקט אויף דער גרויסער קעלט, וואס כמעט די וואסער אין האנט איז געפרוירן געווארן, און האט געארבעט אויף דעם א היפשע צייט.

שפעטער מיט א סאך יארן, ווען רבינו משה סופר איז געווען רב אין פרעסבורג פלעגט ער צו דערציילן פאר זיינע תלמידים די מעשה מיט׳ן אייז און די וואסער, ווי ער האט אויפגעלאזט דעם אייז מיט דער האנט ביז ס׳איז געווארן א פולער טעפל, כדי זיין רבי זאל האבן אויף נטילת ידים צום עסן. צו ווייזן פאר זיינע תלמידים ווי געטריי ער איז געווען צו זיין רבי׳ן.

* * *

אין ווין האט רבי נתן געהאט כבוד גדול. ס׳איז געווארן א רעש אין די שטאט, דאס דער גרויסער צדיק און געטליכער מאן רבי נתן איז דא.

דער גרויסער גביר און קאפעציטעט ר׳ נתן אַרנשטיין האט אים איינגעלאדנט צו זיך פאר א אכסניא, צוזאמען מיט משה׳ן. ר׳ נתן ארנ־שטיין איז געווען א גרויסער פערזענליכקייט „אַ שררה״. ער האט געהאט דעם טיטול „באַראָן״ אַרנשטיין. דאס איז געווען א זעלטענע זאַך ביי אידן. ער האט געלעבט און געפירט א שטוב ווי א מיניסטער. די גרויסע פריצים און אדל-לייט פלעגן קומען צו אים צו גאסט. ער איז געווען א „קרוב למלכות״, געהאט אן אפענע טיר צו די הויכע אינסטאנצן.

רבי נתן אדלער האט אים דערציילט דעם ציל פון זיין קומען פון באסקוויטץ אויף ווין, ר׳ נתן ארנשטיין האט פארשפראכן צו טאן דעריין.

ס׳דארף דא באמערקט ווערן, דאס ר׳ נתן ארנשטיין אליין איז געווען א איד א „בר אוריין״ און האט געפירט א כשר׳ע אידישע שטוב.

ער האט אויך געהאט ביי זיך אין הויף א בית המדרש׳ל, וואו צען אידן תלמידי חכמים זענען געזעסן און געלערנט, און ר׳ נתן ארנ־שטיין האט זיי אויסגעהאלטן.

די קינדער זיינע, די עלטערע זענען נאך כמעט אין גאנצן גע־גאנגען אין פאטער׳ס וועג. אבער די אינגערע האבן שוין אנגעהויבן צו ביסלעך אָפצואווייכן פון דעם שטרענגן אָרטאָדאקסישן וועג. דאס גרויסע עשירות און לוקסוס אין וועלכן זיי זענען דערצויגן געווארן, און דאס חבר׳ן זיך מיט זייערס א גלייכן, אריסטאָקראטן, מאַגנאַטן, קאפע־ציטעטן, דאס האט זיי פארבלענדעט די אויגן, און זיי האבן צוביסלעך אליץ מער און מער נאכגעלאזט. אזוי ווייט אז די אינגסטע שנור וועלכע איז אויך געווען א מיליאָנערס א טאכטער, האט שוין געהאט גרויסע פארקעמטע אייגענע האָר אויפ׳ן קאָפּ, נישט מער וואס זי האט געטראגן א קליין היטעלע איבער די האר.

מוסר — פארשטייט זיך — האט קיינער נישט געזאגט פאר ר׳ נתן ארנשטיין, און זיין פאמיליע לייט. אדרבה, מ׳האט ביי יעדער געלעגנהייט ארויסגעהויבן דעם גרויסן „קידוש השם״ וואס אזא רייכע מאגנאטישע שטוב א „באראָן״ פירט זיך אזוי אידישלעך. אלעס וואס זיי האבן געטאן איז געווען א חידוש, א וואונדער.

ר׳ נתן ארנשטיין האט אפגעגעבן פאר רבי נתן מיט זיין תלמיד דריי גרויסע צימערן אין דעם זעלבן פאלאץ אין וועלכן ר׳ נתן ארנשטיין האט געוואוינט מיט זיין פאמיליע.

איינמאָל האָט זיך געמאַכט דאָס משה האָט עפּעס געדאַרפֿט גיין אַרויס, און איז דורכגעגאַנגען אַ גרויסן צימער וואו ר׳ נתן אַרנשטיין׳ס יונגע שנור איז גראָדע געשטאַנען ביי אַ גרויסן שפּיגל און אַ פֿריזער איז נעבן איר געשטאַנען געמאַכט איר די האָר, און אַ צוויי דריי פֿרויען זענען געשטאַנען אַרום, געזאָגט מבינות. משה האָט עפּעס באַמערקט, און אַרויסגייענדיג פֿון דעם צימער האָט ער געפֿרעגט עמעצן:

— וואָס איז דאָס?

דאָס איז דאָך באַראָן אַרנשטיין׳ס נייע שנור וועלכע האָט דאָ נישט לאַנג חתונה געהאַט מיט זיין זון — איז געקומען דער ענטפֿער — דער פֿריזער מאַכט איר די האָר.

משה האָט געהאַלטן אַז ער טאָר נישט אַזאַ זאַך פֿאַרשווייגן און אַ וואָרט צו זאָגן. ס׳ליגט אויף אים די מצו׳ה פֿון „תוכחה״,

ער האָט זיך אויסגעדרייט צוריק, ער איז צוגעגאַנגען צו ר׳ נתן אַרנשטיין׳ס שנור, און געזאָגט די פֿאָלגנדע רייד:

— ס׳איז זייער נישט שיין אַ אידישע טאָכטער, אַ פֿאַרהייראַטע פֿרוי, זאָל זיין אַזוי פֿרעך! שטיין אין דער עפֿנטליכקייט ווי מענטשן דרייען זיך, לאָזן מאַכן זיך די האָר מיט אַ פֿריזער. ווי פּאַסט דאָס פֿאַר ר׳ נתן אַרנשטיין׳ס אַ שנור?!

דאָס ווייבל האָט אַרויסגעלאָזט אַ קוויטש מיט אַזאַ היסטעריע, דאָס ס׳האָט זיך געהערט אינ׳ם גאַנצן הויז. זי האָט אַלעס אַראָפּגע־וואָרפֿן פֿון די הענט און געלאָזט אַלעס שטיין, זי איז געלאָפֿן צו זיך אין צימער, אַריינגעגראָבן דעם קאָפּ אין אַ קישן און געוואַיעוועט.

די שוויגער, ר׳ נתן אַרנשטיין׳ס ווייב איז געקומען צו לויפֿן אויפֿ׳ן קוויטש, צוזאַמען מיט אַנדערע שטוב לייט, זי איז נאָכגעלאָפֿן אין איר צימער אַריין, און געפֿרעגט אויפֿגערעגט:

— וואָס איז דאָס? וואָס איז געשען?

דאָס ווייבל האָט נישט געענטפֿערט, נאָר ווייטער געכליפּעט און געוויינט.

אַן אַנדערע פֿרוי, איינע פֿון די וועלכע זענען געשטאַנען אַרום איר, האָט געזאָגט פֿאַר די פֿרוי אַרנשטיין:

— דער יונגערמאַן, דער באַגלייטער פֿון דעם גרויסן רב וועלכער שטייט דאָ איין, האָט איר באַליידיגט בשעת דער פֿריזער האָט איר געמאַכט די האָר. און זי האָט טאַקע איבערגעזאָגט משה׳ס ווערטער.

די פרוי ארנשטיין האט זיך אויפגערעגט און זיך צעשריגן מיט זלזולים אויף רבי נתן׳ס חשבון מיט זיין תלמיד משה סופר. זי איז אריינ־געלאפן צו איר מאן אין זיין פריוואט קאנצעליי וועלכעס ער האט זיך איינגעארדנעט ביי זיך אין פאלאץ, און געמאכט דארטן א קאראוואל א גערודער, דאס ר׳ נתן ארנשטיין זאל שוין אוועקשיקן פון שטוב די כפוי טובה׳דיגע געסט, וועלכע האבן אין זיך אזא אומדערהערטע חוצפה צו באליידיגן זייער שנור, זייענדיג דא ביי זיי אין וואוינונג.

נו זאג דו אליין — האט ר׳ נתן ארנשטיין געזאגט צו איר מיט א רואיגן טאן — איז דער יונגערמאן נישט גערעכט?

ס׳איז נישט זיינע געשעפטן — האט זי געשריגן — ס׳שטייען ביי אונז אין כסדר רבנים, שיינע אידן, און קיינער באליידיגט נישט, קיינער מישט זיך נישט אין אונזערע זאכן.

דאס איז טאקע זייער שולד פון די דאזיגע רבנים און שיינע אידן, וואס זיי זאגן נישט — האט ר׳ נתן ארנשטיין געזאגט — דאריבער גייט אונזער שטוב אראפצו און אראפצו.

די פרוי ארנשטיין האט זיך נאך א א שטיק צייט געקריגט מיט איר מאן, און זי איז געבליבן ביי איריגן, דאס די דאזיגע געסט קענען ווייטער נישט פארבלייבן ביי זיי.

ביינאכט האט ר׳ נתן ארנשטיין זיך אדורכגערעדט מיט רבי נתן אדלער און זיין תלמיד משה, און ער האט זיי ערקלערט, דאס ער איז דאנקבאר און „מכיר טובה" פאר משה סופר וואס ער האט געהאט די מוט גוט אויסצו׳מוסר׳ן זיין שנור. ווען אלע וואס שטייען ביי אים איין וואלטן אזוי געטאן, וואלט ער זיכער ניט געקומען דערצו אז זיין שנור זאל זיין אזוי געפאלן און טאן דאס וואס זי האט געטאן.

פונדעסטוועגן מחמת „שלום בית" וועט ער דאסמאל בעטן רבי נתן׳ען מיט זיין תלמיד משה, אז זיי זאלן מוחל זיין אריבערגיין אין אן אנדערע אכסניא — אויך זייער א גוטע — וואס ער האט שוין פאר זיי צוגעגרייט ביי זיינעם א פריינט.

דערקעגן, וואס אנבעלאנגט דעם ציל וואס רבי נתן איז געקומען צו פארן פון באסקאוויטץ, פארשפרעכט ער — האט ר׳ נתן ארנשטיין געזאגט — דאס ער וועט טאן, א סאך מער ווי ער האט אין זינען געהאט פריער אין דעם צו טאן, ס׳וועט אים נישט שווער זיין דער גרעסטער

אַפּפער אין דער אנגעלעגנהייט, הן אין געלט הן אין איינפלוס, אזוי ווייט דאס ער קען זאגן אויף זיכער, רבי נתן זאל זיין רואיג, ער וועט מיט'ן אויבערשטן'ס הילף שאפן אים דעם ערלויבעניש וועגען וואוינען אין באסקאוויטץ.

ס'איז איבעריג צו זאגן, דאס ר' נתן ארנשטיין האט געהאלטן ווארט. ער האט משתדל געווען אין דער זאך, און האט פארשאפט דעם ערלויבעניש.

רבי נתן מיט זיין תלמיד משה, האבן געקענט צוריק אהיים פארן אויף באסקאוויטץ רואיג. פון די באהערדע האט שוין רבי נתן נישט געהאט קיין שטערונג.

— ח —

ווי געזאגט, ס'איז נישט געווען באַשערט פאר דעם גרויסן צדיק און חכם, רבי נתן אדלער צו זיצן במנוחה, אפילו נאכדעם וואס ער האט שוין געהאט דעם ערלויבעניש צו זיצן אין באסקאוויץ אלס רב.

דער גייסטיגער ריז, וואס האט געוואוסט וואס טוט זיך אין הימל מער ווי א מלאך, און אלעס איז פאר אים געווען אַנטפּלעקט. האָבן אים מענטשן נישט פארשטאַנען, זיי האבן נישט געוואוסט ווי אזוי אים אפּצושאַצן. און רבי נתן האט נישט געהאט דעם דרך ווי אזוי זיך צו זיי אראפּצולאזן. ס'איז געווען צו זען קלאר, דאס רבי נתן'ס תפקיד אויף דעם עולם איז נישט צו זיין א רב איבער געוויינליכע בעלי בתים. א וואנט איז געשטאנען צווישן זיי און צווישן רבי נתן. זיי האבן אים גערופן מיט א צונאָמען דער „דייטשלענדער". זיי האבן געהאט אויסצו-זעצן איבער זיינע מאָדנע דרכים נאכמער ווי די פראנקפורט'ער מת-נגדים.

נאך א נס וואס משה סופר איז מיט געווען מיט זיין רבי'ן אין באסקאוויטץ. ער האט יא געהאט די ריכטיגע שפּראַכע צום המון, און צו אלע סארט מענטשן, גרויסע קליינע, תלמידי חכמים, עמי הארצ'ים. ער איז געשטאנען ווי א לייב-גארדיסט, ווי א זשאנדאר צו פארטיידיגן זיין רבי'ן. נישט צוגעלאזט צו זיין רבי'ן א דערנידערונג א „פיזור הנפש". ער האט אין זיך אריינגענומען אלע פיילן. ער האט מסביר געווען זיין

דרך האט ערקלערט פארטייטשט דעם רבי'נס ווערטער מיט אן איידעלע שיינע שפראכע.

דער סך־הכל איז געווען, דאס אים האט מען טאקע געגליכן שטארק, מ'האט זיך בארעטן מיט אים אויך אין עניני קהילה, מ'האט שטארק הנאה געהאט פון זיינע קלוגע פראקטישע עצות. אבער צום רבי'ן האבן זיי נישט געהאט קיין סימפאטיע. זיי פלעגן זאגן, ס'איז געווען כדאי דאס קומען פונ'ם „דייטשלענדער" אויף באסקאוויטץ, כדי ער זאל מיט זיך מיט ברענגען דעם „פראנקפורטער". פאר משה סופר האבן זיי דעם נאמען געגעבן „פראנקפורטער" כדי צו קענען אים פונאנדערשיידן פונ'ם רבי'ן.

* * *

דעם ערשטן קאָנפליקט האט רבי נתן געהאט מיט די קצבים, גאָרנישט קיין איידעלע חברה. זיי האבן געטענה'ט דאס דער נייער רב דער „דייטשלענדער", לייגט זיי צו גרונד. ער איז זייער מחמיר. ס'איז קיינמאל נישט געווען אזויפיל טריפה בהמות וויפיל ס'איז איצט. ער וועט זיי בדלות שטעלן. וואלטן זיי געזען דאס דער איידעלער קלאס בעלי בתים די „פני" האט פאר אים גרויס רעספעקט וואלטן זיי נישט געטרויט זיך עפענען א מויל אקעגן רב, אבער זיי האבן געזען אז אלע האבן קעגן רב עפעס אויסצוזעצן, זיי זאגן, ער איז „משונה", מאָדנע, אנדערש ווי זיי זענען מיט אלעמען. מ'צווייפלט נישט אין זיין גדלות אין זיין „קדושה־וטהרה", אבער ער איז נישט פאר זיי. אזוי האבן די איידעלע געטענה'ט. נו, די קצבים האבן דאס געזען און געהערט האבן זיי זיך ערלויבט א קאפּ אויפצוהייבן, און געטענה'ט דאס ער האט אויסטערלישע חומרות, נישט צו אויסהאלטן. ער לייגט זיי צו גרונד.

בראש פון די קצבים וואס האבן זיך געבונטעוועט איז געשטאנען "בערקוי" דער קצב יונג.

בערקוי איז געווען א יונג מיט ביינער, מיט א פּאָר גרויסע לאַפּעס, ווי ער האט געלייגט א האנט איז קיין גראז נישט געוואקסן. ער איז געווען דער נישט געקרוינטער מלך פון אלע קצבים און אויך פון אלע שלעגערס, דעם אויטאָריטעט האט ער זיך אליין גענומען. אז מ'האט געהאט עפעס דיפערענצן צווישן זיך האט בערקוי אויסגעגליכן

און ארויסגעזאגט דעם פסק. זיין פסק האט מען געמוזט פאלגן, ווען נישט האט בערקוי געוויזן וואס ער קען. אין שלאַכטהויז פלעגט ער קאמאנדעווען ווי בײַ זיך אין שטוב. אלע האבן געציטערט פאר אים.

דער „בערקוי" האט געזאגט, אז ער וועט נישט ליידן פון דעם „דייטשלענדער". בעפאר ער איז געקומען האט מען פארדינט אז ס'איז געווען א מחי', זינט ער איז געקומען מאכט מען נישט א רעכטן גראָשן.

טריפה, טריפה, טריפה. ס'וועט נישט גיין אזוי!

משה האט געוואוסט אז די קצבים בונטעווען זיך. ער האט נישט געלאזט דעם רבי'ן גיין אליין אויפ'ן שלאַג־בריק.

בערקוי האט חוזק געמאכט פון דעם באַבערדלטן יונגערמאנטשיק מיט די מילך־האָר, וועלכער גייט נאך זיין רבי'ן טריט ביי טריט. און די ווינט קען זיי ביידע אוועקבלאזן.

ס'איז געווען אין א מיטוואך טאג. רבי נתן מיט משה'ן זענען געווען אין שלאכטהויז, דערביי צו זיין ביי דער שחיטה אויף שבת. אויף בערקוי'ס א גרויסן אקס האט זיך געמאכט א שאלה. מ'האט גע־רופן דעם רב ר'זאל פסק'ענען. בערקוי איז געווען נערוועז. בעפאר דער רב האט ארויסגעזאגט דעם פסק „טריפה", האט בערקוי אויפגעהויבן זיין גרויסן מעסער און א בליטשקע געטאן דערמיט פארן רב'ס אויגן. משה'ן איז געקומען דאס בלוט אין פנים. ער איז צוגעשפרונגען צו בערקוי'ן ער האט אים א פעסטן כאַפּ געטאן ביים קאַרג, און האט אים א שליידער אראָפּ געטאן אויף דער ערד מיט אזא כח דאס בערקוי האט זיך געקייקלט אויף די שטיינער עטליכע מעטער.

גראָבער יונג! דרך ארץ פארן רבי'ן — האט ער געזאגט.

דאס גאנצע שלאכטהויז האט זיך אפגעשטעלט. אלעם האט געעפנט מויל און אויגן. אזוינס האט מען נאך נישט געזען, מ'זאל בערקוי'ן אזוי ערלעדיגן. מ'האט פארשטאנען אז בערקוי וועט זיך איצט אויפהייבן און ס'וועט זיך ערשט אָנפאַנגען דאס ריכטיגע. הלוואי זאל נישט קומען צו שפיכת דמים רח"ל. מ'האט געוואונקען משה'ן פון אלע זייטן ער זאל מאכן שנעל א „ויברח". משה האט נישט געהערט וואס מ'רעדט צו אים. ער האט זיך אוועקגעשטעלט מיט א פעסטער פאוזע, די פיס ווי אראפגענאגלט. און געווארט אויפ'ן קומענדעם.

בערקוי האט געקרעכצט אין גרויסן ווייטאג, און נישט געאיילט

זיך אויפצוהייבן. ענדליך האט ער זיך אויפגעהויבן און געלאזט זיך גיין פאמעלעך צו משה'ן.

דאס גאנצע שלאכטהויז איז געווען אנגעצויגן ביז גאר, מיט אן איינגעהאלטענעם אָטעם האט מען געווארט און געקוקט:

— וואס וועט איצט זיין דאָ?

איך זאל אזוי לעבן, ווי איך טו דיר גארנישט — האט בערקוי זיך געשוואוירן דערנענטערענדיג זיך צו משה'ן.

ער האט טאקע ווארט געהאלטן. ווען ער איז צוגעקומען צו משה'ן האט ער אים געקלאפט אין די פלייצע, און געזאגט:

— ביזט א חברה מאן. אַזאַ יאָר אויף מיר ווי איך גלייך דיך.

גיב די האנט — האט בערקוי געזאגט צו משה'ן.

משה האט צוריקגערייכט די האנט, און געזאגט:

— שיין אזוי פון דיר בערקוי? מ'מאכט אזוי פאר א רב?!

און דו מיינסט טאקע איך וואלט אים עפעס געטאן? — האט בערקוי זיך עקסיוזירט — די האנט זאל אפטרוקענען וואס וואלט געווען אנגערירט דעם רב.

פון די דאזיגע מעשה האט מען גערעדט אין די גאנצע שטאט. משה'ס אָנזען און רעספעקט איז געוואקסן ביי אלע קצבים, טרעגערס, בעלי עגלות.

* * *

די עטליכע יאר וואס משה האט משמש געווען זיין רבי'ן אין באסקאוויטץ, איז ביי אים געווען טייערער ווי די אלע פריערדיגע יאָרן.

ער האט דא „מקבל" געווען פון זיין רבי'ן גאר אויף אן אנדערן אופן ווי ביזהער.

ערשטנס, איז ער געווען דא אליין מיט זיין רבי'ן. צווייטנס, איז שוין משה אויך געווען א דערוואקסענער מענטש, און האט אנדערש אויפגענומען זאכן, מיט מער טיפקייט און מיט מער „פנימיות" ווי אין די אינגלישע יארן.

דא אין באסקאוויטץ האט רבי נתן איבערגעגעבן זיין תלמיד די „סודות" פון די תורה, וואס רופט זיך „תורת הנסתר". כאטש משה אז נאך געווען א בחור, און רבי נתן האט אויך געהאלטן ווי אנדערע צדיקים אז מיט א בחור זאל מען נאך נישט לערנען די זאכן. אבער מיט

משה'ן האט רבי נתן געמאכט אן אויסנאם. צו משה'ס גליק און פרייד איז נישט געווען קיין גרעניץ. דער רבי זיינער האט פאר אים אויפגע־עפנט נייע האריזאנטן צו שוועבן אין די אומענדליכע געביטן פון די פארבארגנקייט פון די תורה הקדושה. ער האט מיט אים געלערנט „תורת הקבלה".

משה מיט זיין חריפ'ישן מוח האט אלעס תופס געווען פרעציז, און איז געווען א „מבין דבר מתוך דבר", אזוי אז ער האט זיך משלים געווען אין „נסתר" גלייך ווי אין „נגלה".

שפעטער מיט צענדליגע יארן ווען רבינו משה סופר איז געווען דער וועלט בארימטער פרעסבורגער רב און זיין „תורת הנגלה" האט פארשיינט די וועלט, האבן גדולים „יודעי דבר" עדות געזאגט דאס רבינו משה סופר איז גרויס „בנסתר" נישט ווייניגער ווי אין „נגלה", כאטש מ'האט פון אים קיינמאל נישט געהערט אווארט „נסתר".

משה האט אויסגענוצט די געלעגנהייט אין באסקוויטץ און ער האט אויך מקבל תורה געווען פון דעם גרויסן וועלטס גאון און צדיק רבי שמואל קעללן דער בעל „מחצית השקל". ווי זיין שטייגער איז געווען פון אלעמאל, דאס כאטש זיין רבי מובהק אין אלע ענינים איז געווען רבי נתן, פונדעסטוועגן האט ער אויך נישט דורכגעלאזט א געלעגנהייט מקבל תורה זיין פון אן אנדערן וועלט-בארימטן גאון.

משה האט יעדן טאג געלערנט צוזאמען מיט רבי שמואל קעללן א שיעור אין שולחן ערוך — אורח חיים. ער האט פון דעם שיעור א גרויסע הנאה געהאט. ער פלעגט שפעטער זאגן, אז דער שיעור וואס ער האט געלערנט צוזאמען מיט'ן בעל מחצית השקל, קומט אים צונוץ איבער זיין גאנץ לעבן.

— ט —

בערקוי דער קצב יונג, מיט זיינע חברים — זינט די אויבנדער־מאנטע מעשה — האבן טאקע געהאט רעספעקט פאר דעם „פראנק־פורטער". אבער אויפ'ן „דייטשלענדער" וואס ער מאכט זיי טריפה די בהמות, האט זיי געקרענקט ביז'ן זיבעטן ריפ. און אז זיי האבן געזען

אז די גאנצע שטאט איז מער צופרידן מיט'ן „פראנקפורטער" ווי מיט'ן „דייטשלענדער". ס'וואלט קיינעם נישט געאַרט ווען דער „דייטשלענ־דער" איז זיך מיישב און גייט צוריק אויף דייטשלאנד, און לאזט איבער אויף זיין פלאץ דעם „פראנקפורטער" פאר א רב. דאס האט בערקוי'ן מיט זיינע חברים געגעבן מוט, אז מ'דארף עפעס טָן קעגן דעם דייטש־לענדער" שטילערהייט, דאס ער זאל אפילו נישט וויסן פון וואו דער שאָס קומט.

די צייט איז דעמאלס געווען נאך א קריגסצייט. די קריג האט זיך שוין געהאט געענדיגט, אבער די אויסנאם-צושטאנד געזעצן זענען נאך אנגעגאנגען. ס'איז געווען א גזירה פון די רעגירונג, אז אלע גאלד־ווארג און זילבערווארג זאכן דארף מען איבערגעבן צו די רעגירונג. דער געזעץ איז געווען פארעפנטליכט א יעדע וואך פריש אין די צײי־טונגען. ווער ס'איז אויף דעם עובר, און מעלדעם נישט איין ביי די רעגירונג זיינע גאלד און זילבער זאכן איז אויסגעזעצט צו אַ שווערע תפיסה-שטראף.

דער רב רבי נתן האט געהאט טייערע „כלי קודש" זאכן, וואס ער האט מיט זיך מיטגעברענגט פון פראנקפורט צוזאמען מיט זיין יחוס'דיגן פריוואט ספר-תורה'לע. גאלדענע און זילבערנע קנעפלעך אויף די עץ חיים'ס פון די ספר תורה. גרויסע זילבערנע כתר תורה'ס. א דיקן זילבערנעם „טס" אויפ'ן העמדל פון די ספר תורה. זילבערנע הענ־טעלעך צו ווייזן די קריאה א.א.וו.

לויט דעם אויסנאם-צושטאנד געזעץ האט ער דאס אלעס גע־דארפט געווען רעגיסטרירן ביי די רעגירונג. זיי קענען אמאל מאכן אן אויסנאם און פארלייפיג מוותר זיין. אבער אז מ'מעלדעט נישט איז א גרויסע שטראפע, אויסערדעם וואס מ'נעמט צו די זאכן אויף אייביג. עס גייט אריין אין די קאטעגאריע פון א פאַררעטישער פארברעכן קעגן לאנד.

בערקוי מיט זיינע חברים האבן צווישן זיך אפגערעדט, דאס מ'וועט דעם „דייטשלענדער" אונטערשטעלן א פיסל. מ'וועט אים מסר'ן איבער די טייערע ווערטפולע זאכן וואס ער האט נישט רעגיסטרירט. מ'וועט נישט לאזן דעם רב ארײנזעצן אין די טורמע חלילה, מ'וועט אים שוין אויסלייזן, בערקוי האט גוטע באציאונגען דארט אינעווייניג.

אבער אפשר וועט געלונגען מ׳זאל אים פאר אזא זאך ארויסשיקן פון לאנד, וועט עס זיין א כשר׳ע מציאה, זאל ער גיין צוריק אויף דייטש־לאנד, ס׳וועט אים נישט פעלן קיין ברויט דארט אויך נישט.

* * *

משה איז געזעסן אין זיין שטיבל, נעבן דעם רב׳ס וואוינונג, און געלערנט שפעט אין דער נאכט. ארום איינס, האלב צוויי האט ער געהערט א שאָרך אינ׳ם בית המדרש׳ל אויבן. ער האט געוואוסט אז דער רב איז נישט דארט, נו ווער רידערט דארט ארום?

ער שפיצט זיך אויף די אויערן צו הערן גענוי, הערט ער ווי מ׳רידערט, מ׳קלאפט און מ׳רייסט שטילערהייט. ווער קען דאס זיין? איז אפשר א גנב אין מיט׳ן נאכט? דארט זענען די טייערע „כלי קודש״ זאכן אין א קעסטעלע אין א לעדל, אינ׳ם ארון הקודש.

ער איז זיך מיישב, ער וועט ארויפגיין קוקן. די הענט וועלכע זענען בייגעקומען בערקוי׳ן, וועלן מיט׳ן אויבערשטנס הילף זיך קענען ספראווען מיט א גנב אויך, אויב מ׳וועט דארפן.

ער גייט ארויף שטיל אויפ׳ן שפיץ־פינגער, ער שטעלט זיך אפ ביי די טיר פונ׳ם בית המדרש. אין בית המדרש ברענט נאר דער „נר תמיד״. ביי דעם שוואכן שיין זעט ער ווי א הויכער מענטש מיט א שניי־ווייסע בארד פאקט ארויין די „כלי קודש״ זאכן אין א אויסגע־שפרייטן ליילעך, און מיט די הענט קלאפט ער מיט א האמער ער ציט מיט א צוואנג, ער ארבעט אראפצורייסן די גאלדענע קנעפלעך פונ׳ם „עץ חיים״.

געוואלד! ווער איז דאס?

ער שטרענגט זיך אן די אויגן צו זען בעסער. ער פאלט שיעור אין חלשות. דאס איז דאך דער הייליגער גאון און צדיק רבי שמואל קעללן דער בעל „מחצית השקל״.

רבש״ע, וואס איז דאס? זעט ער דאס ריכטיג? אדער איז דאס עפעס א חלום, א דמיון? קען מען דען אפילו אויפ׳ן געדאנק ארויפ־ברענגען אזא זאך, דאס דער אלטער גאון גייט אין מיטן נאכט גנב׳ענען די „כלי קודש״?! אלא מאי, וואס דען טוט ער דא אין מיטן נאכט? וואס פאקט ער די „כלי קודש״ אין א ליילעך אריין, און רייסט אראפ די גאלדענע קנעפלעך? ווער קען זאגן א בעשייד אויף די זאך?

און וואס זאל ער איצט טאן, זאל ער אים פאקן ביי דער האנט ווי מ'פאקט א גנב, און פארשעמען? אדער זאל ער אים אפלאזן, און שטיל צוריק אראפגיין?

ער איז זיך מיישב, ס'איז א אומזין אפצולאזן, און נישט ערקונדיגן זיך וואס דא גייט פאר.

ער נעמט זיך אן א דרייסטקייט, און שפרייזט רואיג אריין אין בית המדרש.

רבי שמואל ווערט אויפמערקזאם אויף די טריט, ער הייבט זיך אויף דעם קאפ צו זען ווער ס'איז דא אריין.

ער דערזעט משה סופר'ן. ער ווערט איבערראשט און פארשעמט. די ווערקצייג פאלן אים ארויס פון דער האנט.

דו האסט מיך געפאקט ביי די מעשה — זאגט רבי שמואל קעללן — האלטסט מיך א ווודאי פאר א גנב, וואס דען?

נו, אויב אזוי, וועל איך דיר דערציילן וואס דא קומט פאר.

זאלסט וויסן דאס געמיינע חברה, שונאים פונ'ם רב, האבן אים געמסר'ט איבער די „כלי קודש" זאכן, דאס ער האלט ביי זיך גאלד און זילבער-ווארג וועלכע זענען נישט רעגיסטרירט. די זאך איז דערגאנגען צו מיינע אויערן. האב איך געקלערט, דאס ווען איך וועל גיין צום רב און זאגן איינפאך ער זאל באהאלטן ערגעץ די „כלי קודש" ווייל מ'וועט קומען מאכן א באזוך פון די באהערדע, ווארים מ'האט אים גע'מסר'ט אז ער האט גאלד און זילבער-ווארג וועלכע זענען נישט רעגיסטרירט, וועט דער רב האבן פון דעם גרויס „חלישת הדעת" און ערגערנישט, דאס די חוצפה און העזה א קעגן אים דערגרייכט שוין אזוי ווייט. און דאס קען אים נאך אפילו ברענגען צו א באשלום, אז ער זאל זיך אויפכאפן און איבערלאזן די שטאט, וואס איך וואלט זייער נישט געוואלט.

דעריבער האב איך באשלאסן דאס איך וועל זיך ארייננכאפן אין מיטן נאכט און צונעמען די זאכן. וועט דער רב מיינען דאס זיי זענען געגנב'עט געווארן. ס'איז בעסער ווי ער זאל זיך דערוויסן דאס מ'האט אים געמסר'ט. דערנאך ווי מ'וועט שוין האבן פון די באהערדע געמאכט א אונטערזוכונג, וועל איך שוין זען שטילערהייט דאס צוריקצושטעלן, אזוי אז דער רב זאל נישט מערקן. ס'וועט הייסן דאס דער גנב האט זיך

מיישב געווען, ס'איז אויף אים געפאלן אן אימה, און ער האט עס צוריק געברענגט.

דעריבער בעט איך דיך — האט רבי שמואל אויסגעפירט — זאלסט גארנישט זאגן פארן רב, דאס דו האסט מיך געזען. זאלסט נישט קאליע מאכן מיין פלאן.

משה האט געהאט התפעלות פונ'ם גרויסן ליבשאפט און געטריישאפט פון דעם גרויסן גאון און צדיק רבי שמואל קעללן, צו זיין רבי'ן רבי נתן, דאס ער איז זיך מטריח, זייענדיג א אלטער איד, צו קומען אין מיטן נאכט און אראפלייגן אזא ארבעט, כדי צופארהיטן פון רבי נתן עגמת נפש.

משה האט אים פארשפראכן נישט צו דערציילן פון די גאנצע מעשה, פאר רבי נתן'ען, אזוי ווי רבי שמואל האט אים געבעטן.

נאר איין זאך האט משה נישט פארשטאנען. רבי שמואל זאגט „ס'איז דערגאנגען צו זיינע אויערן דאס מ'האט דעם רב געמסר'ט".

ווי אזוי איז דאס דערגאנגען צו זיינע אויערן?

ראשית, קומט רבי שמואל גארנישט אינ'ם שטאטישן בית המדרש. ער האט זיך זיין „מנין מצומצם" אין די תלמוד תורה, דער עיקר פון אינגלעך און א פאר עלטערע לייט. קומט דאך גארנישט אוים אז ער זאל הערן עפעס וואס טוט זיך אין די שטאט.

שנית, איז דאך רבי שמואל אזא מתמיד וואס ממש „לא פסק פומי' מגירסא", אדער ער לערנט מיט די קינדער, אדער ער לערנט פארזיך. מיט רבי שמואל'ן קען מען גארנישט רעדן.

דריטנס, ווי לייגט זיך דאס אויפ'ן שכל, אז „יענע חברה" וועלכע האבן געמסרט רבי נתן'ען וועלן גיין דאס דערציילן רבי שמואל'ן? אדער קומען אין זיין בית המדרש'ל אין די תלמוד תורה און רעדן פון דער זאך הויך אין זיין קעגנווארט?

דעריבער איז נישט אנדערש — איז משה געקומען ביי זיך צום אויספיר — דאס רבי שמואל האט דאס געזען מיט „רוח הקודש".

דער גאון רבי שמואל קעללן איז מיט דעם געוואקסן ביי אים, נאך א סאך העכער ווי ער האט אים געהאלטן ביז היינט.

* * *

אין אנדערן טאג פארנאכט, האט מען געקלאפט אין די טיר

ביים רב. די טיר עפנט זיך, ס'גייט אריין א פאליציי־שעף אין באגלייטונג פון נאך א פאליז און דער סעקרעטער פונ'ם שטאט־הויז.

דער פאליציי־שעף מעלדעט דאס ער איז געקומען מאכן א אונטערזוכונג, אויב ס'געפינט זיך ביים רב גאלד און זילבער־ווארג נישט רעגיסטרירטע, און אויב יא האט ער א באפעל דאס צוקאנפיסקירן, און דער רב וועט האבן אויף זיך א משפט.

רב נתן איז געווארן בלייך. משה האט געענטפערט:

איר קענט זוכן ווי אייער וואונש, אבער איך בין זיכער אז ס'איז אן אומזיסטיגער פארדאכט.

רבי נתן האט זיך געטרייסט מיט דעם געדאנק, דאס ס'וועט זיי א וודאי נישט איינפאלן צו זוכן אינ'ם לעדל אונטער'ן ארון הקודש.

זיי האבן זיך גענומען צוזוכן. געמאכט זיך קודם זוכענדיג אויף פארשידענע ערטער. דערנאך זענען זיי אריין אין רבי נתן'ס בית המד־רש'ל, און גלייך צוגעגאנגען צו דעם לעדל אונעטר'ן ארון הקודש.

רבי נתן האט זיך שוין געגרייט עפעס פארענטפערן זיך מיט תירוצים, נאך בעפאר ער דערלאנגט זיי דאס שליסל פונ'ם לעדל, אבער צו רבי נתן'ס גרעסטע פארוואונדערונג איז דאס לעדל געווען אפן, און די פאליזן שטייען שוין פאר א אפענעם לעדל וועלכעס איז... ליידיג אין גאנצן.

רבי נתן'ס איבערראשונג איז געווען זייער גרויס, זעענדיג דאס ליידיגע לעדל. אבער ער האט פארשטאנען אז איצט איז געזונטער נישט צורעדן א ווארט.

די באהערדע לייט האבן זיך נאך געדרייט א ביסל אהער און אהין. דערנאך האט זיך דער פאליציי־שעף אנטשולדיגט פארן רב וואס זיי האבן אים אומזיסט מאלעסטירט. און זיי זענען זיך אוועקגעגאנגען.

ווי רבי נתן איז א ביסל בארואיגט געווארן פון דעם שרעק וואס ער האט מיטגעמאכט, זאגט ער צו משה'ן:

— וואס זאגסטו עפעס צו דעם אפענעם ליידיגן לעדל?

איך ווייס נישט וואס צו זאגן — האט משה געענטפערט.

נאך א ביסל קלערן, זאגט רבי נתן:

— ס'איז נישט אנדערש נאר די „כלי קודש" זאכן זענען געגנב'עט געווארן. כ'האב די נאכט געהערט א רידעריי מיט א קלאפעריי אינ'ם בית המדרש. די חז"ל זאגן „כל מה דעביד רחמנא לטב עביד" אלעס

וואס דער אויבערשטער טוט איז צו גוטן. און דער אויבערשטער קען העלפן דאס ס'זאל פאלן א פחד און א אימה אויפ'ן גנב, ער זאל די גניבה צוריק אפברענגען.

משה האט זיך געזען מיט רבי שמואל קעללן, ער האט אים איבערגעגעבן די גאנצע זאך וואס איז פארגעקומען, און זיי האבן זיך אפגערעדט דאס רבי שמואל וועט קומען מיט די „כלי קודש" נאך האלבע נאכט צוריקצוברענגען. אזוי איז טאקע געווען. משה האט געזען צומא־נעווירן אזוי דאס ס'זאל קיינער גארנישט באמערקן.

דעם אנדערן טאג אינדערפרי, ס'איז געווען דאנערשטאג א טאג פון „קריאת התורה", מ'נעמט ארויס די ספר תורה, משה גייט ווי אינסטיק־טיוו צו צום לעדל און עפנט דאס, צו אלעמנס איבערראשונג זענען אלע „כלי קודש" זאכן צוריק אויפ'ן פלאץ, און די גאלדענע קנעפלעך וואס זענען אראפגעריסן געווארן פון די עץ חיים'ס, ליגן אויך אלע דארט אינ'ם לעדל, מיט די איבריגע גאלד און זילבער זאכן.

ס'איז נישט אנדערש — האבן אלע געזאגט — נאר ס'איז געפאלן א פחד אויף דעם גנב און ער האט די נאכט צוריקאפגעברענגט די זאכן.

וואס האב איך דיר געזאגט? — האט רבי נתן געזאגט צו משה — אז ס'איז באשערט וועט דער גנב צוריק ברענגען די גניבה.

— י —

דאס התנגדות צו רבי נתן אין באסקאוויטש האט זיך געשטארקט אלץ מער פון טאג צו טאג. מ'האט געקענט זען קלאר אז דאס עס איז ענין „מן השמים", ס'איז נישט באשערט פאר רבי נתן'ען צו זיצן אויף א רבנות במנוחה.

וואס משה האט אלץ געטאן, צו ערקלערן דעם רב'ס גרויסקייט, מסביר זיין זיין הייליגן דרך, אויסגלעטן די דיפערענצן צווישן קהל און דעם רב, דאס אלעס האט נישט געהאלפן צו דערנענטערן די הערצער פון די בעלי בתים צום רב.

מ'רעדט שוין נישט פון די גראביאנעס, בערקוי און זיינע חברים וכדומה. נאר צום באדויערן צווישן די איידילערע קלאס, האט זיך אויך געשפינט התנגדות צום רב אלץ מער אין מער.

בערך א צוועלף מענטשן פון די חשוב׳ע בעלי בתים, עשירים, האבן געמאכט „יד אחת״ ספּעציעל צו רודף׳ן דעם רב, מיט וואס זיי האבן נאר געקענט.

פאר משה׳ן האט זייער וויי געטאן דאס הארץ, צוקוקנדיג ווי די דאזיגע רייכע אנגעשטאפּטע גבירים שיינע אידן אין די קהילה, רודף׳ן זיין הייליגן רבי׳ן רבי נתן.

אמאל האט משה געזאגט צו זיין רבי׳ן:

— רבי, איך ווייס דאך זיכער, דאס איר קענט — מיט אייער „כח הקדושה״ — אלע אייערע שונאים מכניע זיין. פארוואס שווייגט דער רבי, און לאזט זיך רודף׳ן? פארוואס זענט איר זיי נישט מעניש? איז דאס אזוי דער כבוד התורה?!

רבי נתן האט אים געענטפערט:

— מיין קינד, פרעג נישט קיין קשיות!

זעסט, די אלע רודפים מיינע, זיי וועלן נאך אלע אראפּגיין פון זייער גדולה, זיי וועלן קומען „עד ככר לחם״, און אלע וועלן נאך קומען צו דיר בעטן א טובה זאלסט זיי עפּעס ארויסהעלפן.

אבער איצט, דארף אזוי זיין, איך דארף ליידן און מקבל זיין באהבה.

* * *

עס ווערט דערציילט, דאס שפּעטער מיט צענדליגע יארן ווען רבינו משה סופר איז שוין געווען רב אין פרעסבורג. איז אמאל געקומען צו אים א ארימער איד א בעטלער, ער האט געבעטן דער רב זאל אים עפּעס א טובה טאן. דער רב האט אים אויפגענומען זייער פריינטליך מיט א שטארקן „סבר פנים יפות״, מ׳האט דערקענט אז דער רב פרייט זיך מיט אים שטארק, ער האט פארברענגט מיט אים א שטיק צייט, סוף האט ער אים געגעבן א שיינע סומע, און אויך א בריף א „כתב המלצה״ צו די שטאטס-לייט.

די תלמידים האבן זיך אויף דעם זייער פארוואונדערט, זיי האבן געזען אז דעם רב׳ס אויפנעמען דעם אורח איז נישט ווי אלעמאל, ס׳איז עפּעס אן אויסנאם. האבן זיי געפרעגט אויף דעם דעם רב.

האט זיי רבינו משה סופר געענטפערט:

איר זאלט וויסן אז מיין רבי רבי נתן אדלער, האט מיר אמאל געזאגט אין באסקאוויטץ, אז אלע זיינע רודפים וואס זענען אים מצער וועלן אראפ „עד ככר לחם", זיי וועלן גיין איבער די הייזער, און זיי וועלן אלע נאך קומען צו מיר בעטן א טובה.

איבער דער צייט וואס איך בין א רב, נאך אין דרעזניץ, מא-טערסדארף, און איצט אין פרעסבורג, זענען שוין אלע געווען ביי מיר נאך א טובה. נאר איינער האט נאך געפעלט, וואס איך האב אים גוט געדענקט, ער איז געווען א שארפער יונגערמאן, א גביר, ער האט געבונ-טעוועט קעגן רבי'ן מיט פארשידענע נארישקייטן, און נישט ווייניג עגמת נפש גורם געווען. דער איינער האט נאך געפעלט, ער איז נאך ביי מיר נישט געווען. האט מיך א סאך מאל אומווילנדיג דערקוטשעט א געדאנק, דאס דעם רבי'נס ווערטער זענען נישט מקויים געווארן בשלימות. פון דעם געדאנק האב איך געהאט א סאך מאל פארדרוס.

איצט אז איך האב געזען דעם אורח אריינקומען, אפגעריסן אפגעשליסן, און ער האט געבעטן פון מיר א טובה, האב איך אים תיכף דערקענט, אז דאס איז יענער יונגערמאן פון באסקאוויטץ. האב איך פון דעם געהאט א גרויסע שמחה וואס מיין רבי'נס ווערטער זענען ענדליך מקוים געווארן אין גאנצן, און דער געדאנק וועט מיך שוין מער נישט דערקוטשן. דאריבער האב איך ארויסגעוויזן אזא פרייד צו אים. און דערמאנענדיג זיך וואסערע עושר דער איז געווען, געפירט א מלכות'-דיגע שטוב, האב איך אויף אים אויך רחמנות באקומען, דערפאר האב איך אים געגעבן א שיינע נתינה און א „מכתב מליצה" דאס מ'זאל אים העלפן.

— יא —

„והרשעים כים נגרש, השקט לא יוכל" די רשעים ווי א ברויזענ-דיגער ים, קענען נישט איינזיצן נישט צו טאן קיין שלעכטס.

בערקווי און זיינע חברים האבן געזען דאס די מסירה אויפ'ן רב איז זיי נישט געלונגען, ווי ס'זעט אויס האט מען ביים רב די „כלי קודש" באצייטינס באהאלטן, אזוי אז די באהערדע האט זיי נישט געפונען, האבן זיי אבער געהאט א ידיעה אז תיכף דערנאך ביי די ערשטע געלעגנהייט

פון ארויסנעמען די ספר תורה, זענען די „כלי קודש״ געזען געווארן פון מענטשן.

איז זיי איינגעפאלן א רשעות׳דיגער פלאן, דאס זיי וועלן נאכ־אמאל מסר׳ן און איבערגעבן פינקטליך די צייט פון מאנטאג אדער דאנערשטאג אינדערפרי ביים זמן התפלה, ווען ס׳איז די געוויע צייט פון קריאת התורה, לאָמיר אננעמען בערך פון צווישן אכט און אכט־דרייסיג, דעמאלט וועלן די „כלי קודש״ זיכער באצירן די ספר תורה, די צוויי קרוינען אויף די עץ חיים׳ס, און דער גרויסער זילבערנער טס און די גאלדענע קנעפלעך א.א.וו. דעמאלט אין די צייט זאל די באַהערדע אריינפאלן פלוצים אין בית המדרש וועלן זיי אלעם געפונען.

דער פאליציי־שעף האט זיך פינקטליך פארצייכנט די דאטן וואס מ׳האט זיי איבערגעגעבן, אין וועלכן טאג און וועלכע שעה זיי זאלן קומען צום רב נאך די גאלד און זילבער־ווארג.

ס׳איז געווען מאנטאג אינדערפרי. מ׳האט פונקט פארענדיגט דאס לייענען. מ׳האט געזאגט אשרי־ובא לציון, און משה האט גראדע געהאלטן די ספר תורה אין האנט הינטער דעם בלעמער, אנגעטאן און אנגעצירט מיט אלע „כלי קודש״.

פלוצים דערזעט מען פאר זיך די באהערדע לייט, זיי שטייען ביי די טיר, און גיבן איבער דאס זיי זענען געקומען אינ׳ם באפעל פון די העכערע אינסטאנצן צו מאכן אן אונטערזוכונג נאך גאלד און זילבער־ווארג וואס זענען נישט רעגיסטרירט.

דער רב איז געשטאנען מיט א צוויי דריי טריט אפגערוקט פון די טיר, ער האט אבער געַנוי געהערט די ווערטער פונ׳ם פאליציי־שעף.

דער רב האט פארשטאנען דאס נארמאלער־ווייז איז די זאך איצט פארלוירן, די הייליגע טייערע „כלי קודש״ וועלן קאנפיסקירט ווערן, און דער רב וועט נאך האבן אויף זיך א שווערן משפט.

האט דער רב שנעל א זאג געטאן צו משה׳ן:

— שטעל זיך אוועק אין מיטן בית המדרש מיט די ספר תורה אין די האנט, זאלסט דיך נישט רירן פון ארט! נאר אויב ס׳וועט אויסקומען דאס איינער פון די באהערדע, ארומדרייענדיג זיך אין בית המדרש, זאל ער זיך דארפן אנקלאפן אין דיר, זאלסטו דיך מיט איין טריט ווייטער רוקן, און שטיין דאָרט אָן א ריר צוגעבן.

משה האט אזוי געטאן, ער האט זיך אוועקגעשעטעלט מיט די ספר תורה אין האנט און דערויף אלע „כלי קודש" אין מיטן בית המדרש, און איז געשטאנען ווי א סלופע.

די באהערדע לייט האבן געזוכט און גענישטערט אומעטום, אינ'ם ארון הקודש אין די לעדלעך, ארומגעגאנגען אינ'ם בית המדרש'ל אין די לענג און די ברייט, קיין זכר נישט פון גאלד און זילבער-ווארג.

נאך א שטיק צייט ארומזוכן, איז דער פאליציי-שעף צוגעגאנגען צום רב, ער האט זיך פארנויגט און געזאגט:

— הער ראבינער, מיר בעטן ביי אייך שטארק אנטשולדיגונג וואס מיר האבן אייך שוין דאס צווייטע מאל אומזיסט פארדעכטיגט און מאלעסטירט. איך מוז אייך זאגן אפן דאס עס איז דא אויך צווישן אייך שלעכטע נידערטרעכטיגע מענטשן, שוין דאס צווייטע מאל וואס מענטשן פון אייערע גלויבנסגענאסע האבן איינגעגעבן א מסירה אויף אייך דאס איר זענט נישט געטריי צו די רעגירונג און האלט אין אייער שול גאלד און זילבער-ווארג וועס זענען נישט רעגיסטרירט געווארן.

הער ראבינער — האט דער פאליציי-שעף פארגעזעצט — איך האב זיך איבערצייגט דאס עס איז א פאלשער בלבול, איר זענט ריין פון אלע פארדאכטן. און איבער די מענטשן וועלכע האבן אייך גע־מסר'ט וועט אנגעווענדעט ווערן די געהעריגע קאנסעקווענצן, פאר פארפירן די באהערדע.

דער פאליציי-שעף האט געררייכט א האנט פארן רב און איז אוועק מיט זיינע באגלייטערס.

איצט האט שוין דער רב פארשטאנען גענוי וואס ס'איז פארגע־קומען, דאס ערשטע מאל און איצט דאס צווייטע מאל.

רבי שמואל קעללן איז געווען גערעכט מיט זיין באהויפטונג, דאס דער רב וועט האבן גרויס „חלישת הדעת" אויב ער וועט זיך דער־וויסן דאס מ'האט אים געמסר'ט.

אזוי איז טאקע געווען.

דער רב האט נישט געקענט צוזיך קומען פאר צער און ערגער־ניש. אזוי ווייט זאל גיין די חוצפה און רשעות א קעגן אים, אויף דעם האט ער זיך נישט געראכטן. וואס האט ער זיי געטאן שלעכטס? דאס זיי דערגייען אים די יארן, שטעלן אים איין אין די גרעסטע געפארן. ס'איז נישט קיין חילוק ווער דאס האט געטאן. די גראַביאנעס

זעען ביי די שיינע אידן זייער באציאונג צום רב, האבן זיי פון דעם דערמוטיגונג צו צאפן אים דאס בלוט מיט די ערגסטע מעטאדן.

רבי נתן האט זיך דערמאנט פון זיין געבורטסשטאט פראנקפורט, פון וואנעט ער איז אנטלאפן וועגן זיינע געגנערס.

איז דאך שוין פראנקפורט געווען א גן־עדן קעגן באסקאוויטץ — האט רבי נתן זיך איצט געטראכט — ער האט טאקע געהאט דארט שונאים, ער האט דאך אבער אויך געהאט א וועלט מיט גוטע פריינט. און געהאט א ישיבה מיט איבערגעגעבענע געטרייע תלמידים. אז ס'איז אים שוין באשערט צו ליידן פון מתנגדים, איז דאך שוין בעסער צו ליידן אין פראנקפורט. אין אלגעמיין איז דאך פראנקפורט א עיר מליאה חכמים וסופרים" א שטאט פול מיט תלמידי חכמים און גרויסע רבנים צדיקים, ווי קומט באסקאוויטץ צו פראנקפורט? און דערצו איז דאך פראנקפורט זיין געבורטס־ארט, קיינער קען אים נישט זאגן דאס ער איז א פרעמדער, ער איז ביי זיך אינדערהיים, ער האט רעכט צו טאן וואס ער וויל.

און דערצו איז נאך צוגעקומען נאך א מאטיוו.

רבי נתן האט זיך געהיטן איבער זיין גאנץ לעבן, נישט צו באדינען זיך מיט א „שם" (איינס פון'ם אויבערשטנס נעמען) אויף ארויסצו־העלפן זיך פאקטיש פון עפעס א פיזישע סכנה. אזוי ווי אלע צדיקים געוויינליך האבן זיך פון דעם געהיטן מיט אלע כוחות.

און איצט אז די באהערדע איז אויף אים פלוצים אנגעפאלן אין מיטן דאוונען, און ער האט געזען אז די „כלי קודש" גייען פארלוירן און ער איז אין א סכנה, האט ער קיין ברירה נישט געהאט, ער האט זיך געמוזט באנוצן מיט'ן כח פון א „שם" און מיט דעם געמאכט משה'ן פאר א „רואה ואינו נראה" (ער זעט און ווערט נישט געזען) דאריבער האט משה געקענט שטיין אין מיטן בית המדרש מיט די ספר תורה און די כלי קודש אין האנט און קיינער זאל אים נישט זען.

דאס האט אויך פאר רבי נתן זייער ווייט געטאן. פונקט אין באסקאוויטץ האט ער געדארפט קומען צו דעם. ער האט עס זייער נישט געוואלט און אלעמאל געהיטן זיך דערפון. טראצדעם וואס ער האט די הייליגע מלאכה גוט געקענט.

פון דעם אלעמען איז רבי נתן געקומען ביי זיך צום באשלוס,

דאס ער וועט פארלאזן באסקאוויטש. ער וועט צוריק גיין אויף פראנק-פורט. ס'איז אים דארט בעסער אין אלע הינזיכטן.

* * *

רבי נתן האט ארייגערופן צו זיך זיין תלמיד משה, און האט אים איבערגעגעבן זיין באשלוס:

— איך פאר צוריק אויף פראנקפורט — בעזה"י. איבער דריי יאר האב איך דא געליטן. איך זע נישט קיין שום סימן, דאס ס'זאל זיין א „רצון השם" איך זאל דא פארבלייבן. איך קען דא גארנישט אויפטאן. אין פראנקפורט האב איך געליטן, אבער איך האב געקענט עפעס אויפ-טאן פארן אויבערשטנס וועגן.

משה האט נישט פרובירט אפצופרעגן זיין רבי'נס באשלוס. ס'איז אים אויך זייער שווער געווען צוצוקוקן זיין רבי'נס דערנידערונג און צער אין באסקאוויטש, פון אלע זייטן.

ווי אזוי דער רבי וועט טאן, איז א וודאי אזוי צו גוטן — האט משה געזאגט — פאר מיר זעלבסט איז א וודאי בעסער משמש צו זיין דעם רבי'ן אין פראנקפורט, ווי דא אין די ווילדע פרעמדקייט.

ניין משה! — האט רבי נתן געזאגט — מיט דיר איז אן אנדערע זאך.

זאלסט וויסן מיין קינד אז ס'איז געקומען די צייט, זאלסט ווערן זעלבסשטענדיג. וויפיל איז דער שיעור צו זיין אינטער'ן מאמעס פאר-טעך?! דו האסט שוין ב"ה רייפע פליגלעך צו פליען אליין. דו ביזט אראפגעקומען אויף דער וועלט מיט א גרויסע אויפגאבע, צושפרייטן די תורה ליכט איבער דער וועלט, צוצוציען אידישע הערצער צו תורה און אידישקייט. אין דער הינזיכט האסטו א גרעסערן כח פון מיר, דו האסט אלע כלים דערצו צובעאיינפלוסן מענטשן.

די „תקופה" פון משמש זיין א רבי'ן, ענדיגט זיך ביי דיר, דא אין באסקאוויטש — האט רבי נתן פארגעזעצט — פון איצט אן און וויטער וועסטו אליין זיין א רבי איבער תלמידים. א סאך אידישע נשמותווארטן אויף דיר. דו וועסט בעזה"י א שידוך טאן צו מזל און צו ברכה, און וועסט אויפשטעלן דיין נעסט פאר דיר. און וויסן זאלסטו דאס דיין „ליכט" וועט אנהייבן אויפצושיינען דא אין די געגנט. נישט דווקא אין באסקאוויטש, אבער נישט וויט פון דאנעט.

דו דארפסט דיך באזעצן אין פרוסניץ (א שטעטל אויך אין מעהרן) — האט רבי נתן געזאגט, מיט א טאן פון א פסק וואס לאזט זיך נישט אפפרעגן — און דאס איבריגע וועט מען שוין פירן פון הימל.

איך וויל נישט זיין אפגעריסן פונ'ם רבי'ן — האט משה געזאגט מיט א תחנונים'דיג טאן — איך וויל בלייבן אויף אייביג דעם רבי'נס א געטרייער תלמיד.

חלילה — האט רבי נתן געזאגט — אפגעריסן וועסטו נישט זיין פון מיר, און איך אויך נישט פון דיר. נאר אונזערע קערפער וועלן זיין פון איצט אן ענטפערנט איינער פונ'ם אנדערן, אבער אונזערע זעלן און הערצער זענען — און וועלן זיין — אנגעקניפט אין איינעם אויף אייביג, אויף דער וועלט און אויף יענער וועלט אויף „נצח נצחים".

משה האט אראפגעבויגן דעם קאפ, און שטיל געכליפעט, נישט ארויסגערעדט א ווארט. פאר א צייכן דאס ער איז מקבל אויף זיך דעם רבי'נס גזירה.

* * *

רבי נתן האט זיך אפגעזעגנט פון באסקאוויטץ. משה האט אים באגלייט ביז פיורדא. דארטן האבן זיך צושיידט זייערע וועגן. רבי נתן איז געפארן אויף פראנקפורט, און משה האט זיך אומגעקערט אויף פרוסניץ.

דאס איז געווען ג' כסלו אין יאר תקמ"ו לפ"ק.

דעם דאטום איז אונז כדאי צו פארצייכענען, ווייל מיט דעם האט זיך געענדיגט די פרשה פון משה סופר „דער תלמיד און משמש" פון רבי נתן אדלער.

און פון דעם דאטום האט זיך אנגעהויבן די פרשה פון „רבינו משה סופר", דער גאון הדור.

[די ווייטערדיגע בעשרייבונג פון רבינו משה סופר, פון פרוסניץ ביז פרעסבורג (ולא עד בכלל) וועט קומען אינם דריטן ספר „ליכט שטראלן" וואס מיר וועלן בעזה"י בקרוב ארויס געבן.

דער כח פון אמונה (אמונת צדיקים)

צו רבי אלימלך, זענען צווי פרויען געקומען
צוזאמען זענען זיי אריין ביידע
זיי האבן זיך, מיט זייערע בקשות פארנומען
איינע נישט גלייך, צו די צווייטע

רבי, ס׳איז ביטער, וואס וועט זיין די ענדע
האט איינע, פארגעלייגט איר בקשה
שולדיג דעם פריץ, פאר די׳ ארענדע
ר׳וויל אונז, ארויסווארפן דער רשע

רבי, מיין מאן פארדינט שוין נישט לאנג
האט די צווייטע איר בקשה פארגעגעבן
ער ליגט, שוין א פאָר וואכן קראנק
מיר האבן נישט, פון וואס צו לעבן

דער רבי זאגט צו, פאר די ערשטע א ישועה
און דער פריץ, וועט ווארטן און שווייגן
פאר די צווייטע, פאר׳ן מאן א רפואה
זי זאל אים פיאָווקעס *) לייגן

האבן זיך די נשים, די יוצרות פארביטן
די פון די ארענדע, האט געטאן דערהערן
אז זי דארף איר מאן, פיאָווקעס אָנשיטן
און מ׳וועט געהאלפן ווערן

*) א קליין חי׳עלע ווי א גרויסער ווארעם, מ׳פלעגט דאס צולייגן פאר א קראנקען, ס׳ציט ארויס דאס שלעכטע בלוט.

זי קומט אהיים מיט די פּיאָווקעס גרייט
דער מאן פארשטייט נישט, וואס האט דאס א זין
זי ערקלערט אים, אז דעם רבי׳נס רייד
מוז מען נישט פארשטיין, נאר גלייבן דערין

זי סטראזשעט, צו נעמען פון אים א גט
אויב ער וועט נישט אויספאלגן, דעם רבי׳נס עצה
ער לייגט זיך באלד, אריין אין בעט
זי פאקט אים אָן, אַ פולע פלייצע

מ׳הערט א קלאפ אין טיר, א האַסטיגן
דער פריץ קומט אריין, אויפגערעגט
ער זעט מאַשקע׳ן, אין א טייך בלוט ליגן
וואס איז דאס ? דער פריץ פרעגט

ער האט זיך דעם מצב, צום הארצן גענומען
טוט די אידענע, דעם פריץ ערקלערן
האט ער, א בלוט שטורץ באקומען
ווער ווייסט, וואס וועט ווערן

אוי ! מאַשקע, כ׳האב נישט דאס געמיינט
זאגט דער פריץ, מיט א רחמנות טאָן
איך שענק דיר, די גאנצע שולד ביז היינט
נאר זיי א מענטש פון איצטער אָן

זיי דאנקען אים ביידע, פאר זיין גוטסקייט
די שמחה אין שטוב, איז א פולע
מ׳קען זען, דעם רבי׳נס גרויסקייט
ס׳האט געהאלפן די סגולה

אין א צייט ארום, איז זי אין שטאט געגאנגען
איז איר אריין געקומען אגעדאנק
זי דארף צום רבי'ן, גיין אפדאנקען
און געבן אויך א שיין געשאנק

אוי ! דער רבי האט אונז געהאלפן, פון אונזער צער
דער רבי הערט איר אויס, מיט געדולד
די פיאָווקעס האבן געווירקט, וואונדערבאר
דער פריץ האט געשאָנקען, די גאנצע שולד

דער רבי האט אירע רייד, נישט פארשטאנען
זי גיט אָן, א סימן א געוויען
האט זיך דער רבי, געטאן דערמאַנען
די מעשה מיט די צווי פרויען

דער רבי האט אלע תלמידים, צוזאמען גענומען
דעם כוח פון אמונה, וויל איך אייך איצט ווייזן
זי האט דורך איר אמונה, א ישועה באקומען
כאטש איך האב דאס, איר נישט געהייסן

צו גלייבן אינ'ם צדיק, ג-אט אליין אזוי וויל
ווי פון די מעשה דא, איעדערער זעט
די אמונה אינ'ם צדיק, העלפט שוין פיל
מכל־שכן דעם צדיק'ס געבעט

דאס אומגעלומפערטע לשון הרע

דער הייליגער ריזשענער, רבי ישראל פרידמאן זצוק"ל, איז געווארן א רבי איבער חסידים ווען ער איז אלט געווען נישט מער ווי זעכצן יאר. תיכף האבן געבומען שטראמען צו אים גרויסע מאסן, פון אלע סארט אידן, אנגעהויבן פון א פשוט'ן דארפס-איד, ביז די גרעסטע למדנים חסידים, גרויסע רבנים גאונים. אלע האבן זיך געפונען ביי אים זייער ארט. אפילו אויך „משכילים", מאדערנע וועלכע האבן געווענליך פיינט געהאט רבי'ס מיט חסידים, האבן אויך אמאל אמאל באזוכט ביים הייליגן ריזשענער, זיי האבן ליב געהאט מיט אים זיך דורכצורעדן אין זייער חקירה און פיליזאפישע זאכן, און זענען ארויס מיט א התעוררות תשובה, און א פארקערטע איבערצייגונג ווי זיי האבן ביז איצט געבלאנדשעט. און נאכמער, גוים, פראפעסארן גענערעלע פעלדמארשאלן גראפן פירסטן, פלעגן אויך אמאל אנקלאפן אין די טיר ביים הייליגן ריזשענער, און נהנה געווען פון זיין קלוגע עצה, און זיין גרויסע חכמה אין אלע וועלט זאכן.

ווי באוואוסט, האט דער הייליגער ריזשענער גענומען זיך א דרך, אנדערש ווי אלע אנדערע רבי'ס תלמידים פון בעל שם טוב און זייערע נאכפאלגערס, וועלכע האבן זיך אין אלגעמיין געפירט באשיידן אין וועלטליכע געברויכן. די שטוב, מעביל, קליידונג א.א.וו. פאר זיך און פאר זייערע קינדער, האבן זיי זיך באנוגענט מיט די נויטיגסטע. פון לוקסוס, פוץ, און איבריגע אויסברענגעריי האבן זיי זיך דערווייטערט ווי פון די הארבסטע עבירה. און אזוי האבן זיך אויך געפירט די חסידים אין אלע צייטן.

אבער דער הייליגער ריזשענער וועלכער איז געווען אן אויסנאם מיט זיין אויסערגעווענליכע קדושה פון געבוירן אן, און צדיקים האבן געזאגט, דאס אזא הייליגע נשמה קומט אראפ אויף דער וועלט נאר איינמאל אין צוויי טויזנט יאר. ער האט זיך ערלויבט אונטערצונעמען זיך אזא איינגעשטעלטן געפערליכן גאנג, צופירן זיך

ברייט, מלכות׳דיג אין אלע זאכן, וואס האט אויסגעזען טאקע ווי לוקסוס און פוץ אין א גרויסע מאס.

די טיפקייט פונ׳ם הייליגן ריזשענער׳ס כוונות מיט דעם דרך, קענען מיר נישט באגרייפן. נאר וויפיל ס׳איז אונז באגרייפליך און וויפיל מיר קענען ארויסדרינגען פון די ספרים, דאס א צדיק וועלכער פירט זיך אזא מלכות׳דיגן דרך, און ער איז ביי זיך זיכער דאס ער איז נישט נהנה פון די אלע זאכן אפילו נישט ווי א האר, ער איז אויסגעטאן פון „די וועלט״ זאכן אין גאנצן, און די אלע רייכסטע קעניגליכע אויפירונג זיינע קענען אין אים נישט אריינברענגען די מינדעסטע גרויסהאלטונג „גאווה״. אזא צדיק טוט — מיט דעם אויבנ־דערמאנטן דרך זיינעם — באקעמפן און אונטערטעניג מאכן די „סטרא אחרא״ אין א גאר א הויעכן מאס.

א משל, ברענגען די ספרים, ווען צוויי מענטשן קעמפן איינער מיט׳ן אנדערן, דער מיט זיין געווער און דער אנדערער מיט זיין געווער, און איינער שטארקט זיך און באזיגט דעם צווייטן. דאס איז א נארמאלער קאמפף. אבער ווען איינער כאפט ארויס פונ׳ם שונא׳ס האנט זיין געווער און דערנאך דערשלאגט ער אים מיט דעם, דאס איז א פולקאמענער זיג, און ס׳הייסט מער אונטערטעניג גע־מאכט דעם שונא.

דער נמשל איז. דעם יצר הרע׳ס געווער אויף דער וועלט זענען די „גשמיות״ זאכן, עסן טרינקען, געלט, רייכטום, לוקסוס און פוץ, א.א.וו. ווי מער אין א גרעסערן מאס איז דאס א שטארקערער געווער אינ׳ם יצר הרע׳ס האנט.

דאס געווער פון א איד איז, תורה און תפלה צו טאן מצות און מעשים טובים א.א.וו. מיט דעם קען ער באקעמפן און בייקומען דעם יצר הרע.

דער אויבנדערמאנטער צדיק איז געגליכן, ווי ער נעמט ארויס פון יצר הרע׳ס האנט זיין געווער, דאס זענען די איבערגעטריבענע „גשמיות״ זאכן, און מיט דעם אליין טוט ער אים דערשלאגן.

אבער, ווי געזאגט, פון די אלע צדיקים תלמידי בעל שם טוב, און זייערע נאכפעלגערס, איז געווען דער הייליגער ריזשענער דער איינציגער, וועלכער האט זיך אונטערגענומען אזא געפערליכן דרך. ווייל ער איז ביי זיך געווען זיכער דאס ער וועט עס בייקומען.

* * *

ס'איז כדאי דא צו דערמאנען אן עפיזאד א קלייניגקייט, וועלכעס כאראקטעריזירט א ביסל דעם געהיימניספולן דרך פונ'ם הייליגן ריזשענער, מיט זיין ברייטן מלכות'דיגן אויפפירונג אין די שטוב זאכן.

ס'איז באוואוסט דאס די צימערן פונ'ם ריזשענער זענען געווען בעצירט און בעהאנגען מיט אלע ערליי קונסטלערישע פוץ זאכן, צווישן זיי טייערע געמאלענע בילדער און גרויסע געשניצטע שפיגלען. דעמאלס אין יענע צייטן ווען א שפיגל איז נאך געווען א שטארק מאדערנע זאך, און ביי חסידים מכל-שכן ביי רבי'ם האט מען דאס נישט געקענט זען הענגען אין עפנטליכקייט, איז ביים ריזשע־נער געהאנגען אין אלע זייטן גרויסע שיינע שפיגלען. איבערהויפט אינ'ם ריזשענער'ס פריוואט צימער, וואו ער האט אויפגענומען און געזעגענט די חסידים און גרויסע רבנים, וואו מ'איז אריינגעקומען אקעגן איבער די טיר איז געווען אויף דער וואנט א שפיגל גרויס פון דער ערד ביז'ן באלקן. די חסידים האבן שוין געוואוסט זיך צו היטן זיי זאלן אין דעם שפיגל נישט געבן קיין בליק, ווייל דעם הייליגן ריזשענער'ס זאכן זענען אלעם „קודש לה'" נישט דערפון די מינדעסטע הנאה צו האבן..

איז א מאל געקומען צום ריזשענער צו פארן א פשוט'ער דארפס-איד פון אונגארן, מיט א פאר גרויסע וואנסעס. ווען ער איז אריין צום רבי'ן אין צימער איז גראדע דער רבי ארויסגעגאנגען אויף א ווײלע, דער איד האט געדארפט א ביסל אונטערווארטן. זעט דער איד דעם גרויסן שפיגל, כאפט ער זיך צו אויסצונוצן די געלע־גענהייט, ער שטעלט זיך אוועק ביים שפיגל, און דרייט זיך די וואנסעס, זיי זאלן אויסזען שיין שפיציג.

פלוצים זעט ער ווי אין שפיגל באווייזן זיך בילדער לעבעדיגע באוועגליכע (אזוי ווי פילמעס) איינע נאכ'ן אנדערן, און ער זעט זיך דארט אויף יעדן בילד ווי ער שטעלט אן עבירות רח"ל. אלע עבירות זיינע פון קינדווייז אן ביז'ן דעמאלסטיגן טאג זענען דארט געזען געווארן איינע נאכ'ן אנדערן. ס'איז געווען דערצווישן א זעלכע עבירות וואס ער האט געהאלטן אז דאס קען קיין שום נברא אין דער וועלט נישט וויסן, ער אליין האט זיי שוין כמעט ווי פארגעסן.

דער איד איז אזוי דערשראקן און איבערראשט געווארן, דאס ער האט ארויסגעלאזט א געשריי „שמע ישראל" און איז אנידער געפאלן אין חלשות. אין דרויסן האט מען עפעס דערהערט און מ'איז אריינגעלאפן אין צימער זען וואס דאס איז, מ'האט אים אויפגעהויבן און גענומען מינטערן ביז ער איז אביסל צו זיך געקומען.

אין מיטן איז דער ריזשענער אריינגעקומען און זעט די מעשה, רופט ער זיך אן צו דעם איד:

— ווער הייסט דיר קוקן ווי מ'דארף נישט!

— ב —

דער הייליגער ריזשענער האט אנגעהויבן צופירן זיין מלכות'-דיגן דרך, תיכף ביי די זעכצן יאר, ווען ער איז געווארן א רבי איבער חסידים.

אין אלגעמיין, די צדיקים אינם דור פונ'ם ריזשענער, האבן זיך באצויגן מיט גרויס רעספעקט א קעגן דעם ריזשענער מיט זיין דרך. און זיי האבן זיך נישט געטרויט ארויסצוזאגן דעם מינדעסטן קריטיק א קעגן אים. זיי האבן געהאלטן אז דער ריזשענער איז מער מלאך ווי מענטש, און ער מעג, ער קען.

פארט האט זיך פארווארפן איינצעלנע צדיקים וועלכע האבן זיך דערוואגן ארויסצוברענגען אויפ'ן מויל א שטיקל קריטיק אויף דעם דרך.

ס'פארשטייט זיך, אז דער קריטיק איז נישט געווען געווענ-דעט אויפ'ן ריזשענער אליין, דאס זיין גרויסקייט זאל חלילה קומען אונטער א פראגע-צייכן. יעדער האט געוואוסט קלאר דאס דער ריזשענער איז אויסגעטאן פון אלע הנאות פון דער וועלט, און די אלע רחבות'קייטן מיט די גאלד און זילבערווארג וואס וואלגערט זיך ביי אים אין שטוב איז אויף אים נישט משפיע קיין האר נישט.

מ'האט אבער געהאט אויסצוזעצן איבער דעם, וואס געווענליך דאס פאלק טוט נאך דעם פירער זיינעם דעם מנהיג, אזוי ווי דער מנהיג טוט איז דאך זיכער גוט און רעכט צו טאן, און וואס ער מעג מעג דאך דער פשוט'ער מענטש א וודאי. ממילא קען זיך דער דרך פון רחבות און לוקסוס צושפרייטן זיך ביים פאלק, און דאס קען

האבן זייער נישט גוטע פאלגן. ווייל דאס איז דאך באוואוסט פון די תורה און פון די גמרא און אויך וויייזט אזוי דער פראקטיק, אז ברייטקייט און אויסברענגעריי ברענגט צו אלע שלעכטע זאכן, און צו אלע שלעכטע געוואוינהייטן.

אין אנהייב אין די ערשטע יארן ווי דער ריזשענער האט געפירט, האט מען גאר גאר זעלטן געהערט עפעס א ווארט פון קריטיק פון איינעם פון די צדיקים זיך ארויסזאגן קעגן דעם מלכות'־דיגן דרך. און אים אליין, דעם ריזשענער, צו פרעגן איבער דעם, האט זיך א וודאי נישט אונטערגענומען קיין שום צדיק, מכל־שכן א חסיד.

מ'דערציילט אז א מתנגד'ישער רב א גאון, האט אמאל געפרעגט דעם ריזשענער:

— היתכן מ'גיט אוים אידיש געלד אויף איבעריגע זאכן, לוקסוס און פוץ, גאלדענע און זילבערנע כלים, פארשידענע קעניגליכע קא־רעטעס מיט גאלדענע רענדער, א סאך טייערע פערד פארשידענע סארט, און נאבעלע שטאלן פאר זיי א.א.וו.

איך וועל אייך ערקלערן — האט אים דער ריזשענער גע־ענטפערט — צו מיר קומען דריי סארט אידן.

איינס, רבנים תלמידי חכמים, איידילע אידן.

דאס צווייטע, געוויינליכע בעל בתי'שע אידן.

דאס דריטע, פראסטאקעס, קלים וריקים.

דאס געלט פון די רבנים תלמידי חכמים טו איך פארווענדן אויף דברים שבקדושה. דאס געלט די בעל בתי'שע אידן גיב איך אוים אין שטוב אריין אויף „צרכי בית".

דאס געלט פון די קלים וריקים, וואס זאל איך מיט דעם טאן ? זאל איך נישט נעמען ? פארוואס זאל איך פארמיידן פון זיי די טובה וואס זיי האבן דורכדעם וואס זיי גיבן מיר געלט ? !

נעם איך זייער געלט און גיב עס אוים אויף פערד מיט קארעטעס און אנדערע סארט „מותרות" (לוקסוס) זאכן, און זוי נישט קומט זיי אויך ארוים א טובה דורכדעם.

יעדנפאלס האט דאס געפרעגט דעם ריזשענער א מתנגד. א חסיד אפילו א צדיק ווי גרוים ער זאל זיין וואלט זיך נישט איינגעשטעלט צו פרעגן דעם ריזשענער איבער די זאכן.

און אפילו שפעטער, וואס מ׳האט געהערט און געזען ווי די קינדער פון ריזשענער ווערן ערצויגן מיטן גרעסטן לוקסוס. ביז צו דרייצן יאר זענען די אינגעלעך געגאנגען אנגעטאן אין גענעראלסקע מונדירן מיט גאלדענע קנעפלעך, און א גאלדנעם שווערד׳ל אין די זייט, און געריטן אויף פערד, און נאך און נאך, און די זעלבע די טעכטער אויף אן אנדערן אופן. דאך האט מען זיך איינגעהאלטן ארויסצוזאגן א קריטיק, ווייל מ׳האט געגוי געוואוסט דאס די קינדער פונ׳ם ריזשענער זענען אויך זייער הייליג פון געבוירן אן, און וואס דער ריזשענער טוט מיט זיי און פירט זיך מיט זיי איז אלעס הייליג.

אבער שפעטער ווען דעם ריזשענער׳ס קינדער זענען אונטער־געוואקסן, און האבן שוין חתונה געהאט, און האבן אויך אין זייערע שטובן געפירט דעם זעלבן דרך, מיט זייערע קינדער, און מיט די גאנצע הויזפירונג, דעמאלס האבן זיך שוין געטראפן כמה צדיקים וועלכע האבן געזאגט, אז צופירן דעם דרך אויף ווייטער און שפעטער, דור נאך א דור, איז א גרויסע סכנה, און מ׳דארף עס אפשטעלן באצייטנס.

און ווי ס׳איז באוואוסט, איז דער הייליגער סאנזער רב רבי חיים האלבערשטאם זצוק״ל, וואס ער אליין איז געווען א גרויסער פארערער פונ׳ם ריזשענער, און אפילו אויך פון די קינדער נאך קליינערהייט, איז ער אליין שפעטער ארוים אין א גרויסן קאמפף קעגן דעם דרך. די כוונה פונ׳ם סאנזער רב איז געווען, אפצוהאלטן אז דאס פאלק זאל נישט חלילה איבערנעמען דעם דרך, און דורכדעם אראפוואַרפן פון זיך דעם יאָך פון צניעות און באשיידענהייט.

— ג —

דער אפטער רב, דער הייליגער גאון און צדיק רבי אברהם יושוע העשל זצוק״ל, איז געווען אין יענע צייטן, ווען דער ריזשענער האט אנגעהויבן צו פירן, דער „זקן הדור״ דער עלטסטער פון די צדיקים. אלע רבי׳ס אין זיין דור האבן געהאט אויסערגעוועגליכן רעספעקט פאר אים, און זיין אווארט און מיינונג האט געהאט א וואָגיגן באדייט אין אלע זאכן.

כדי צו האבן א שטיקל באגריף ווי ווייט די צדיקי הדור האבן געהאט רעספעקט און אונטערטעניגקייט א קעגן דעם אפטער רב, איז כדאי דא אראפצוברענגען די פאלגענדע מעשה.

דער גרויסער גאון און צדיק דער הייליגער רבי הערשעלע זידיטשובער זצוק"ל, איז געווען פון די גרעסטע תלמידים פונ'ם הייליגן חוזה פון לובלין. אין „תורת הנסתר" דאס מיינט „זוהר" און „קבלה" האט מען אים געהאלטן טאקע פאר'ן גרעסטן, מ'האט אים טוטולירט „שר בית הזוהר" דאס מיינט דער גרעסטער אין זוהר.

דער אפטער רב האט געהאט אויף רבי הערשעלע זידוטשובער א שטיקל הקפדה, וואס ער לערנט און צושפרייט זוהר און קבלה ברבים, אין עפנטליכקייט. אנדערש ווי אנדערע צדיקים תלמידים פון בעל שם טוב, וועלכע האבן זיך געפירט אין די זאכן שטארק באַהאלטן, און זיי האבן נאר געלערנט „קבלה" אין מיטן די נאכט פארשלאסן אין א צימער, אז קיינער זאל נישט זען און נישט הערן. און אזוי ווי דער אפטער רב איז געווען א שטארקער קריטיקער אויף גרויסהאלטנקייט „גאות" און „ישות" און געפאדערט שטענדיג צו דערווייטערן זיך פון דעם מיט די שטרענגסטע מיטלען, דאריבער האט דער אפטער רב געהאלטן אז לערנען אין עפנטליכקייט „קבלה" הייסט אזוי ווי גרויסן זיך מיט דעם באזונדערן לימוד, און ס'קען ברענגען ח"ו צו „גאות" וואס אפילו נאר א ברעקעלע פון די מידה איז אויך זייער שעדלעך און געפערליך.

צו דעם איז נאך אונטערגעקומען נאך א מעשה, וואס האט געשטארקט די הקפדה פונ'ם אפטער רב אויף רבי הערשעלע זידו־טשובער.

נאכדעם וואס דער הייליגער חוזה פון לובלין איז נסתלק געווארן, זענען זיך די „חברייא" — די תלמידים פונ'ם חוזה צוזא־מענגעקומען אויף אן אסיפה, צווישן זיי זענען געווען רבי הערשעלע זידוטשובער, דער ראפשיצער רב רבי נפתלי צבי, דער „מאור ושמש" רבי קלונימוס קלמן, דער „אור לשמים" רבי מאיר סטאבניצער, א.א.וו. אלע גרויסע געוואלדיגע מענטשן.

די אסיפה איז פאררופן געווארן כדי צוטראכטן, אזוי ווי

דער רבי פון לובלין איז נסתלק געוואָרן, איצט וואו פאָרט מען ווייטער? אונטער וועם בייגט מען זיך אַרונטער?

רבי הערשעלע זידיטשובער האָט זיך אָנגערופן צו די חבריא:

— און וואָס פעלט אייך ביי אונז? געמיינט אויף זיך, דאָס הייסט אַז זיי זאָלן זיך אונטערבייגן אונטער אים. רבי הערשעלע האָט זיך אָנגעהויבן צולויבן און אויסגערעכנט מעלות און מדריגות פון זיך צוויי שעה צייט.

ביי די לעצטע מדריגה וואָס ער האָט אויסגערעכנט אויף זיך, האָט ער זיך געווענדעט צום ראָפּשיצער רב, מיט די דאָזיגע רייד:

— אייער זיידע — דער של״ה הקדוש — איז ביי אונז איין אַ אָפּטער גאַסט.

דער ראָפּשיצער רב, וועלכער איז געווען באַקאַנט אַלץ ווערטל־זאָגער (און אַלע זיינע ווערטלעך האָבן געשטעקט טיפע כוונות) האָט זיך אָנגעכאַפּט אין דעם געלעגנהייט, און געזאָגט:

— ביי מיר איז ער אַ שטענדיגער גאַסט, נאָר ער דרייט זיך אַוועק מיטן רוקן צו מיר.

האָט מען אים געפרעגט, ס׳טייטש?

האָט ער געענטפערט: — אַז דער של״ה הקדוש שטייט ביי אים שטענדיג אין די ספרים שאַפע (געמיינט, דער ספר של״ה הקדוש), ער איז אָבער מיט׳ן רוקן צו אים. ווי געוויינליך אַלע ספרים שטייען.

ווען די אסיפה האָט זיך געענדיגט, האָבן זיי זיך געשטעלט דאַווענען מנחה מיט מנין, און מ׳האָט מכבד געווען רבי הערשעלע זידיטשובער צו דאַווענען פאַר׳ן עמוד.

* * *

די מעשה איז אָנגעקומען אין די אויערן פונ׳ם אָפּטער רב, אַז רבי הערשעלע זידיטשובער האָט זיך אַליין געלויבט און גערימט צוויי שעה צייט, דאָס האָט שוין אָנגעפילט דאָס מעסטל, די הקפדה פונ׳ם אָפּטער רב איז געשטיגן, ער האָט געהאַלטן אַז רבי הערשעלע זידיטשובער איז געכאַפּט אויף די מעשה (פון גאוה) ח״ו.

ביי אַ געלעגנהייט, ווען דער ראָפּשיצער רב האָט באַזוכט דעם אָפּטער רב. דער אָפּטער רב, וויסנדיג דאָס דער ראָפּשיצער

רב האלט פון רבי הערשעלע זידיטשובער, און פארטיידיגט אים מיט זיין דרך, האט ער אים איצט פארגעהאלטן:

— נו, ראפשיצער רב וואס זאגט איר צו די צוויי שעה?!

דער רבי זאל מיר גלייבן — האט דער ראפשיצער רב גע־ענטפערט — דאס איך האב נאך אין מיין לעבן נישט געזען אזא „שפלות רוח" (קליינהאלטונג, צובראכנקייט) אויף א מענטש, ווי איך האב געזען אויף רבי הערשעלע זידוטשובער אין די צוויי שעה וואס ער האט זיך געלויבט.

און דערנאך האט רבי הערשעלע געדאווענט פאר אונז א מנחה פארן עמוד — האט דער ראפשיצער רב פארגעזעצט — דאס זינט דעם רבי'ן רבי אלימלך האבן מיר נאך אזא מנחה נישט געהערט.

דער אפטער רב איז געווען שטארק איבערראשט פון ראפ־שיצער רב'ס ענטפער, ווייל זיין עדות איז ביי אים געווען שטארק קאמפאטענט. אבער דאך האט עס נישט געקענט ארויסרייסן פונ'ם אפטער רב'ס הארץ אין גאנצן די הקפדה אויף רבי הערשעלע זידוטשובער, איבער זיין דרך אין „קבלה".

דער ראפשיצער רב האט געראטן פאר רבי הערשעלע, אז דאס בעסטע וועט זיין ווען ער אליין וועט אריבערפארן צום אפטער רב, און זיך מיט אים פערזענליך דורכרעדן, דעמאלס איז זיכער — האט דער ראפשיצער רב פארזיכערט רבי הערשעלע'ן — דאס דער אפטער רב וועט נתפיים ווערן אין גאנצן.

רבי הערשעלע זידוטשובער האט געפאלגט די עצה, און איז אריבער געפארן צום אפטער רב. ער האט זיך מיט אים גרינדליך אדורכגערעדט, און ערקלערט זיין שיטה מיט זיין דרך אין קבלה.

דער אפטער רב איז שטארק בעאיינפלוסט געווארן פון זיינע רייד, און אנשטאט די הקפדה וואס ער האט פריער געהאט אין הארצן אויף אים, איז ער איצט געווארן אים דער בעסטער גוטער פריינט.

ווען זיי האבן געענדיגט דעם געשפרעך איז געווען „זמן מנחה". דער אפטער רב האט געדענקט דעם ראפשיצער רב'ס רייד איבער רבי הערשעלע'ס מנחה דאווענען פארן עמוד, דאס זינט דעם רבי'ן רבי אלימלך האט ער נאך אזא מנחה נישט געהערט. האט אים איצט דער אפטער רב מכבד געווען צו דאווענען מנחה פאר'ן עמוד.

רבי הערשעלע זידיטשובער ווען ער האט געהאלטן ביי „שמע קולינו” האט ער באמערקט דאס דער אפטער רב איז שוין אויס־געגאנגען די שמונה עשרה. איז ער געווען אין א שטאַרקן פארלע־גנהייט, וואס זאל ער איצט טאן? זאל ער ווייטער דאווענען די שמונה עשרה, איז אפשר וועט ער מיט דעם אביסל פוגם זיין אינ׳ם כבוד פונ׳ם אפטער רב „דער זקן הדור” דאס דער אפטער רב וועט דארפן שטיין אוןווארטן אויף אים ביז ער ענדיגט שמונה עשרה. זאל ער ווידער דא אויסגיין און אנהייבן די הויכע שמונה עשרה, איז ווי טאר מען מפסיק זיין די שמונה עשרה אין מיטן? דאס אלעס איז אים דורכגעלאפן אין קאפ אין איין סעקונדע. ער האט אבער שוין נישט געקלערט ווייטער, און באשלאסן אויס־צו גיין די שמונה עשרה דארט ווי ער האלט און תיכף אנהייבן די הויעכע שמונה עשרה. ער איז געקומען ביי זיך צו דעם באשלוס, דאס ווען ער וועט גורם זיין א פגם אינ׳ם כבוד פונ׳ם „זקן הדור” און „צדיק הדור” וועט עס זיכער מער שאדן פאר זיין נשמה ווי דאס מפסיק זיין די שמונה עשרה אין מיטן.

א סאך יארן שפעטער פלעגט זיך רבי הערשעלע זידיטשובער בארימען ביי יעדע געלעגנהייט: — „תיתי לי” (איך בין זייער צופרידן) וואס השי״ת האט מיר חונן דעת געווען ד׳עמאלס איך זאל אזוי טאן, אויסגיין די שמו״ע ביי שמע קולינו און אנהייבן די הויכע שמו״ע, כדי איך זאל נישט גורם זיין חלילה א ברעקעלע „חלישת הדעת” פאר׳ן צדיק הדור.

פון די מעשה קען מען אביסל זען וואס פארא רעספעקט און דרך ארץ צו צדיקים פון דעם דור האבן געהאט פאר׳ן אפטער רב.

* * *

דאריבער אז דער אפטער רב, דער זקן הדור, האט שטארק געהאלטן פון דעם ערשט געווארענעם יונגען רבי׳ן, רבי ישראל פון ריזשן, און האט געלויבט אים שטארק מיט גרויסע שבחים און מדריגות, איז דאס געווען א גרויסע דעקונג פאר׳ן ריזשענער חסי־ד׳ארניע, און א גרויסע פארטיידיגונג און שוץ קעגן אלע קריטיקערס.

דאס גרויסע פארערונג פון אפטער רב צום ריזשענער איז נישט געווען קיין נייעס, ווארום ס׳איז באוואוסט, דאס ווען דעם ריזשענער׳ס מוטער די פרובישטער רעבעצן חו׳ה [redacted]־

איז אמאל געפארן צום אפטער רב נעמען פון אים א ברכה. ווען זי איז אריינגעקומען אין אפטער רב'ס שטוב, האט זיך דער אפטער רב אויפ־געשטעלט פאר איר. אויף די פארוואונדערונג פון די חסידים, וואס דער רבי שטעלט זיך אויף פאר א אידענע? ! האט דער אפטער רב געזאגט:

— איך האב מיך אויפגעשטעלט פאר א „ארון הקודש" ווייל זי וועט האבן א קינד א „ספר תורה".

— ד —

ס'איז באוואוסט, דאס דער אפטער רב איז געווען א שטרענ־גער רבי, ער האט געפאדערט קלארע אויסגעהאלטענע אידישקייט, אן פשרות און פשט'לעך, און אן שום אייגענע אינטערעסן נאר „בלתי לה' לבדו". און אלעם געענוי לויטן שולחן ערוך

אגב, וועלן מיר דערציילן א מעשה וואס פון דעם קען מען ארויסזען אביסל דעם אפטער רב'ס שטרענגקייט אין אידישקייט

ווען דער אפטער רב איז נאך געווען א יונגערמאן, ער האט נישט פארנומען קיין רבנות פאטן. מ'האט אים גערופן סתם רבי יושיע העשל, ער איז נאך נים געווען מפורסם, האט ער געליטן גרויס דחקות. ער איז אגאנצן טאג געזעסן אין בית המדרש און געלערנט, און פארלאזט זיך אויף השי"ת. די רעבעצן מיט די פי־צעלעך קינדערלעך האבן געליטן פשוט הונגער, ס'איז נישט געווען ווער עס זאל זיך אומקוקן אויף זיי. די רעבעצן פלגעט גיין וואשן וועש און ארבעטן ביי אנדערע זי זאל פארדינען א פאר גראשן אויף א ברויטל אדער חלות און וויין לכבוד שבת.

איינמאל פאר סוכות, ס'איז שוין ערב סוכות אנדערפרי, און די שטוב איז ליידיג, נישט דא גארנישט אויף יום טוב, און נישט אויף א אתרוג און לולב, נישט אויף א סוכה. פאר רבי יושיע העשל האט זייער וויי געטאן דאס הארץ, ער האט געהאט גרויס רחמנות אויף די שטוב, אויף די קליינע קינדערלעך, אבער וואס זאל ער טאן? מבטל זיין פון לערנען וועט ער נישט — האט ער ביי זיך אפגעמאכט — אפילו ווען ער זאל אויסגיין פון הונגער צוזאמען

מיט די גאנצע שטוב ח״ו. ער איז זיך אוועק אין בית המדרש, געזעצט זיך לערנען ווי אלעמאל און פארלאזט זיך אויף השי״ת.

האט זיך געמאכט, דאס א סוחר א גביר א חסיד׳ישער איד, איז פונקט געווען אין יענע שטאט וועגן מסחרים, און האט געמוזט דארט פארבלייבן איבער סוכות. ער האט זיך געפרעגט וואו ס׳איז א שטארק ערליכע שטוב וואו ער קען אפשר פאר גוט געצאלט פארברענגען דעם יום טוב סוכות. האט מען אים צוגעוויזן צו רבי יושוע העשל׳ס שטוב.

ער איז דארט אריין אין געזען דאס גרויסע ארימקייט אין אלע ווינקעלעך. ער האט פארגעשלאגן פאר די רעבעצן דאס ער וועט געוואלט זיין דא ביי זיי איבער יום טוב.

האט זי געזאגט: — ליבער איד איר זעט דאך וואס ביי מיר טוט זיך, א ליידיגע שטוב גארנישט צוגעגרייט אויף יום טוב, און אויך קיין סוכה און קיין שום זאך.

האט דער איד געפרעגט: — און וואו איז אייער מאן?

ער איז אין בית המדרש, ער זיצט און לערנט — האט זי געענטפערט — ער איז א הייליגער צדיק אויסגעטאן פון דער וועלט.

דער גביר האט קיין סאך נישט געקלערט, ער האט פאר־שטאנען דאס מ׳האט אים פון הימל צוגעשיקט א פעטע מצו׳ה. ער האט זיך אנגערופן צו די רעבעצן:

— איך וועל אייך אהערשטעלן א יום טוב, קאמפלעט מיט אלע זאכן, און איינוועגס וועל איך שוין געניסן דערפון.

דער גביר האט איינגעקויפט אלעס, פיש און פלייש וויין און פירות א.א.וו. בהרחבה. די רעבעצן האט זיך גענומען צום קאכן און צו צוגרייטן.

ער איז אוועק צו א אתרוג סוחר און האט געקויפט א אתרוג א הדר מיט אלע מינים דערצו. קומענדיג צוריק אין שטוב צו רבי יושוע העשל, האט ער מיט זיך מיטגעברענגט צוויי ארבעטער און מיט אים צוזאמען האט מען אויפגעשטעלט א סוכה אין צוויי שעה, און מ׳האט נאך פארספייעט דאס אויסצוצירן און אויספוצן גאנץ שיין.

רבי יושוע העשל׳ס שטוב מיט די קינדערלעך האבן אויפ־

געלעבט, די גאנצע שטוב מיט די סוכה האט זיך געטונקען אין א פרייליכן ליכטיגקייט.

רבי יושוע העשל איז ערשט אהיים געקומען ביינאכט נאכ'ן דאווענען. ער איז געווען פול מיט בטחון דאס דער אויבערשטער וועט מיט אים טאן עפעס א נס, און דער יום טוב וועט אים נישט פארשטערט ווערן.

ער קומט אריין אין שטוב, ער זעט ס'איז ליכטיג און אויס־געפוצט לכבוד יום טוב. ביי די טיר שטייט א סוכה א שיינע, ער גייט אריין אין די סוכה, ס'פינקלט און בליטשקעט פון אלע זייטן. אויפ'ן טיש צוגעגרייט וויין, חלות כיד המלך. ער רעדט גארנישט און פרעגט גארנישט, ער זאגט די „אושפיזין" מיט א גרויסע שמחה און חיות, ער מאכט קידוש, מ'זעצט זיך צום טיש, און די קינדער־לעך ארום.

ער באַמערקט דעם פרעמדן אורח, ער גיט אים שלו' עליכם. ער האט שוין פארשטאנען דאס זיכער איז דער אורח דער שליח פון הימל, אים צודערקוויקן דאס הארץ דעם יום טוב.

די רעבעצן דערלאנגט צום טיש געשמאקע מאכלים פיש און פלייש א.א.וו. רבי יושוע העשל זינגט זמירות, די קינדער זינגען מיט, ס'פילט זיך אין סוכה טעם גן עדן.

אינדערפרי האט שוין רבי יושוע העשל געטראפן ביי זיך אין שטוב, שטיין אויפן טיש א שיינעם אתרוג און לולב, ער האט געבענטשט אויף זיי מיט א גרויסע שמחה, און געגעבן פאר די גאנצע שטוב א ברכה צו מאכן.

בקיצור דער גאנצער יום טוב ביז איבער שמחת תורה איז אזוי דורך, ס'איז געווען פון אלעם גוטן און בעסטן.

נאך יום טוב האט זיך דער גביר געוואלט געזעגענען מיט רבי יושיע העשל און פאָרן זיך זיין וועגס.

אבער רבי יושוע העשל וויל אים נישט געזעגענען, ער זאגט אים:

הערט ליבער איד, איר האט געהאט די זכי' מיך מחי' צו זיין דעם יום טוב, אזוי אז קיין שום מענטש האט מיך נאך נישט אין מיין לעבן אזוי מחי' געווען. פאר דעם מוז איך אייך באצאלן, איך קען נישט בלייבן שולדיג.

איצט קלייבט אייך אוים איינם פון די צוויי — זאגט אים רבי יושיע העשל — אדער דאס איר זאלט געבענשט ווערן מיט א גרויס עשירות, איר מיט אייערע קינדער און קינדס קינדער לדורי דורות. אדער איר זאלט זוכה זיין צו עולם הבא, קומען אין גן עדן גלייך ווי אלע צדיקים.

זאגט וועלכעס איר ווילט — ענדיגט רבי יושיע העשל.

דער איד האט א סאך נישט געקלערט און גענטפערט דאס ער וויל עולם הבא. וואס טויג אים עשירות, ער איז דאך איצט אויך נישט קיין ארימאן, און ווילאנג לעבט דאס א מענטש. און מ׳קומט אהין אויף יענע וואלט, דארט הייבט זיך ערשט אן דאס ריכטיגע לעבן. אבער צום ערשט שטייט מען פאר א שווערן דין וחשבון אויף יעדע שעה און יעדע מינוט פונ׳ם לעבן, און ס׳קומען די פאַר־שידענע ביטערע עונשים פון גילגולים פון גיהנם א.א.וו. ווער וויים ווען ער וועט די זכי׳ האבן צו האבן א תיקון און קומען אין גן עדן? איז אים בעסער זיך אויסצוועלן „עולם הבא״.

אויב אזוי — זאגט אים רבי יושיע העשל — האב איך אבער איין תנאי, דו מוזט דיך דא ביי מיר אין שטוב אוועקלייגן אין בעט... איך וועל דיך מלוו׳ זיין און זאגן נאך דיר קדיש, און — עלי ועל צווארי, — דו קומסט גלייך אין גן עדן אריין.

אַה! האַ! דאז איז שוין א שווערער תנאי — האט דער גביר געזאגט — און וואס ארט אייך רבי, אז איך וועל נאך לעבן א פאר יאר?!

איך קען דיר נישט געטרויען — זאגט אים רבי יושיע העשל — דו קענסט נאך אנשטעלן אלעם בייז, אלץ אויפ׳ן חשבון פון מיין צוזאג.

אוי רבי, וואס זאגט איר א זעלכע רייד — זאגט דער גביר — איך בין דאך ביז היינט אויך נישט געווען קיין גוי, איך האב מיך געפירט אידיש און חסיד׳יש, און ווייטער וועל איך מיך פירן נאך בעסער. לאזט מיך נאך די פאַר יאר וואס כ׳האב צו לעבן, איך האב דאך קינדער און אייניקלעך וועלכע איך דארף פארזארגן.

ניין! זאגט דער רבי ר׳ יושיע העשל קאטעגאריש — איך קען נישט פאר א מענטש געטרויען. אז איך זאג צו, איז צוגעזאגט.

מוז איך מיך באווארענען. איר קענט דאך נעמען די ערשטע ברכה, צו זיין רייך ווי א ראטשילד איבער אייער גאנץ לעבן און אויף דורי דורות, און איר וועט זיך אויסלעבן די יארן וויפיל ס׳איז אייך באשערט צו לעבן, דערנאך וועט איר אייך אפנעמען אייער עולם הבא וואס ס׳קומט אייך.

דער איד האט געבעטן ביי רבי יושיע העשל, א שעה צייט איבערצוקלערן זיך. רבי יושיע העשל האט אים דאס געגעבן.

ס׳איז נאך נישט דורך די שעה, דער איד איז שוין געווען פערטיג מיט זיין ישוב הדעת.

— יא, ער לייגט זיך אוועק... האט ער ביי זיך באשלאסן, ס׳וואלט געווען די גרעסטע נארישקייט ווען ער זאל עס נישט טאן. ארויסלאזן אזא גלענצענדע געלעגנהייט, וואס ס׳טרעפט איינמאל אין לעבן.

דער חשבון איז א פשוט׳ער — האט ער ביי זיך געטראכט — קיין יונגערמאן בין איך דאך שוין נישט, שוין אריבער געשפרייזט די מיטעלע יארן, וויפיל האב איך נאך צו לעבן אין נארמאלען צושטאנד, פופצן, צוואנציג יאר. און אויף דעם האב איך אויך נישט קיין קאנטראקט. וואס ס׳פאסירט אלץ מיט מענטשן טאג טעגליך. און לאמיר שוין אפילו אננעמען, אז איך פארליר א פאר גוטע יארן וואס כ׳וואלט נאך געקענט לעבן אויף דער וועלט, דערפאר אבער האב איך דאך מיך פארזארגט אויף א אייביגקייט.

איי די קינדער, וואס איך וויל נאך פארזארגן? איז ראשית, אין גאנצן מיט גארנישט בלייבן זיי איצט אויך נישט. שנית, וואס טוט א מענטש אז ער שטארבט אוועק פלוצים, ווי ס׳פאסירט איעדן טאג, נו קען ער עפעס זאגן דעם מלאך המות,ווארט נאך אביסל איך זאל קודם פארזארגן די קינדער?!

בקיצור, דער חשבון איז פערטיג און קלאר. ער זאגט צו רבי יושיע העשל:

— רבי, איך בין גרייט...

דער רבי הייסט אים זיך אוועקלייגן אין זיין בעט, ער זאגט מיט אים ווידוי און קריאת שמע, און הייסט אים זיך אויסדרייען צו דער וואנט, און... פערטיג.

דער שמש פון די קהילה רופט צו א לוי׳. מענטשן אינטע־רעסירן זיך, ווער איז דאס?

דער שמש ערקלערט: — דער פרעמדער אורח וועלכער איז געווען דא גאנץ סוכות, ער איז איינגעשטאנען ביים רבי׳ן רבי יושוע העשל. פלוצים איז ער נעביך אוועק...

די לוי׳ קומט שוין אוים גאנץ שפעט אין דער נאכט. רבי יושוע העשל באגלייט אים ביז׳ן בית עלמין. מ׳פארענדיגט די קבורה, רבי יושוע העשל זאגט נאך אים א קדיש. מענטשן שמועסן צווישן זיך, זיכער האט דער רבי ר׳ יושוע העשל צוגעזאגט אים פאר׳ן שטארבן צוזאגן נאך אים קדיש.

אינדערפרי ביי תפלת שחרית האט שוין רבי יושוע העשל מער נישט געזאגט קיין קדיש. היימישע זיינע פרעגן אים איבער, ענטפערט ער:

— די נשמה איז ביי מיר די נאכט געווען, און געבעטן איך זאל מער קיין קדיש נישט זאגן. מיט דעם איינעם קדיש וואס כ׳האב געזאגט, האט מען אים דארט אזוי הויעך אויפגעהויבן, אז ער האלט מער נישט אוים. ווען ער זאל געווען זיין זיבעציג יאר א צדיק וואלט ער נישט געקענט העכער אנקומען.

שפעטער מיט א סאך יארן, האט דער אפטער רב אליין דער־ציילט די מעשה, ער האט אנגעהויבן מיט דעם לשון:

— כ׳האב אמאל געהאט ביי זיך אן אורח איבער סוכות, געווען א קלוגער איד...

פון די מעשה וואס מיר האבן דא געברענגט, קען מען גענוג ארויסזען די שטרענגקייט פונ׳ם אפטער רב, דאס ער האט געפאדערט אבסעלוטע אידישקייט, אן פשרות און קונצן.

— ה —

די הויפט שטריכן אין אפטער רב׳ס דרך ווי ער האט מדריך געווען אידישע קינדער, זענען געווען:

דאס ערשטע, צופארפאלגן אפילו מיט די עקסטרעמסטע מיט־לען די שלעכטע מידה פון „גאווה" גרויסהאלטעניש, און די אלע

זאכן וואס ברענגען דערצו, ווי מיר האבן שוין דאס אויבן געברענגט ביי די מעשה מיט רבי הערשעלע זידיטשובער.

אויף ווי ווייט דער אפטער רב האט געררודף'ט די מידה פון גאווה, קען מען אומבעסטן זען פון די עובדא.

דער אפטער רב איז אמאל אנגעקומען אין א שטאט. מ'האט אים דארט פארגעלייגט צוויי אכנסיא'ס ווי ס'קען קומען אין באַטראַכט דאס דער רבי זאל איינשטיין. איינס, ביי א גביר א גרויסער למדן, א שיינער איד, נאר ער איז געווען באוואוסט פאר א בעל גאווה. דאס צווייטע, ביי א ארימאן אן עם הארץ א פראָסטאַק. און צו אלעמענס ערשטוינונג האט דער רבי זיך אויסגעקליבן איינצושטיין דווקא ביים פראסטן עם הארץ.

ווען מ'האט אים אויף דעם איבערגעפרעגט, ס'טייטש, כבוד התורה? האט דער אפטער רב ערקלערט:

— דער למדן און שיינער איד, איז א בעל גאווה, אויף א בעל גאווה שטייט — דאס דער אויבערשטער זאגט — אין אני והוא יכולים לדור במדור אחד" — איך מיט אים קענען נישט וואוינען אין איין וואוינונג. און אז דער אויבערשטער וויל ביי אים נישט וואוינען וויאזוי זאל איך וועלן דארט וואוינען?!

אבער ביי דעם ארימען פראסטאק, עם הארץ, זאגט דער אויבערשטער — „אני ה' השוכן אתם בתוך טומאותם" — איך ג־אט וואוין מיט זיי אפילו אין זייער אומווירדיגקייט, דאס מיינט אפילו זיי פירן זיך פראסט, נישט מיט אזא קדושה. און אז דעם אויבערשטן כביכול שטייט־אָן דארט צו־וואוינען זאל מיר נישט אנשטיין?!

פון די מעשה קען מען ארויסזען אויף ווי ווייט דער אפטער רב האט פיינט געהאט „גאווה".

דאס צווייטע, דער אפטער רב האט פארלאנגט דאווענען אין צייט, קריאת שמע זאגן אין צייט, נישט עובר זיין ח"ו דעם זמן פון שולחן ערוך.

דאס דריטע, ער האט שטארק געפאדערט לערנען פלייסיג, נישט פארברענגען די טייערע צייט מיט פלאַדעריי, יעדע מינוט וואס מ'האט צייט זאל זיין הייליג צולערנען תורה. אזוי ווי די חז"ל זאגן „לא עם הארץ חסיד" אן עם הארץ קען נישט זיין קיין חסיד.

* * *

די אלע דריי אויסגערעכנטע זאכן האט מען פארן אויג געזען ביים ריזשענער דאס פארקערטע.

געפירט האט ער זיך אין זיין שטוב מלכות׳דיג, מיט די גרעסטע רייכטום, לוקסוס און פוץ. וואס אין נארמאלן צושטאנד זענען דאס די זאכן וואס ברענגען צו „גאווה" שטאלץ און גרוס-האלטעניש.

געדאווענט האט דער ריזשענער שפעט נאכמיטאג, א סאך א סאך נאכ׳ן זמן.

לערנען האט מען דעם ריזשענער כמעט נישט געזען. ער פלעגט אוועקזיצן זיבן-אכט שעה אויף איין ארט, פאר אים אויפ׳ן טיש איז געשטאנען אָפן א „ספר הזוהר", אבער אין דעם האט ער אויך נישט אריינגעקוקט, נאר אדער ער איז געזעסן מיט פארמאכטע אויגן, אדער ער האט געקוקט מיט די אויגן ארויף, ווי אין הימל אריין.

א וודאי קען מען נישט ח"ו חושד זיין דעם הייליגן ריזשענער דאס ער האט מבטל געווען אפילו איין מינוט צייט אומזיסט. און אין אנבעלאנגט פון קענען לערנען האבן די גרויסע רבנים גאונים וועלכע זענען געפארן צום ריזשענער עדות געזאגט דאס דער רבי קען די גאנצע תורה אויף אויסענווייניג, ס׳איז נישט דאָ אן ארט אין ש"ס אדער אין פוסקים וואו דער רבי זאל נישט זיין אין דערהיים. אבער פארן אויג איז פארט אזוי געווען ווי אויבן דערמאנט. ממילא האבן מענטשן געקענט זאגן, אז מ׳לערנט נישט קען מען נישט, און אז דער ריזשענער קען אין גאנצן נישט לערנען ח"ו.

נאך דעם אלעמען, וואלט דאך געווען פארשטענדליך, דאס דער אפטער רב זאל זיין דער גרעסטער קעגנער פונ׳ם ריזשנער׳ס דרך. ער פירט זיך רחבות׳דיג ווי א מלך, וואס געווענלעך ברענגט עס צו גאווה. ער דאווענט נאכן זמן פון שולחן ערוך. מ׳זעט אים נישט לערנען תורה.

און דערצו איז דער אפטער רב געווען א גרויסער "מקפיד", א קריטיקער, ער האט נישט פארשוויגן קיין עוולה אפילו פונ׳ם גרעסטן.

און טראצדעם אלעם האט דער אפטער רב געהאלטן פונ׳ם

ריזשענער אויסערגעוויינליך. אלעס וואס מ׳האט אים דערציילט אויפ׳ן ריזשענער האט נישט געווירקט אפצווענדן זיין הארץ פון אים. פארקערט, ער איז געווען איינער פון זיינע גרעסטע פארטיידי־גער.

דער אפטער רב פלעגט אלעמאל זאגן:

— דער ריזשענער איז אן אויסנאם. קיינער קען זיך נישט גלייכן צו אים. וואס אנדערע טארן נישט, מעג ער יאָ.

מ׳האט דערציילט דעם אפטער רב, דאס דער ריזשענער דאווענט נאכמיטאג ביז גאנץ שפעט, און רעכינט זיך גארנישט מיט׳ן זמן פון שולחן ערוך. ס׳טייטש...

דער אפטער רב האט געענטפערט:

— א וודאי דארף א יעדער איד דאווענען אינ׳ם זמן פון שולחן ערוך, און חלילה פון דעם אפצוקערן. דער זמן איז געמאכט געווארן פאר אלעמען.

א חוץ דער ריזשענער! פאר אים איז נישט דא קיין אויס־געזעצטער זמן, ער קען דאווענען ווען ער וויל.

און דער אפטער רב האט דערקלערט אזוי:

— בעפאר אדם הראשון האט געזינדיגט, איז די גאנצע פיר און צוואנציג שעה פונ׳ם טאג געווען הייליג צו טאן דערין די עבודה פאר׳ן אויבערשטנס ווענן. דורכ׳ן חטא פון אדם הראשון איז די „צייט" נתגשם געווארן און פאראומווירדיגט געווארן. ביז ס׳איז געקומען אברהם אבינו און האט אפגערייניגט א באשטימטע צייט פאר „תפלת שחרית". דערנאך איז געקומען יצחק אבינו און האט אפגערייניגט א באשטימטע צייט פאר „תפלת מנחה". און יעקב אבינו האט אפגערייניגט א באשטימטע צייט פאר „מעריב".

ביי „מתן תורה" ווען אידן זענען געשטאנען ביים בארג סיני, זענען אלע נשמות פון אידן, און אויך דער „אוויר" פון דער „עולם הזה" אין גאנצן געלייטערט געווארן, אזוי אז ס׳איז שוין ווייטער נישט געווען שייך קיין אויסגעזעצטער זמן צו עבודת השם, דער גאנצער טאג איז געווען הייליג ווי פאר׳ן חטא פון אדם הראשון.

ביים חטא פון „עגל" איז ליידער אלעס צוריק „נתגשם" געווארן, און די „צייט" איז ווידער פאראומווירדיג געווארן. זענען געקומען די אנשי כנסת הגדולה און האבן צוריק אפגערייניגט און

צוריק געשטעלט אויסגעזעצטע זמנים פאר׳ן דאווענען, דאס זענען די „זמנים״ פון שולחן ערוך.

אבער דער ריזשענער — האט דער אפטער רב אויסגעפירט — זיין נשמה איז נישט געווען נישט ביים „חטא אדם הראשון״ און נישט ביים „חטא העגל״, איז פאר אים נישט שייך קיין זמן התפלה, אלע זמנים זענען פאר אים „קודש״ צום דאווענען.

* * *

ס׳איז כדאי דא צובאמערקן, אז כאטש דער ריזשענער אליין האט געדאווענט שפעט און נישט געקוקט אויפ׳ן זמן. האט ער אבער פון די חסידים יא פארלאנגט צו דאווענען אין צייט.

מ׳דערציילט, אז דער ריזשענער האט אמאל באמערקט א חסיד זיינעם דאווענען שפעט, נאכ׳ן זמן. האט ער אים מוכיח געווען, ס׳טייטש דו דאווענסט שפעט, ביזט עובר דעם זמן פונ׳ם שולחן ערוך?

האט דער איד געענטפערט מיט תמימות:

— איך פיר זיך אזוי ווי דער רבי טוט.

— דו גלייכסט זיך צו אונז? — האט דער רבי געזאגט פאר־וואונדערט — איך וועל דיר דערציילן א מעשה.

ס׳איז אמאל געווען א סוחר וואס ער איז אין גאנצן טאג ארומגעלאפן אין זיינע מסחרים און זייער שווער געארבעט, ער האט זיך אפילו נישט פארגינענ, זיך אפצושטעלן אין מיטן טאג אויף א שטיקל צייט און אפעסן געהעריג, ער האט נאר אזוי גייענדיג און לויפענדיג געכאפט עפעס אין מויל. פארנאכט איז ער אהיים געקומען אויסגעמאטערט און שטארק הונגעריג. ער בעט זיין ווייב זי זאל אים גרייטן צום טיש און געבן צו עסן. זאגט זי, דאס עסן איז נאך נישט פערטיג, זעצט ער זיך אוועק ווארטן.

ס׳גייט פאריבער א האלבע שעה, פרעגט ער, נו, שוין פארטיג?

— נאך נישט — ענפערט זי.

ער ווארט נאך א האלבע שעה. נו, שוין פארטיג?

— נאך נישט — איז געווען דער ענטפער.

אזוי ווארט ער אפ א צוויי אדער דריי שעה פארחליש׳טער־הייט און אויפגערעגט אויפ׳ן ווייב וואס זי לאזט אים אזויפיל ווארטן.

ענדליך דאס עסן איז פערטיג געווארן. זי דערלאנגט אים צום טיש איין מאכל נאכ'ן אנדערן. די מאכלים זענען אויסערגעווענליך געשמאק, ער באלעקט זיך פשוט די פינגער. פארגעסט ער שוין פון זיין גאנצן כעס אויף זיין ווייב, אדרבה, ער זאגט איר:

— האסט מיך טאקע געלאזט ווארטן הונגעריגערהייט, אבער ס'איז כדאי געווען, פאר אזא עסן ווי דו האסט מיר אהער געשטעלט איז כדאי צו ווארטן.

דער שפיל חזר'ט זיך איבער איין טאג נאכ'ן אנדערן, ווייל זי האט שוין אזא געוואוינהייט צו פארשפעטיגן זיך מיט'ן קאכן.

איז אמאל געזעסן ביי איר א שכנה, און צוגעקוקט זיך צו איר ווירטשאפט, ווי זי לאזט ווארטן דעם מאן א היבשע צייט, ביז זי ווערט פארטיג מיט'ן צוגרייטן דאס עסן. האט זי ביי זיך געקלערט, וואס דארף איך זיך אזוי צו איילן מיט'ן קאכן, אז ס'זאל אלעס זיין פינקטליך גרייט ווען מיין מאן קומט אהיים פון דער ארבעט. איך קען אויך טאן אזוי ווי די שכנה, נישט געפערליך, ער מעג אויך אביסל צווווארטן ווילאנג איך וועל מיר פאמעלעך אפקאכן.

עס איז טאקע אזוי געווען. איר מאן איז אהיים געקומען פארנאכט מיד און הונגעריג און געבעטן צו עסן.

ווּעסט מוחל זיין א ביסל צו-ווארטן — האט זי אים געזאגט — כ'גיי ערשט צושטעלן צו קאכן. די שכנה פירט זיך אויך אזוי מיט איר מאן, זי יאגט זיך נישט פערטיג צו מאכן דאס עסן אויף ווען דער מאן קומט אהיים, און ער נעמט עס אָן באהבה.

נו, א ברירה האט ער געהאט? ער האט זיך אוועקגעזעצט און געווארט. ערווארט א האלבע שעה, א שעה, אנדערהאלבן שעה. די נשמה איז אים שיעור ארויס פאר הונגער.

ענדליך צו די צוויי שעה איז זי פערטיג געווארן. זי דערלאנגט אים צום טיש. עס איז א טעלער בעבלעך ס'פעלט זאלץ און פעפער ס'האט קיין טעם און קיין ריח.

נעמט ער זיך צוקריגן און שרייען:

— אויף דעם האסטו מיך געלאזט אזוי ווארטן? די טעלער בעבלעך וואס דו קאכסט אפ, וויזוי דו קאכסט שוין, קענסטו מיר דאס נישט כאטש צושטעלן צו דער צייט? דארף איך זיצן פאר-חליש'טערהייט און ווארטן אויף דעם אזוי לאנג?!

דו פאַרגלייכסט דיך צו די שכנה?! — האָט ער ווייטער געליאַרעמט —— די שכנה לאָזט אים טאַקע וואַרטן, אָבער דערנאָך שטעלט זי אים אָהער אַ סעודה וואָס ער באַלעקט זיך די פינגער, ער קלערט ביי זיך, פאַר אַזאַ עסן וואָלט איך געוואַרט אפילו נאָך אַ שעה. אָבער פאַר דיינע זויערע בעבלעך זאָל איך נאָך דאַרפן זיצן און וואַרטן אַזוי לאַנג?!

דעם נמשל וועסטו שוין אַליין פאַרשטיין — האָט דער ריזשענער אויסגעפירט צו דעם חסיד.

— ו —

מ׳האָט דערציילט דעם אַפּטער רב, דאָס דער ריזשענער לערנט נישט. שעה׳ן אויף שעה׳ן זיצט ער אַוועק מיט׳ן עולם און רעדט, אָדער ער זיצט ביי זיך אין שטוב און טראַכט, נאָר לערנען תורה זעט מען אים נישט.

בעסער געזאָגט, די מעשה איז אַזוי געווען.

צוויי אַפּטער חסידים זענען אַמאָל אַדורכגעפאָרן „ריזשן". האָבן זיי ביי זיך געקלערט, זיי וועלן אַריינגיין אַביסל צום ריזשענער, זען ווי ס׳פירט זיך עפּעס דאָרטן. זיי האָבן נאָכגעקוקט דעם ריזשע־נער אַ גרויסן חלק פון׳ם טאָג און נישט געזען אים לערנען. דערנאָך האָט דער ריזשענער זיך אַוועקגעזעצט מיט די חסידים אויף אַ פאַרברענגעניש. מ׳האָט די צוויי פרעמדע אידן אויך פאַרבעטן צוזעצן זיך ביים טיש. דער ריזשענער איז אָפּגעזעסן אַ פּאָר שעה מיט׳ן עולם. די צוויי חסידים האָבן זיצנדיג ביים טיש מהרהר געווען „אַ מין געפירעכץ פון אַ רבי׳ן, מבטל תורה זיין אַזויפיל שעה׳ן און שעה׳ן". דער הייליגער ריזשענער האָט מרגיש געווען זייערע גע־דאַנקען, האָט ער זיך פּלוצים אָנגערופן:

— אַפּטער חסידים הערט אויס אַ מעשה.

עס איז געווען אַמאָל אַ גרויסער מעכטיגער מלך, וועלכער האָט רעגירט איבער אַ סך מדינות, זיין רייכטום און זיין רום איז געווען זייער גרויס.

האט ער אלץ געקלערט, וואס זאל ער טאן כדי זיין גרויסקייט און מעכטיגקייט זאל אפקלינגען איבער דער גאנצער וועלט?

האט ער זיך דערטראכט, דאס ער וועט לאזן אויפבויען א קעניגליכן הויף מיט א זעלכע וואונדערליכע פאלאצן, וואס ס'איז נישט דא זייער גלייכן איבער דער גאנצער וועלט.

ער האט באשטעלט אינזשענירן, ארכיטעקטן, פאכלייט, קונסט־ארבייטער די בעסטע און דער וועלט. און מ'האט זיך גענומען צו דער ארבעט. יארן נאך יארן האט מען געארבעט אויף אויפצושטעלן דעם קעניגליכן הויף מיט אירע אויסטערלישע וואונדערליכע פאלאצן, און וועלכן ס'האט געשטעקט קונסט איבער קונסט ווערק. נישט נאר די פאלאצן פון דרויסן זענען געווען פול מיט קינסטליכקייט מיט זייערע אויגפארבלענדעטע פארשידנארטיגע גאלדענע טורעמער, נאר יעדער צימער באזונדער איז געווען א שטיק קונסטארבעט, באדעקט די ווענט מיט אלערליי אויסצירונגען און ארכיטעקטישע אויסקריי־צונגען און מיט גאלדענע און בריליאנטענע אויספוצונגען.

און די פארשידענע באפוצטע קארידארן און קינסטליכע היילן וואס האט פארבונדן ווי א קייט אלע פאלאצן אין איינעם.

מ'האט געקענט ארומגיין טעג אינ'ם קעניגליכן הויף צו וועלן שטודירן און זיך באקענען מיט די אלע שיינע קינסטליכע אויסטערלישקייטן.

ס'פארשטייט זיך אז דער מלך איז מיט דעם בארימט געווארן איבער דער גאנצער וועלט. מענטשן פון אלע עקן פון די מדינות, וועלכע האבן דערצו די צייט און מעגליכקייט, האבן זיך געלאזט אין וועג אריין אנצוקומען אין רעזידענץ שטאט, זיי זאלן קענען אריינקומען אויף א ווײלע אין דעם קעניגליכן הויף און אנזעטיגן זיך די אויגן און דאס הארץ פון די אלע שיינקייטן. יעדער לויט זיין באגריף און פארשטאנד צו קענען באגרייפן עפעס פון די אויסטער־לישע זאכן, און פון די קינסטלערישע וועגן וואס ס'האט זיך געדרייט און געשלענגלט פון איין פאלאץ אין דער אנדערער.

די באוואונדערונג פון די באזוכער איז געווען אומגעהויער, זיי האבן אלע איינגעזען די גרויסקייט און מעכטיגקייט פונ'ם מלך אז ער האט דאס געקענט באווייזן און אהערשטעלן. און זייער ליב־

שאפט און אונטערטעניגקייט צום מלך איז דורכדעם געשטיגן ביז גאר.

דער מלך האט געוואלט אז אלע מענטשן פון אלע מדינות אין זיין קעניגרייך, זאלן קענען האבן א באגריף אין זיין קעניגליכן הויף פון די אלע אויסטערלישע קונסטלערישע פאלאצן און אויסגע־צירטע צימערן, אפילו דער פראסטער פויער פון א פארשטופטע דארף און אויך דער ארימסטער מענטש, וואס האבן נישט די מעגליכקייט צוקומען אינם רעזידענץ שטאט, און אפילו ווען זאלן קומען וועט מען זיי נישט ארייננלאזן אינם קעניגליכן הויף.

האט דער מלך באפוילן צו מאכן א מאפע, וואס אויף די מאפע זאל זיין אין קליינעם אויסגעמאלן און באצייכנט פינקטליך דער גאנצער אינהאלט פון די אלע פאלאצן און צימערן מיט זייערע באפיצונגען און שיינע אויסצירונגען, און די אלע קארידארס, און היילן וואס פארבונדן די פאלאצן איינער מיטן אנדערן קונסטלעריש א.א.וו. מיט גענויע ערקלערונגען, און באמערקונגען צו איעדע זאך. דאמיט וואו א מענטש זאל זיך געפינען ווייט פונם קעניגליכן הויף זאל ער קענען דורך די מאפע האבן א באגריף אין די קעניגליכע פאלאצן און דאדורך פארשטיין דעם מלך'ס גרויסקייט.

די מאפע איז ארויסגעקומען זייער געלונגען, דאס האט טאקע אין קליינעם אנטהאלטן אלע פאלאצן און אלע קונסטלערישע זאכן פונ'ם קעניגליכן הויף. דער מלך האט געהייסן צו טיילן און צושיקן די מאפע איבער אלע לענדער פון זיין קעניגרייך, דאס יעדער זאל דאס האבן און ער זאל דאס שטענדיג ארומטראגן מיט זיך.

אפילו די באדינערס פונ'ם קייסער וועלכע קומען אריין איעדן טאג אויף א באשטימטע צייט אין די היכלי המלך, און קענען אלעס זען מיט זייערע אויגן, האבן אויך געדארפט ארומטראגן מיט זיך די מאפע, כדי די צייט ווען זיי געפונען זיך נישט אין די היכלי המלך, זאלן זיי זיך אויך קענען דערקוויקן מיטן קוקן און שטודירן די מאפע, צו האבן א באגוי'ף אין די גרויסקייט און מעכטיגקייט פון מלך.

עס איז אבער דא א זעלכע אינעווייניגסטע „משרתי המלך" וואס דער מלך קען זיך אָן זיי נישט באגיין, די דארפן שטענדיג וואוינען אין די היכלי המלך, כדי זיי זאלן אלעמאל גרייט זיין צו

באדינען דעם מלך. די דאזיגע באדינער פון מלך זענען פטור פון ארומטראגן מיט זיך די מאפע, ווארים זיי קענען דאך אויסענווייניג דעם גאנצן אינהאלט פונ׳ם מאפע, זיי זעען דאך דאס שטענדיג מיט זייערע אויגן, זיי באגרייפן און באקענען זיך מיט די אלע וואונדער־ליכע זאכן פון די היכלי המלך אין ווירקליכקייט, און דארפן נישט אנקומען צו א מאפע.

דעם נמשל האט דער ריזשענער, ווי זיין שטייגער, נישט אויסגעפירט, דאס האט ער געלאזט צו די חסידים. ער האט פארענ־דיגט דאס פארברענגען, און איז אריין צוריק אין זיין צימער.

די צוויי אפטער חסידים האבן זיך צוגעבויגן איינצוהערן זיך ווי די געהויבענע ריזשענער חסידים זענען מפרש דעם נמשל פון די מעשה:

— די תורה הקדושה איז די „מאפע" כביכול פונ׳ם קעניגליכן הויף דאס זענען די עולמות עליונים. דער ענדגילטיגער ציל פון לערנען און מייגע זיין זיך איבער די תורה איז „לדבקה בו" — צו האבן א השגה אין די היכלי המלך מלכי המלכים הקב"ה, און באגרייפן זיין גרויסקייט כביכול. אבער דער באדינער פון מלך וואס ער געפינט זיך שטענדיג אינ׳ם היכל המלך, דאס מיינט, דער דאזיגער צדיק וועלכער איז שטענדיג דבוק אין הקב"ה, דארף נישט אנקומען צו די מאפע, דאס מיינט, צו לערנען די תורה הקדושה, ער ווייס סייווי דעם גאנצן אינהאלט פון די מאפע אויף אויסענווייניג, ער זעט דאס און בא־גרייפט דאס שטענדיג פאר זיך מיט די אויגן אין ווירקליכקייט זייענ־דיג תמיד אין היכל המלך.

די ריזשענער חסידים האבן געוואוסט גענוי דאס דער רבי האט דערציילט דעם משל, צוליב די צוויי אפטער חסידים. ווארים פאר זייערעט וועגן האט דער רבי נישט געדארפט גארנישט ערקלערן און זיך מתנצל זיין מיט משלים, זיי — די ריזשענער חסידים — האבן קיינמאל חלילה נישט מהרהר געווען נאך זייער רבי׳ן, זיי האבן געוואוסט דאס ער איז „קודש קדשים" מיט אלע זיינע וועגן און אויפפירעכצער.

די צוויי אפטער חסידים האבן נישט פארנומען די רייד פונ׳ם ריזשענער, ס׳איז זיי גארנישט אריין אין הארץ דער משל. און, ווען

זיי זענען צוריק געקומען צו זייער רבי׳ן דער אפטער רב, האבן זיי דערציילט פאר זייער רבי׳ן וואס זיי האבן געזען און געהערט אין ריזשן, און אז דער ריזשענער לאָ די וואס ער לערנט נישט, האט ער נאך דערציילט א מעשה מיט א משל, וואס פון דעם קומט אוים דאס ער דארף גארנישט לערנען די תורה, דער „נותן התורה" אויפ׳ן בארג סיני האט גארנישט געמיינט אים...

אבער צום אנטשטוינונג פון די חסידים, האט דער אפטער רב געענטפערט:

— דער ריזשענער איז דאך זייער גערעכט, ער דארף נישט זיצן איבער די גמרא און לערנען ווי מיר טוען, ער קען די גאנצע תורה פון אויסענווייניג נאך פון געבוירן אָן.

און דער אפטער רב האט דערקלערט אזוי:

— די חכז״ל זאגן, דאס בעפאר א נשמה דארף אראפקומען אויף דער וועלט, לערנט מען איר די גאנצע תורה פון אנהייב ביז׳ן סוף אויף אויסענווייניג. און ווען דאס קינד קומט ארוים אויף דער וועלט קומט א מלאך און גיט אים א שנעלקע העכער די ליפן, דורכדעם פארגעסט דאס געבוירענע קינד די תורה וואס ה׳האט מיט אים געלערנט, און ער מוז אנהייבן אויפסניי.

אים דעם ריזשענער — האט דער אפטער רב אויסגעפירט — האט דער האזיגער מלאך נישט געגעבן א שנעלקע, איז ער געבליבן מיט די גאנצע תורה, ער קען אלעם אומגעלערנט.

נאך האט דער אפטער רב מוסיף געווען:

— מיר געפינען אין אגדת בראשית (פ׳ פ״ג) — לעתיד לבא וועט מען זיך וואונדערן און פרעגן, וואס איז דאס מיט דעם מענטש, וואס מ׳האט אים נישט געזען לערנען קיין תורה קיין גמרא, און איצט זיצט ער צוזאמען מיט די אבות הקדושים און רעדט מיט זיי???

און דער אויבערשטער וועט ענטפערן:

— וואס וואונדערט איר אייך? דאס האבן זיי זוכה געווען, ווייל זיי האבן געהאַרכט צו מיר ביי זייער לעבן.

איך שווער ביי די באָרד — האט דער אפטער רב אויסגעפירט, אנכאפנדיג זיך ביי די באָרד — דאס דער מענטש וואס דער מדרש מיינט איז דער ריזשענער רבי.

— ז —

דאס אינטערעסאנטסטע פון אלעמען איז, ווי ווייט מ׳קען זען — מעשה שטן — דעם גרויסן כח פון יצר הרע. דאס טראַץ די אלע שיינע רייד וואס דער אפטער רב האט געזאגט אויפ׳ן ריזשענער, און האט אים פארטיידיגט מיט די העכסטע און שענסטע פארטיי־דיגונגען. פונדעסוועגן האט זיך געמאכט רייבונגען און קליינע מחלוקת׳ן צווישן אפטער חסידים און ריזשענער חסידים.

דער שורש האט זיך גענומען פון דעם. ווייל לכאורה איז דאך דעם אפטער רב׳ס דרך געווען דער היפך פונ׳ם ריזשענער דרך. ס׳איז געווען שטארק א קעגן ברייטקייט און אויסברענגעריי וואס דאס ברענגט צו „גאווה״. און שטארק געבויט אויפ׳ן שולחן ערוך, צו דאווענען אין צייט וכדומה. און שטארק געשטעלט אויף „התמדת התורה״ צו לערנען פלייסיג.

איז, דאס אליין האט צוגעברענגט, אז מענטשן האבן גערעדט דאס דער אפטער רב גלייכט נישט דעם ריזשענער דרך. און ס׳איז שוין געווען מענטשן וואס האבן דערציילט, דאס דער אפטער רב האט זיך ארויסגעזאגט מיט א שטארקן קריטיג אקעגן ריזשענער דרך.

די גרויסע שיינע אייסערונגען, און פארטיידיגונגען פונ׳ם אפטער רב אויפ׳ן ריזשענער, דאס האט דאך דער אפטער רב געזאגט ביי זיך אין שטוב, אין די גאס האט מען פון דעם נישט אזוי שטארק געוואוסט. אפשר זענען די אפטער חסידים נישט געווען אזוי פאראינ־טערעסירט דאס מפרסם צו זיין.

איבערהויפט די חסידים וועלכע האבן געהאט א כוונה לשם שמים, זיי האבן געהאלטן פאר א מצו׳ה אפצוהאלטן, דאס דער דרך פון רחבות און לוקסוס זאל זיך נישט צושפרייטן ביים פאלק, ווארום דאס קען ברענגען צו זייער שעדליכע פאלגן.

פאר די איז א וודאי געווען דאס גרינגסטע צושיסן מיט׳ן אפטער רב, דאס דער אפטער רב איז קעגן דעם דרך, ווי יעדער האט דאס טאקע געקענט אזוי זען אין אלגעמיין. און דעם אפטער רב׳ס ווארט און מיינונג איז געווען זייער וואַגיג און מאסגעבנדיג אלס דער „זקן הדור״.

דער „פועל יוצא״ פון די זאכן איז געווען, דאס מ׳האט כסדר אנגעברענגט שמועות אינ׳ם ריזשענער הויף, דאס דער אפטער רב האט דאס געזאגט, האט יענץ געזאגט, א קעגן דעם הייליגן ריזשענער.

א טייל ריזשענער חסידים, איבערהויפט די שארפע יונגעלייט, האבן דאס אלעס גענומען פאר גוט געלט, דאס אין אפטא גייט מען ארויס א קעגן זייער רבי׳ן. און מ׳דארף זיך נישט לאזן, מ׳דארף צוריק אפענטפערן. מ׳דארף זיך אננעמען פארן כבוד פונ׳ם רבי׳ן.

אזוי האט זיך אנגעהויבן צושפינען א מחלוקת צווישן ריזשן און אפטא.

די געהויבענע ריזשענער חסידים האבן זיך נישט געלאזט איינרעדן. זיי האבן געוואוסט דעם אמת אז דאס איז נישט מעגליך. דער אפטער רב האט זיכער גארנישט געזאגט א קעגן דעם ריזשענער רבי׳ן, אדרבה ואדרבה... האך האבן זיי גארנישט געקענט טאן אויף אפצושטעלן דעם פייער פון מחלוקת, וואס האט זיך אנגעהויבן צו־ביסלעך אלץ מער און מער צו פערשפרייטן.

ס׳איז שוין אזוי ווייט געקומען, דאס א טייל פון די איידילע חסידים זענען שוין אויך נישט געווען ביי זיך אזוי פעסט און זיכער, אז דער אפטער רב האט טאקע גארנישט געזאגט, וואס קען מען וויסן? „ברית כרותה ללישנא בישא״... אפשר האט טאקע דער אפטער רב מקבל געווען עפעס נישט גוטע רייד אויף זייער רבי׳ן.

ס׳איז שוין געווען א זעלכע שליחים פון „בעל דבר״, וואס האבן געזארגט אויף דעם דאס ס׳זאל עפעס אנקומען אין די אויערן פונ׳ם ריזשענער אליין, ס׳הייסט אז דער אפטער רב איז עפעס נישט צופרידן מיט אים איבער זיין דרך, און לאזט פאלן ווערטער א קעגן אים.

אויבצוואר דער הייליגער ריזשענער איז געווען פעסט ביי זיך מיט זיין דרך, און אין דעם היִנזיכט האט ער זיך ווייניג גערעכנט מיט די גאנצע וועלט, זאל זיין ווי גרויסער רב, ווי גרויסער רבי, אבער נישט מיט׳ן אפטער רב! דער אפטער רב איז אן אויסנאם.

מיט׳ן אפטער רב האט זיך דער ריזשענער שטארק גערעכנט. דאריבער האט אים טאקע שטארק וויי געטאן, ווען ס׳איז דערגאנגען

צו זיינע אויערן, אז דער אפטער רב איז עפעס נישט שווי׳ בשוו׳ מיט אים.

די זאך האט זיך אזוי געצויגן. די באציאונגען צווישן ריזשע־נער חסידים און אפטער חסידים זענען געווען אנגעצויגענע.

ביז די זאך האט דערגרייכט צו א קלימאקס פונקט.

* * *

א ריזשענער חסיד א יונגערמאן איז אים אויסגעקומען צו זיין אין מעזשיבעזש א פאָר טאָג. דארט האט דער אפטער רב געפירט זיין רבי׳סטווע אין יענע צייטן, אויף דער עלטער. בעפאר דער יונגער־מאן האט פארלאזט מעזשבעזש, האט זיך אים פארגלוסט אריינצוגיין א ביסל אין אפטער בית המדרש, זען וואס טוט זיך עפעס דארט צווישן די אפטער חסידים.

ווען ער איז אריין אין בית המדרש האט ער דארט געפונען א חברה חסידים זיצן ביי א טיש און שמועסן. ער האט צוגעלייגט אן אויער, האט ער געהערט ווי מ׳רעדט פון רבי׳ן רבי ישראל׳טשע מיט א געלעכטער און א שפאס. דעם יונגערמאן דער ריזשענער חסיד איז געקומען דאס בלוט אין פנים אריין, עס איז דאך קלאר אז דאס רעדט מען דא פון זיין רבי׳ן, מיט אזא בזיון׳דיגן אופן.

פלוצים עפנט זיך א טיר, ווי ס׳זעט אוים איז דאס געווען פונ׳ם רבי׳נס צימער, און דער אפטער רב קומט אריין, ער גייט צו צום טיש און אינטערעסירט זיך וואס מ׳רעדט, זיי האבן זיך נישט געקענט ארויסדרייען, און איינער שטאמילט ארוים פארן רבי׳ן דאס מ׳האט גערעדט פון דעם נייעם רבי׳ן ר׳ ישראל׳טשע. און צולאכט זיך דערביי.

זאגט דער רבי: — איי וואס רעדט איר פון ר׳ ישראל׳טשע דער שוטה, איר זענט מבטל די צייט איבער פוסטע זאכן, ליבערשט נעמט א גמרא און לערנט עפעס צוזאמען.

דער יונגערמאן האט זיך שוין א סעקונדע מער נישט אויפגע־האלטן, ער האט געפילט אז אדער ער וועט אויסברעכן אין א שטורעם, אדער חלילה דאס הארץ וועט אים פלאצן. ער האט זיך א דריי־אוים

געטאן און געלאפן ארוים ווי א צומישטער. די חסידים האבן ערשט דעמאלס באמערקט, דאס איינער עפעס א פרעמדער איז דא געווען.

ווען דער יונגערמאן איז צוריקגעקומען אויף ריזשן צו זיין רבי׳ן, אין א פאר מינוטן האבן אלע חסידים אין דער גאנצער ריזשער הויף געוואוסט וואס אין אפטא איז פארגעקומען. עס איז דא דער לעבדיגער עדות וואס האט געהערט מיט זיינע אויערן ווי דער אפטער רב „בכבודו ובעצמו" האט געזאגט אויפ׳ן ריזשענער דאס ער איז א ש...!!! שומו שמים!!!.

און וואס קען מען שוין דערווארטן פון די חסידים?!

דא האט שוין נישט געהאלפן, וואס די עלטערע און איידעלע חסידים האבן פרובירט איינצושטילן און פארגלעטן. די היציגע חברה האבן זיי באפאלן:

— איר וועט אונז נישט פארדעדן די ציין! איר קענט קריכן אין הימל וויפיל איר ווילט, אבער דא רעדט איצט דער „פאקט". דא שטייט פאר אונז דער איד „מאנשי שלומנו" וואס ער האט אליין געהערט מיט זיינע אויערן, דער אפטער רב אליין האט געזאגט אויפ׳ן רבי׳ן דאס ער איז... אוי אוי אוי! מ׳זאל אפגעהיט ווערן. אוי וויי! ווי מ׳האט נישט מורא פאר דעם וואס אייביג לעבט?! די מלאכים פון הימל וועלן זיך ספראווען פאר אונזער הייליגן רבי׳ן.

די עלטערע חסידים האבן טאקע נישט געקענט עפענען א מויל, זיי האבן זיך אליין פארלוירן, זיי האבן געשוויגן און געקרענקט אין הארצן פאר גרוים צער, ווי נאך א שריפה רח״ל. איבערהויפט אז דער איד וועלכער האט געבראכט די שמועה, איז גראדע אן איידילער מענטש, קיינער וואלט אים נישט פארדעכטיגט אויף צו זאגן א שקר, אויסטראכטן זיך עפעס א זאך אליין חלילה.

ס׳האט נישט לאנג גענומען ביז די זאך איז אנגעקומען אינ׳ם ריזשענער׳ס אויערן.

דער ריזשענער האט אריינגערופן צו זיך דעם יונגערמאן.

זאג נאר — האט אים דער ריזשענער געפרעגט — דו האסט דאס אליין געהערט מיט דיינע אויערן דאס דער אפטער רב האט געזאגט אויף אונז „שוטה"?

מיט דעם יונגערמאן האט געווארפן דאס קדחת, און דאס לשון איז אים אפגענומען געווארן פאר שרעק.

ענטפער קלאר, האב נישט קיין מורא — האט אים דער ריזשע־נער דערמוטיגט.

דער יונגערמאן האט אויסגעבראכן אין א געוויין, און געשריגן מיט א קול:

— „יא"!

נו גיי געזונטערהייט — האט אים דער ריזשענער ארויס־געשיקט.

דער ריזשענער איז געווארן שטארק צוקאכט פון די מעשה. ס'האט אים זייער וויי געטאן וואס ער האט פארלוירן דאס ידידות פונ'ם אפטער רב, און וואס דער אפטער רב באציט זיך צו אים אזוי. ער האט געפילט אויך א פאדרוס אין הארצן אויפ'ן אפטער רב.

ס'טייטש — האט ער געזאגט צו זיך — דער אפטער רב טוט אים פאראורטיילן „שלא בפניו", אז ער האט עפעס א קעגן זיין דרך, וואלט ער געדארפט אים קודם אויסהערן, און זיך דורכרעדן מיט אים. נישט מבזה זיין אים אזוי ברבים.

די גאנצע זאך איז נישט צופארשטיין — האט דער ריזשענער ביי זיך געקלערט — דער אפטער רב איז באוואוסט פאר א גרויסן „אוהב ישראל", און דא א קעגן אים האט זיך אלעם געענדיגט?! אויפ'ן ססך פון עפעס א פאלשע שמועה וואס א בעל רכילות'ניק האט אים איבערגעגעבן, איז ער אים שוין „יורד לחייו" און טוט אים טיטולירן ווי א לעצטע קלאס?!

דער ריזשענער האט זיך א גאנצע וואך נישט באוויזן אין דרויסן, און נישט אריינגעלאזט צו זיך. די חסידים האבן געוואוסט פארוואס. א גרויס צער איז געווען אויסגעגאסן אויפ'ן גאנצן הויף.

ס'איז געווארן פארופן אן אסיפה, פון געקליבענע איידילע רי־זשענער חסידים. ס'האבן זיך פארזאמלט א פאר צענדליגע חסידים פון דער שפיץ פון די חסיד'ארניע. צווישן זיי עטליכע מפורסם'דיגע רבנים גאונים. און אויך עטליכע זקנים וועלכע זענען נאך געפארן צום פאטער פונ'ם ריזשענער דער הייליגער צדיק רבי שלום שכנא פרובישטער, און אויך צום זיידן דער „מלאך הקדוש", און צום הייליגן צדיק רבי נחום מטשערנאבל זצוק"ל.

דער תכלית פון די אסיפה איז געווען, צופלאנעווען א דרך וויאזוי אויסצוגלעטן צוריק די הערצער פונ'ם ריזשענער און דער אפטער רב.

די עלטערע חסידים „בעלי דעת" האבן מסביר געווען, אז מ'וועט נישט טאן עפעס באצייטנס אין דעם אנגעלעגנהייט, וועט אויסברעכן א גרויס פייער צווישן די צוויי מחנות, ריזשן און אפטא, וואס מ'וועט שוין נישט קענען לעשן, און דאס וועט פאראורזאכן גרויסע שאדנס און חורבנות אויפן געביט פון חסידות און אידישקייט.

און איצט קען מען נאך זיכער עפעס טאן — האבן ערקלערט די עלטערע געזעצטע חסידים — מ'מוז אננעמען אז מ'האט איבערגעגעבען פארן אפטער רב פאלשע באריכטן איבער'ן דרך פון אונזער רבי'ן דער הייליגער ריזשענער, און ער איז דערפון בעאיינפלוסט געווארן. אבער מ'קען דעם אפטער רב נאך אויסרעדן און איבערווייזן אנדערש, און דאס ידידות וועט זיך צוריקשטעלן.

אבער ווער זאל דאס זיין, וואס זאל קענען דעם אפטער רב אויס־רעדן אין בעאיינפלוסען לטובה? — איז געווען די פראגע ביי די אסיפה ס'קען זיין אז ס'איז שוין ביים אפטער רב אזוי איינגעבאקן, דאס פון א ריזשענער חסיד וועט ער שוין נישט אויפנעמען קיינע רייד.

דער רבי זאל דאס זיין — האבן אלטע חסידים געזאגט — ס'וועט גארנישט זיין קיין „פחיתת הכבוד" ווען דער רבי וועט — פארן אויבערשטנס וועגן — טאן דעם שריט, אריבערפארן צום אפטער רב — דער זקן הדור — און זיך א דורכרעדן מיט אים גרינדליך און אפנ־הארציג. דעמאלס וועט זיך צוריקשטעלן דער שלום, און ס'וועט זיין א קידוש השם.

די היציגע און יונגערע חסידים האבן זיך פרובירט א קעגנשטעלן:

— ס'טייטש דער רבי, וואס ער איז דער גרעסטער אין דור, ווי דער אפטער רב אליין האט אויף אים אמאל מעיד געווען, זאל פארן, און זיך מכניע זיין פאר א צווייטן? ! דאס איז אן עלבון (א שאנד) פאר די קדושה. און דערצו נאך, איז דאך דער אפטער רב דער אנגרייפער, פאר גארנישט און פאר נישט.

אבער דער „שכל הישר" פון די עלטערע חסידים האט געזיגט:

— א יונגערער דארף פארן צום עלטערן. מדריגות איז שווער צו מעסטן. די אפטער חסידים האלטן אז זייער רבי איז דער גרעסטער אין דער וועלט, פונקט ווי מיר האלטן אויף אונזער רבי'ן. איינס איז זיכער דאס דער אפטער רב איז דער עלטערער. ער איז דער „זקן הצדיקים".

איי וואס דער אפטער רב איז דער אנגרייפער, ער איז ארוים א קעגן אונזער רבי׳ן, דער אפטער רב מיינט עס א וודאי לשם שמים, לויט די אינפארמציע וואס ער האט באקומען קען ער האלטן אז צו באקעמפן אונזער רבינ׳ס דרך איז די טובה פארן חסידות און ס׳איז א רצון השם.

בקצור, ס׳איז באשלאסן געווארן ביי די אסיפה, דאס דער איינציגער וועג אויף צוריק צו שטעלן דעם שלום איז, אז דער רבי זאל אריבער פארן צום אפטער רב, און זיך מיט אים א דורכרעדן, און ס׳וועלן אויך מיטפארן, מפני כבודו פונם רבי׳ן, א פאר צענדליגע חסידים.

איצט האט זיך אוועקגעשטעלט א שאלה:

— ווער וועט איבערגעבן דעם באשלוס פארן רבי׳ן?

דאס האט זיך שוין קיינער נישט געוואלט אונטערנעמען, אפילו צוזאמען מיט אנדערע. דאס הייסט דאך, ווי מ׳זאגט דיעות דעם רבי׳ן. אפשר וועט דער רבי האבן הקפדה?! אפשר פילט ער אין הארצן אזא פארדרוס און „חלישת הדעת" דאס ער וועט זיך אפזאגן פון צו טאן אזא שריט.

די פראגע האט זיך אוועקגעשטעלט ווי א וואנט, מ׳האט נישט געוואוסט ווי מ׳גייט ווייטער.

ביז איינער פון די עלטערע חסידים האט אויסגעקלערט א פלאן, וואס איז פאר אלעמען געפעלן געווארן.

מ׳זאל רעדן מיט די מוטער פון רבי׳ן, וועלכע האט געוואוינט צוזאמען מיט׳ן ריזשענער, זי האט געהאט א באזונדערע וואוינונג פאר זיך אינ׳ם ריזשענער הויף. מ׳זאל מיט איר גרינדליך דורכרעדן די גאנצע זאך, און אויך איבערגעבן איר דעם באשלוס פון די חסידים, זי וועט דאס א וודאי פארשטיין, און בעטן איר אז זי זאל גוזר זיין אויפן רבי׳ן „בגזירת כיבוד אם" אז ער מוז מסכים זיין אריבער צופארן צום אפטער רב, און זיך א דורכרעדן מיט אים כדי אויסצוגלייכן די הערצער.

מ׳האט אזוי געטאן, די אלטע רעבעצן, דעם ריזשענערס מוטער האט טאקע צוגעשטימט צו דער זאך מיט׳ן גאנצן הארץ, ווארים זי אליין איז געווען א שטארקע חסיד׳עסטע פונ׳ם אפטער רב, נאך פון די פריערדיגע צייטן, און זי איז געווען שטארק פאראינטערעסירט אז ס׳זאל אוועקגעשטעלט ווערן א שלום און ידידות צווישן ריזשן און אפטא.

זי איז אריין צו איר זון דער ריזשענער, זי האט אים ערקלערט, אז ס׳קען זיך אנצינדן א שטענדיגער פייער און מחלוקת צווישן ריזשן

און אפּטא, וואס ס׳וואט ברענגען גרויסע שאדנס אין אידישקייט, און נאר דער שטן קען דערפון געווינען. און זיכער שטאמט דאס פון דעם וואס מ׳האט פארן אפּטער רב אנגערעדט שלעכטע זאכן אויפן ריזשענער דרך. ס׳ליגט א פליכט נאך איצט אין אנהייב צו דערשטיקן די מחלוקה און צוריק שטעלן דעם שלום.

דאריבער איז זי אויף אים גוזר אלס „כיבוד אם" דאס ער זאל מאכן א באזוך ביים אפּטער רב „דער עלטסטער פון די צדיקים" און זיך מיט אים א דורכרעדן מיט ידידות, ווייל דאס איז דער איינציגער וועג אויף אויסצוגלייכן די מיספארשטענדענישן, און צוריק שטעלן דעם שלום צווישן די צוויי צדיקים.

דער ריזשענער איז נישט געווען אזוי אנטציקט פון דעם פּלאן, ווייל אין הארצן איז אים שוין געלעגן א ווייטאג און פארדרוס אויף אפּטא, ווי מיר האבן שוין אויבן געשריבן. אבער ער האט זיך נישט א קעגנגעשטעלט די מוטער׳ס באפעל, וועלכע ער האט שטארק פארערט און ליב געהאט. ער האט געגעבן זיין צושטימונג אויף צו באזוכן דעם אפּטער רב.

מ׳האט אויסגעפלאנעוועט פּינקטליך דעם דאטום פון׳ם פארן און קומען, און אלע איינצלהייטן וואס איז פארבונדן מיט די נסיעה. און מ׳האט געגעבן א פארשטענדיגונג אין מעזשיבעזש דאס דער ריזשענער קומט אויף א באזוך צום אפּטער רב. ער וועט אנקומען דעמאלס און דעמאלס, דעם טאג און אין די שעה, אין די נאכמיטאג שעה׳ן.

* * *

ס׳איז געקומען דער טאג וואס מ׳האט געדארפט ארויספארן. דער ריזשענער האט געהייסן איינשפאנען אינ׳ם שענסטן קאַטשן זיי־נעם, וועלכעס איז געווען באדעקט און באצירט מיט גאלד און זילבער פון אלע זייטן. די רעדער פון קאַטשן און די לייצעס פון די פערד זענען געווען פון ריין גאלד. און אזוי נאך אנדערע באשטאנד טיילן.

ס׳האט זיך נאך אויסגעשטעלט א זיבן אדער אכט פיאקערס פון די פארנעמסטע חסידים, וועלכע זענען מיטגעפארן באגלייטן דעם רבי׳ן.

דער רבי האט געהייסן, דאס דער יונגערמאן דער „בעל השמועה" וואס צוליב אים האט זיך אנטוויקלט די גאנצע זאך, זאל אויך מיטפארן. די חסידים האבן אים באַרואיגט, דאס ער האט נישט וואס מורא צו האבן, אויב ער האט נאר געזאגט דעם אמת. אז ער פארט מיט׳ן רבי׳ן צוזאמען,

איז ער באשיצט. אדרבה דורך אים וועט איצט, העכסטוואַרשיינליך, ארויסקומען דער אמת'ער שלום.

— ח —

אין דעם טאג ווען דער ריזשענער האט געדאַרפט אנקומען צום אפטער רב, האט דער אפטער רב גאַנץ פרי געלאזט רופן צו זיך זיין זון רבי יצחק מאיר, וועלכער איז שוין אליין אויך געווען א גרויסער צדיק, און שוין נישט געווען קיין יונגערמאַן. דער אפטער רב האט אים געזאגט, אזוי ווי דער הייליגער ריזשענער דאַרף היינט אנקומען צו אים אויף א באזוך, זאל ער מיט נאך א צען אדער פופצן פון די חשובע חסידים דינגען וועגענעס, און א קעגן פאָרן דעם ריזשענער ביז'ן ערשטן דאַרף הינטער מעזשיבעזש. און ער זאל זאגן דעם ריזשענער דייטליך, דאס ער —דער אפטער רב — האט אים צוזאַמען מיט די איבריגע חסידים גע־שיקט א קעגן פאָרן מקבל פנים זיין.

ווען דער ריזשענער מיט זיינע באַגלייטערס זענען אנגעקומען אינ'ם דאַרף הינטער מעזשיבעזש, האבן זיי שוין דאָרט געטראָפן וואַרטן אויף זיי די דעפּעטאַציע פונ'ם אפטער רב מיט רבי יצחק מאיר בראש.

רבי יצחק מאיר האט באַגריסט דעם ריזשענער מיט גרויס „יראת הכבוד", און איבערגעגעבן דאס דער פאָטער דער אפטער רב האט זיי געשיקט, אים — דעם ריזשענער רבי'ן — מקבל פנים זיין אין זיין נאמען.

דער ריזשענער איז געווען איבערראַשט פון דעם קבלת פנים. לויט ווי דער יונגערמאַן האט איבערגעגעבן אז דער אפטער רב האט גערעדט פון אים מיט אזא גרינגשעצונג, געזאגט אויף אים שוטה, איז דער קבלת פנים מיט דעם אין גאַנצן אין ווידערשפּרוך.

מ'איז געפאָרן אריין אין שטאָט מעזשיבעזש. ביים עק שטאָט האט מען בעגעגענט דעם אפטער רב שטיין און וואַרטן אנגעטאָן די שבת'דיגע מלבושים, מיט אן עדה פון א פּאָר הונדערט אידן.

דאס האט שוין דעם ריזשענער אין גאַנצן צורידערט. ווי פּאַרט זיך דאס עפעס, מיט'ן זאגן אויף אים „שוטה" ברבים?

דער ריזשענער מיט זיין גאַנצע פּמליא זענען אַראָפּ פון די פיאַקערס. דער אפטער רב האט געגעבן דעם ריזשענער א קוש אויפן שטערן.

מ׳האָט זיך גענומען צו גיין אַריין צופּים צום אַפּטער רב׳ס וואוי-נונג. דער אַפּטער רב מיט׳ן ריזשענער זענען געגאַנגען בראש, און גע-רעדט מיט גרויס פריינטליכקייט.

אין מיטן גיין איז אַראָפּגעפאַלן דער גאַרטל פון׳ם ריזשענער. דער אַפּטער רב האָט זיך פלינק אַראָפּגעבויגן צו דער ערד, אויפגעהויבן דעם גאַרטל, און גענומען אַרומגאַרטלען דעם ריזשענער. דער עולם איז געשטאַנען פאַרגאַפט, דער גרייז-גרויער זקן דער אַפּטער רב גאַרטלט אַרום דעם גאָר יונגען ריזשענער ?!

דער אַפּטער רב האָט באַמערקט דאָס פאַרוואונדערונג, האָט ער זיך אָנגערופן:

— איך בין איצט מקיים די מצו׳ה פון „גלילה" צו אַ ספר תורה.

די אַלטע חסידים האָבן זיך דערמאָנט, דאָס די ווערטער פון אַפּטער רב פאַרן זיך מיט די מעשה, וואָס דער אַפּטער רב האָט זיך אַמאָל אויפגעשטעלט פאַרן ריזשערנער׳ס מוטער, ווען זי האָט באַזוכט אַמאָל ביי אים, האָט ער דעמאָלס געזאָגט: — איך שטעל זיך אויף פאַר אַ „אָרון הקודש", ווייל זי וועט האָבן אַ קינד אַ „ספר תורה".

ס׳איז איבעריג צו זאָגן ווי איבערראַשט דער ריזשענער מיט זיינע באַגלייטער זענען געווען פון דעם אַלעמען, דאָרט ווי מ׳האָט זיך די זאַך גאַנץ אַנדערש פאָרגעשטעלט. אַלעמענס בליקן זענען געווען געווענדעט צו דעם יונגערמאַן דער „בעל השמועה", ווי מ׳זאָל אים פרעגן מיט די אויגן, „נו, וואָס זאָגסטו צו דעם"? און דער יונגערמאַן נעביך האָט נישט געוואוסט אויף וועלכע וועלט ער איז, ער האָט זיך אַלץ געצויגן אויף הינטן מ׳זאָל אים נישט אַרויסזען. וואָס איז ער שולדיג — האָט ער ביי זיך געקלערט — ער האָט דאָך פאַרט געהערט מיט זיינע אויערן...

דער ריזשענער איז אָנגעקומען אין אַפּטער רב׳ס שטוב. דער אַפּטער רב האָט אוועקגעזעצט דעם ריזשענער אויף זיין כסא פון אויבן, און ער האָט זיך געזעצט נעבן אים אויף אַ געוועהנליכן בענקל. די צוויי צדיקים האָבן פאַרפירט אַ שיינעם שמועס. נאָך אַ שעה אַנדערהאַלבן פאַרברענגען, האָט דער אַפּטער רב געזאָגט:

— דער גאַסט וועט זיך וואַשן צו אַ סעודה מיט אונז צוזאַמען.

דער ריזשענער האָט נישט מסרב געווען. מ׳האָט זיך געוואַשן, געזעצט צו אַ סעודה. פון די קיך האָט מען אָנגעהויבן צודערלאַנגען מאכלים.

דער ריזשענער קוים קוים וואָס ער האָט אָנגערירט דאָס עסן,

מ׳האט אים כמעט נישט געזען נעמען עפעס אין מויל, שוין האט ער אוועקגעשטופט דעם טעלער פון זיך.

ס׳איז כדאי די צו באמערקן, דאס דעם ריזשענער׳ס דרך איז געווען גאר גאר ווייניג צו עסן, ס׳איז א ספק צי מ׳האט עס געקענט אין גאנצן אנרופן עסן, עפעס האט ער אראפגעצוויקט ווי א פייגעלע, און ארומגעטאפט דאס עסן, און שוין פארטיג.

* * *

מ׳דערציילט, דאס דער ריזשענער איז זיך אמאל — אין די שפעטערע יארן — צוזאמען געקומען מיט זיין מחותן דער צדיק רבי חיים קאסוב׳ער. מ׳האט זיך געוואשן צו א סעודה. דער קאסוב׳ער האט באמערקט דאס דער ריזשענער עסט כמעט גארנישט. האט ער אים פארגעהאלטן:

— מחותן איר עסט דאך גארנישט, אז מ׳עסט נישט האט מען דאך נישט קיין כח צו עבודת הבורא.

האט דער ריזעשענער געענטפערט:

— ווען מיין נשמה האט געדארפט קומען אויף דער וועלט, און אריינגיין אין דעם גוף אריין, האב איך געזאגט צום גוף, איך וועל אין אים נאר אזוי אריינגיין בתנאי אז ער וועט זיך באנוגענען מיט גאר גאר ווייניג עסן, דאס ווייניגסטע וואס מ׳דארף געבראכן אז די נשמה זאל נישט ארויסגיין, פונדעסטוועגן וועט ער זיך האלטן געזונט און שטארק, ער וועט מיך גארנישט ״יטערן פון עבודת הבורא. איז ער מסכים איז גוט, ווען נישט וועל איך מיר אויסקלייבן אן אנדערן גוף. האט ער געזאגט, דאס ער איז מסכים. און ער האלט זיין צוזאג.

ווי מ׳איז געזעסן ווייטער ביי די סעודה, האט דער ריזשענער באמערקט דאס דער קאסוב׳ער עסט אויך גארנישט. האט ער אים געפרעגט:

— ס׳טייטש, מחותן, איר עסט דאך יא אלעמאל געהעריג, פאר־וואס עסט איר איצט נישט?

האט דער קאסוב׳ער געענטפערט:

— עס איז מיר איצט פערענטפערט געווארן א גרויסע פליאה, וואס איך האב קיי־מאל נישט פארשטאנען.

פרייטאג צונאכטס מ׳קומט אהיים פון שול — זאגט די גמרא — באגלייטן איינעם צוויי מלאכי השרת אין שטוב אריין. ווען מ׳קומט אן

אין שטוב באגריסט מען די טייערע געסט, די מלאכים פון הימל, מ׳זאגט צו זיי „שלו׳ם עליכם מלאכי השרת" שלו׳ם איז צו אייך מלאכים. אויך זאגט מען זיי „בואכם לשלום מלאכי השרת" אייער קומען צו אונז איז לשלו׳ם. און תיכף זאגט מען זיי „צאתכם לשלום מלאכי השרת" אייער אוועקגיין איז לשלו׳ם, פשוט מ׳שיקט זיי אוועק, ס׳פאסט גארנישט, אפשר ווילן זיי נאך בלייבן א ביסל ביי די סעודה?!

נאר דער תירוץ איז, אז מ׳זיצט צוזאמען ביי די סעודה מיט מלאכים — וואס עסן נישט, קען מען אליין אויך נישט עסן.

דעם נמשל קען מען אליין פארשטיין. דאס דער קאסוב׳ער האט געמיינט צו זאגן אז ער זיצט צוזאמען ביי די סעודה מיט׳ן ריזשענער וועלכער עסט נישט ווי א מלאך, קען ער אויך נישט עסן.

* * *

אלזא, דא ווען דער ריזשענער איז געזעסן ביי א סעודה צוזאמען מיט׳ן אפטער רב, האט ער זיך געפירט טאקע ווי זיין דרך, ער האט כמעט גארנישט געגעסן, נאר ווי עפעס א פייגעלע.

ווי דערשטוינט איז דער ריזשענער געווארן ווען ער האט באמערקט, דאס דער אפטער רב עסט אויך נישט, נאר גאר א קליין ביסעלע. פארקערט פון זיין דרך פון אלעמאל.

דער ריזשענער האט אים געפרעגט מיט פארוואונדערונג:

— אפטער רב, די וועלט ווייסט דאס איר האט אן עבודה אין עסן, אזוי ווי דער כהן גדול האט געהאט אן עבודה אין בית המקדש ביים מקריב זיין די קרבנות. נו, וואזשע זענט איר משנה אייער הייליגן דרך?!

ס׳איז כדאי דא צובאמערקן, דאס דער אפטער רב אליין האט אויף זיך מעיד געווען, דאס ער איז אין פריערדיגן גלגול געווען א כהן גדול אין בית המקדש. חסידים דערציילן, דאס מ׳האט זיך אמאל אונטערגעהערט ביים אפטער רב יום הקדוש ווי ער האט געזאגט פאר זיך די עבודה, האט מען געהערט, ווי ער זאגט „וכך הייתי אומר" (און אזוי האב איך געזאגט) אנשטאט ווי ס׳שטייט אין מחזור „וכך הי׳ אומר" (און אזוי האט ער געזאגט).

דאריבער האט דער אפטער רב געהאט א באזונדערע עבודה מיט׳ן עסן. ער האט מכוין געווען די כוונות פונם כהן גדול אין בית המקדש

ביים מקריב זיין די קרבנות. מ׳האט פאר׳ן אפטער רב ארויפגעברענגט אויפן טיש אלערליי מאכלים לרוב, און ס׳איז גארנישט געבליבן.

צדיקים האבן עדות געזאגט, דאס דער אפטער רב פארצערט דאס עסן מיט׳ן קוק, גלייך ווי די מלאכים וועלכע זענען געקומען צו אברהם אבינו, ס׳שטייט ביי זיי, דאס זיי האבן זיך געמאכט ווי זיי עסן, אבער ס׳האט דאך געדארפט פעלן פונ׳ם עסן? נאר זיי האבן פארצערט דאס עסן מיט זייערע בליקן. דאס זעלבע האט מען געזאגט אויף אפטער רב.

דעריבער איז דער ריזשענער געווארן פארוואונדערט, ווען ער האט געזען דאס דער אפטער רב עסט דאסמאל זייער ווייניג.

דער אפטער רב האט געענטפערט:

— מיר זעען ביי שבת קודש, ווען ס׳קומט צו אים א גאסט, למשל אז ס׳פאלט ראש חודש אין שבת, מיט וואס איז דער שבת מכבד דעם גאסט? דער שבת טרעט אים אפ דעם מוסף (מ׳זאגט „אתה יצרת״ אנשטאט „תכנת שבת״). ווי איז אז ס׳קומט צום שבת א מער חשוב׳ער גאסט, ס׳פאלט יום טוב אין שבת? טרעט דער שבת אפ פארן גאסט אויך דעם שחרית. ווי איז אז ס׳קומט צום שבת א גאסט וואס ס׳איז נאך חשוב׳ער פונם שבת אליין, ס׳פאלט יום כפור אין שבת? זאגט דער שבת, פאר-אזא חשוב׳ן גאסט טרעט איך אפ אין גאנצן, און כאטש אין שבת דארף מען עסן און טרינקען, מקיים זיין שלש סעודות. אבער צוליב אזא גאסט ווי „יום כפור״ וואס עסט נישט גארנישט, וועל איך אויך נישט עסן.

נאך די אלע רייד פונם אפטער און זיין אויפפירונג מיטן ריזשענער, איז אלץ מער און מער געוואקסן די פארוואונדערונג פונ׳ם ריזשענער אין זיינע באגלייטער. ווי קענמען זיך פארשטעלן אזא זאך, דאס דער אפטער רב האט געזאגט אויפן ריזשענער „שוטה״?

און דער איד שטייט דא פאר די אויגן, און באשטעטיגט נאכאמאל און נאכאמאל דאס ער האט געהערט מיט זיינע אויערן... ער איז נישט שיכור! און נישט קיין חסר דיעה! דאס ער זאל זיך פון פינגער אויסנאָגן אזא זאך. ער ווייסט אז ער שפילט זיך מיט פייער. אבער מיט׳ן אמת האט ער נישט וואס מורא צוהאבן.

— ווען דאס פארברענגען האט זיך געענדיגט מ׳האט געבענשט ברכת המזון. האט דער אפטער רב געזאגט צום ריזשענער:

— איר זענט דאך אוודאי מיד פונ׳ם וועג, איר ווילט זיך אביסל אפרוען. איך האב פאר אייך צוגעגרייט א פיינע אכסניא ביי א חשוב׳ן גביר א חסיד׳ישער איד. מיין זון רבי יצחק מאיר וועט אייך באגלייטן, און זיין מיט אייך דארט צוזאמען ווילאנג איר ווילט זיין א גאסט ביי אונז דא אין שטאט.

רבי יצחק מאיר, מיט א גרויסן עולם, האבן באגלייט דעם ריזשענער צו די אכסניא.

דער ריזשענער האט זיך טאקע שטארק מחי׳ געווען מיט די אכסניא, ס׳איז געווען מיט אלע באקוועמליכקייטן.

אויפ׳ן אנדערן טאג האט מען געדאווינט בצבור ביים ריזשענער אין די אכסניא, דער רבי האט געוואלט הערן ברכו און קדושה א.א.וו. אבער דער רבי אליין האט געדאווענט ביחידות גאנץ שפעט אין די נאכמיטאג שעה׳ן.

נאכן דאווענען, האט רבי יצחק מאיר זיך גענומען די דרייסטקייט, און געפרעגט דעם ריזשענער מיט הכנעה, אפשר וואלט דער רבי איינגעוויליגט צוזאגן א טעם אויף זיין שפעט דאווענען, א סאך נאכ׳ן זמן פון שולחן ערוך ?

רבי יצחק מאיר האט חלילה נישט מהרהר געווען נאכ׳ן ריזשענער וועגן זיין שפעט דאווענען, און ער האט שוין געהערט גענוג טעמים פונ׳ם פאטער אליין, אז דער ריזשענער קען... דער ריזשענער מעג... און אנדערע טאר דאס נישט נאכטאן. רבי יצחק מאיר האט זיך אבער געגלוסט צו הערן א פאר גוטע ווערטער פונ׳ם ריזשענער אליין.

דער ריזשענער האט געענטפערט, ווי זיין שטייגער מיט א משל:

— ס׳איז געווען אמאל א גרויסער מעכטיגער מלך. ער האט געדארפט אנפירן מיט א גרויסע פארצווייגטע קעניגרייך איבער א סאך מדינות. האט ער ארויסגעגעבן א באפעל, דאס ווער ס׳וויל צו אים קומען וועגן א בקשה, זאל זיין וואס עס איז, איז די צייט וואס ער קען קומען, יעדן טאג פון אכט ביז צען פארמיטאג. א מינוט נאך צען וועט ער שוין נישט קענען אריין צום מלך. דער באפעל איז באקאנט געווארן אין גאנצן לאנד, און יעדער האט זיך צו דעם געהאלטן.

מיט דער צייט האט זיך געמאכט אמאל, דאס די געגנערס פונ׳ם מלך האבן זיך צוזאמענגענומען, זיך גוט ארגאנאזירט, און זיי האבן באשלאסן צומאכן א רעוואלוציע א קעגן מלך, מ׳וועט דעם מלך אראפ-

ווארפן פון די „כסא מלוכה" און מ'וועט ארויפזעצן איינעם פון זייערע מענטשן.

איינער, א געטרייער אונטערטעניער פונ'ם מלך, איז פון די זאך געוואויר געווארן. ער האט געזען אז קיין סאך צייט איז נישט דא, אז ער וועט ווארטן ביז מארגן, אפשר וועט שוין זיין שפעט, איז ער אין דער זעלבער שעה, ווען ער האט זיך דאס דערוואוסט, תיכף געלאפן צום טויער פון מלך, און געקלאפט מ'זאל אים ארייינלאזן אויף א אוידיענץ.

די שומרים פון מלך האבן אויף אים געשריגן:

— דו ווייסט נישט אז איצט איז נישט די „צייט" וואס דער מלך נעמט אויף, דו דארפסט קומען אינדערפרי, ביז צען א זייגער.

האט דער מענטש געענטפערט — די „צייט" איז געמאכט גע־ווארן פאר די אלע מענטשן וואס קומען צום מלך פאר זייערט וועגן. אבער איך קום נישט פאר מיינעט וועגן, איך קום ראטעווען די כסא מלוכה, פאר מיר איז נישט דא קיין באשטימטע צייט.

די שומרים האבן זיך צונויף גערעדט צווישן זיך, און זיי האבן איינגעזען דעם דער מענטש איז גערעכט. אויב ס'איז טאקע אזוי דאס ער קומט אין מלך'ס אינטערעס, צוראטעווען די מלוכה, מוז מען אים אלעמאל ארייינלאזן, אויף דעם איז נישט געמאכט געווארן קיין בא־שטימטע צייט.

דעם נמשל וועט איר אליין פארשטיין — האט דער ריזשענער אויסגעפירט.

— ט —

שוין צוויי טעג וואס דער ריזשענער איז אין מעזשיבעזש, און ער וויל שוין פארן אהיים צוריק, און דערוויל איז די גאנצע זאך נאכוואס ער איז געקומען צו פארן א רעטעניש. ס'קומט אויס דאס ער זאל אהיים פארן, און זאל נישט וויסן וואס דא קומט פאר, און אויב דער אפטער רב האט טאקע עפעס אויסצוזעצן א קעגן אים איבער זיין דרך. און זיין גאנצע נסיעה אויף מעזשיבוזש איז געווען אומזיסט.

דאריבער האט דער ריזשענער באשלאסן, ס'איז נישט דא קיין אנדערע עצה נאר אז ער וועט ביים געזעגענען זיך פונ'ם אפטער רב אליין ארויפברענגען די גאנצע זאך.

אזוי איז טאקע געווען. דער ריזשענער האט זיך צוגעגרייט צום אוועקפארן, און ער איז געגאנגען צום אפטער רב אויף א געזעגענונגס פארברענגען. עס האט זיך דארט צוזאמען געקליבן צוליבן ריזשענער א גרויסער עולם.

דער אפטער רב האט זעלבסטפארשטענדליך דאסמאל אויך אויפ־גענומען דעם ריזשענער מיט גרוים כבוד און ליבשאפט. ער האט געהייסן געבן כיבוד, און מ׳האט געשמועסט פריינטליך.

אין מיטן האט דער ריזשענער געזאגט צום אפטער רב, דאס ער וואלט געהאט צורעדן מיט אים א וויכטיג ענין, אבער נישט דא צווישן עולם, אויב דער אפטער רב וואלט מוחל געווען דאס זיי זאלן ביידע אריינגיין אין אן אנדער צימער, און פינף חסידים פון זיינע מענטשן, און דאס זעלבע פינף חסידים פונ׳ם אפטער רב׳ס מענטשן זאלן זיין דערביי.

דער אפטער רב האט צוגעשטימט. מ׳איז אריין אין צווייטן צימער. דער ריזשענער האט געהייסן דאס דער יונגערמאן דער „בעל השמועה״ זאל אויך זיין דערביי.

אפטער רב — האט דער ריזשענער אנגעהויבן זיינע רייד — איר זענט בדורינו דער „ראש כל בני הגולה״ און צו א זאך וואס איר זענט נישט מסכים, איז מען אין הימל אויך נישט מסכים. אבער אפטער רב, איר ווייסט, דאס ווען מיין טאטע זצ״ל איז אוועק פון דער וועלט, זענען מיר געווען א קליין קינד, און קיין רבי׳ן האבן מיר נישט געהאט, מיין תורה און מיין דרך אין עבודת השם האבן מיר נישט מקבל געווען פון א בשר ודם, מיר האבן דאס מקבל געווען פונ׳ם „חי החיים״ אליין, דאריבער קען מען דאס נישט אפפרעגן. ס׳קען זיין דאס מ׳האט דעם אפטער רב איבערגעגעבן נישט ריכטיגע זאכן איבער אונזער דרך. פון דעם האט זיך געקענט נעמען א תרעומות אין הארצן איבער אונז. דאריבער זענען מיר איצט געקומען אליין זיך א דורכרעדן מיט אייך.

חס וחלילה — האט דער אפטער רב געזאגט מיט גרוים איבער־ראשונג — מיר האבן קיינמאל נישט צוגעלאזט צו אונז א קרום ווארט איבער אייער דרך, און מיר האבן קיינמאל קיין תרעומות אין הארץ נישט געהאט אויף אייך, אדרבה אדרבה... און ווי קומט עס גאר דאס איר זאלט אונז חושד זיין מיט אזא זאך?!

דער ריזשענער האט צוגערופן דעם יונגערמאן:

— וואס זאגסטו, דו האסט געהערט ווען דער אפטער רב האט געזאגט אויף אונז „שוטה”?

דער יונגערמאן איז שוין געווען צובראכן ווי א שארבן, ער האט אליין נישט געוואוסט אויף וועלכע וועלט ער איז.

איך ווייס אז איך בין א פארפאלענער — האט דער יונגערמאן געזאגט מיט א צובראכענע שטים — אבער וואס זאל איך טאן אז איך האב פארט געהערט...

דער אפטער רב איז געווארן בלייך ווי די וואנט.

— אפגעהיטן זאלן מיר ווערן — אזויפיל האט ער געזאגט נישט מער, ער איז געזעסן ווייטער מיט פארמאכטע אויגן.

צוויי עלטערע אפטער חסידים האבן זיך אריינגעמישט, זיי האבן געזאגט:

— ס'איז זיכער אז דא האט פאסירט עפעס א מיספארשטענדע־ניש, דערפאר וואלטן זיי געבעטן דעם איד, ער זאל מיט זיי אריין אין א אנדער צימער, זיי זאלן קענען פון אים גענוי אויספארשטן ווען און וואס איז דא פארגעקומען, פון וועלכן דער טעות שטאמט אהער.

דער יונגערמאן האט גערן איינגעוויליגט.

זיי האבן אים געבעטן ער זאל זיך אנשטרענגען צו דערמאנען זיך גענוי, ווען און וואו די זאך איז פארגעקומען.

דער יונגערמאן האט אביסל געקלערט. און ער האט זיי איבער געגעבן פינקטליך די וואָך, דעם טאג, און די שעה, און אויך דאס פלאץ וואו דאס איז פארגעקומען. די חסידים זענען געזעסן אין בית המדרש און גערעדט פון זיין רבי'ן דער ריזשענער מיט א געשפעט און א גע־לעכטער, אין מיטן איז דער אפטער רב אריינגעקומען, און האט זיי געזאגט, וואס רעדט איר פון... דער שוטה!

איר האט געהערט ארויסרעדן דאס ווארט „ריזשענער”? — האבן די אפטער חסידים געפרעגט.

ניין, דאס האב איך נישט געהערט — האט דער יונגערמאן געזאגט — איך האב אבער געהערט דייטליך דעם רבי'נס נאמען.

אפשר קענט איר אונז איבערגעבן גענוי ווארט ביי ווארט די ווערטער וואס איר האט געהערט? האבן די אפטער חסידים געבעטן.

— איך וועל דאך נישט ארויסרעדן מיין רבי'נס נאמען — האט דער יונגערמאן געזאגט.

— לאָמיר אננעמען דאָס אייער רבי׳נס נאָמען איז רפאל — האָבן די חסידים געגעבן אים אן עצה — קענט איר דאָך שוין יאָ זאָגן.

— אַזוי יאָ. די חסידים האָבן גערעדט פון אַ רבי׳ן ר׳ רפאל׳טשע. דער רבי איז אַריינגעקומען האָט ער זיך געפרעגט פון וועמען מ׳רעדט. איינער פון אייך האָט געזאָגט, מ׳האָט גערעדט פון דעם נייעם רבין ר׳ רפאל׳טשע, און האָט דערביי גוט געלאַכט. האָט דער רבי אויף דעם געזאָגט: — וואָס רעד איר פון ר׳ רפאל׳טשע דער שוטה, ליבערש לערנט אַ ביסל גמרא צוזאַמען.

איינער פון די אַפּטער חסידים האָט זיך געגעבן אַ קלאַפּ אויפן שטערן:

—, די זאַך איז שוין קלאָר. איך אַליין בין אויך געווען איינער פון די וואָס זענען דעמאָלס געווען אין בית המדרש.

מ׳האָט גערעדט פון ר׳ ישראל׳טשע שוסטער.

יאָ, ס׳איז ריכטיג — האָט דער צווייטער אויך באַשטעטיגט.

זיי זענען תיכף צוריק אַריינגעלאָפן אינ׳ם צימער וואו די רבי׳ס זענען געזעסן, מיט אַ אויפגעלעבט פּנים. און אויסגערופן מיט פרייד:

— מיר ווייסן שוין אַלעס. דער טעות איז אַרויסגעקומען.

דער ערשטער אַפּטער חסיד, האָט גענומען צוערקלערן פאַר ריזשענער:

— דאָ נישט ווייט פון מעזשיבעזש אין אַ שטעטעלע, ס׳וואוינען דאָרט אַ פאַר צענדליג משפחות אידן, וואוינט דאָרט אַ שוסטער מיטן נאָמען ר׳ ישראל׳טשע. דער ר׳ ישראל׳טשע איז אַ פשוט׳ער איד, פון קענען לערנען איז ער ווייט, נאָר מיט איין זאַך איז ער געוואָרן באַשאָנקען פון הימל, מיט אַ שיינעם הדרת פּנים. אַ הויכער איד מיט אַ ברייטע פלייצע, אַ שיינע ברייטע לאַנגע באָרד, שוין ווייס אין גאַנצן, האָבן אים לצים צוגערעדט, וואָס דאַרפט איר אייך ר׳ ישראל׳טשע מאַטערן אַזוי שווער אויף אַ שטיקל ברויט ביי שוסטעריי, מיט אייער הדרת פּנים קענט איר ווערן אַ רבי, איר דאַרפט זיך אָנטאָן די זיידענע מלבושים מיט אַ ברייטן קאַפּעלוש, און איר וועט אַרומפאָרן אַלץ רבי, מ׳וועט אייך באַשיטן מיט קוויטלעך און פּדיונות. ר׳ ישראל׳טשע האָט זיך געלאָזט צורעדן, און ער האָט אויך גענומען צו זיך אַ פּעאיגן גבאי, און פאָרט אַרום אין די אַרומיגע שטעטלעך אַלס רבי. און די אינטערעסאַנטסטע דערביי איז וואָס מ׳דערציילט שוין פון אים אותות ומופתים, דער איז

געהאלפן געווארן און יענער איז געהאלפן געווארן. ער ווערט פון טאג צו טאג גרעסער און גרעסער. ער איז שוין גראדע געווען אמאל דא אויך ביי אונזער רבי׳ן, דער רבי האט אים אנגעקוקט פון קאפ ביז פוס, און געזאגט, „ס׳איז א רחמנות אויף דעם שוטה”.

פון דעם ר׳ ישראל׳טשע האבן מיר דעמאלס גערעדט אין בית המדרש — האט דער אפטער חסיד אויסגעפירט פארן ריזשענער — און דער רבי איז אריינגעקומען, האט ער אונז מוכיח געווען, וואס רעדט איר פון דעם ר׳ ישראל׳טש שוטה, ליבערש לערנט אביסל צוזאמען.

נאך דעם ערקלערונג פון דעם אפטער חסיד, איז געווען קלאר דאס דא איז טאקע געווען א מיאוס׳ער טעות. דער יונגערמאן האט גע־הערט מעלדן זיין רבי׳נס נאמען, האט ער נישט געהאלטן פאר וויכטיג נאכצופארשטן צו דער „רבי ישראל׳טשע” פון וועם מ׳רעדט איז טאקע זיין רבי דער ריזשענער, צי איז עס עפעס א אנדערער ר׳ ישראל׳טשע. ער האט געכאפט און אנטלאפן, און איבערגעגעבן דאס מ׳האט פון זיין רבי׳ן גערעדט מיט אזא בזיון. ער האט עובר געווען אויפ׳ן פסוק „שומר פיו ולשונו” וכו׳ און ס׳איז ארויסגעקומען אזא מיאוס׳ער טעות.

די צוויי רבי׳ם דער ריזשענער מיט׳ן אפטער רב, האבן געשמיי־כלט פריינטליך איינער צום אנדערן, זענען שטארק צופרידן געווען וואס דער טעות איז ארויסגעקומען, און ס׳האט נישט גורם געווען אן אומזים־טיגן „פירוד” צווישן די צוויי צדיקים, דער אחדות צווישן ריזשענער און אפטער איז פולשטענדיג צוריקגעשטעלט געווארן.

דער יונגערמאן דער „בעל השמועה” האט מורא געהאט פאר׳ן אפטער רב׳ס הקפדה, ס׳איז געווען באוואוסט אין די חסיד׳ישע וועלט אז דעם אפטער רב׳ס הקפדה איז געפערליך. ער האט זיך פרובירט צו פארענטפערן פאר׳ן אפטער:

„רבי, איך בין נישט שולדיג, איך האב דאך נאר געזאגט וואס כ׳האב געהערט. א טעות איז דאך א מענטשליכע זאך.

דו ביזט נישט שולדיג ?! — האט דער אפטער רב געזאגט מיט א בייזן קוק — ווען דו וואלסט מורא געהאט פאר אן עבירה, וואלסטו נישט געקומען צו דעם טעות. דו און דיין גלייכן קענען גורם זיין א חורבן אין אלע עולמות.

דער אפטער רב האט ווייטער נישט געוואלט רעדן צו דעם יונגערמאן, און ער האט זיך אוועקגעדרייט פון אים דעם קאפ.

דער ריזשענער האט געהייסען איינשפאנען, מ׳זאל זיך לאזן שוין אין וועג אריין.

דער אפטער רב האט באגלייט דעם ריזשענער מיט גרויס ליב־שאפט. און זענען ביידע געגאנגען צופוס ביז׳ן עק שטאט. דארט האט זיך דער ריזשענער ארויפגעזעצט אויף זיין קאלעס און אפגעפארן צוזא־מען מיט די איבריגע פיאקערס, זיינע באגלייטער.

— י —

דער ריזשענער האט געהייסען דעם יונגערמאן, ער זאל זיך אריינ־זעצן צו אים אין קאלעס. ער האט עס גערן געטאן.

מ׳איז אפגעפאראן א פאר שעה. מ׳האט געזען און דערקענט דאס דער ריזשענער איז זייער פארקאכט און פאר׳דביקות׳ט.

ס׳איז אויסגעקומען פארביי צו פארן פאר א שטעטל. דער לאנד־שטראז אויף וועלכן די פיאקערס זענען געפארן איז אויסגעקומען ביים עק פונ׳ם שטעטל.

דער ריזשענער האט געהייסן שטיין בלייבן. ער האט גענומען צוויי פון די חסידים און האט זיי געזאגט, דאס ער שיקט זיי אריין אין דעם שטעטל מיט א שליחות. זיי זאלן אריינגיין צו די חברה קדישא און בעטען אין זיין נאמען דאס די מעלאַטשעס וואס זענען זיך מתעסק מיט א נפטר זאלן ארויסקומען צו אים אין עק שטאט, און מיטברענגען אלע כלים, די מיטה מיט תכריכים א.א.וו.

די חסידים זענען געווען שטארק פארוואונדערט אויפ׳ן רבי׳נס פארלאנג. אבער ס׳פארשטייט זיך, דאס זיי האבן נישט איבערגעפרעגט דאס מינדעסטעווארט, זענען געגאנגען אריין אין שטעטל אויספירן דעם רבי׳נס שליחות.

די חברה קדישא לייט האבן האבן געהערט זייער פארלאנג אין נאָמען פונ׳ם ריזשענער רבי׳ן, האבן זיי געזאגט צווישן זיך, דאס דעם ריזשענער׳ס פארלאנג מוז מען ערפילן אן שום קלערן. זיי האבן אזוי געטאן זענען ארוים צום ריזשענער מיט אלע כלים.

ווען זיי זענען אנגעקומען, האט צו זיי דער ריזשענער געזאגט, דאס זיי זאלען נעמן דעם יונגערמאן (דער בעל השמועה) און אנטאן די

תכריכים. זיי דאַרפֿן אים נישט אויסטאָן זיינע מלבושים — האָט דער ריזשענער באַמערקט — זיי קענען אָנטאָן די תכריכים אויף די מלבושים. זיי זאָלן אים אַרויפֿלייגן אויף די מיטה, און טראָגן אים אין בית עלמין, און אַראָפּלאָזן אין קבר כדת וכדין. פֿאַר צוויי פֿון זיי האָט דער ריזשענער געזאָגט, זיי זאָלן גיין אין פֿאָראויס אויסגראָבן אַ קבר.

מ׳קען זיך פֿאָרשטעלן ווי גרויס איז געווען די פֿאַרוואונדערונג פֿון די חברה קדישא לייט, און פֿון אַלע חסידים, נעמען אַ לעבעדיקן מענטש אָנטאָן תכריכים און טראָגן אים מקבר זיין?!. און וואָס דער יונגערמאַן האָט דעמאָלט געפֿילט קען מען זיך אַפֿילו נישט פֿאָרשטעלן. אָבער קיינער האָט זיך נישט דערוואָגן מהרהר זיין אויפֿן ריזשענער, מכל־שכן זיך אַקעגן שטעלן זיין באַפֿעל. אַפֿילו דער יונגערמאַן אַליין אויך נישט. דאָס האַרץ איז אים געווען סייווי שטאַרק צובראָכן פֿון דעם גרויסן דורכפֿאַל וואָס ער האָט געהאַט. האָט ער ביי זיך געטראַכט, מסתמא קומט אים אַזוי, אוועקצוגיין פֿון דער וועלט, דאָס וועט זיין אַ כפּרה אויף זיינע זינד, און זיכער וועט דער רבי זען דאָס ער זאָל דאָרט ניצול ווערן פֿון די גרויסע עונשים. פֿאַר דעם אַליין איז אים שוין אַלעם כדאי. ער איז מקבל אויף זיך דעם דין באַהבה.

מ׳האָט דעם יונגערמאַן אָנגעטאָן די תכריכים, אַזוי אויף די מלבושים. מ׳האָט אים אַרויפֿגעלייגט אויף די מיטה. און די לוי׳ האָט אָנגעהויבן צו גיין. עטליכע אַרימעלייט זעענדיק דאָס ס׳גייט אַ לוי׳, האָבן זיי גענומען קלינגען מיט די פּושקעס „צדקה תציל ממות״.

דער ריזשענער האָט צוגערופֿן אַ חסיד זיינעם, און געזאָגט אים שטיל:

— דו לויף פֿאָראויס אין בית עלמין, שטעל דיך דאָרט ביים קבר און ווען מ׳וועט דעם יונגערמאַן אַראָפּלאָזן אין גרוב, וועסטו אים אַריינזאָגן אין אויער אַז איך האָב געהייסן, דאָס ער זאָל שנעל אַ שפּרונג אַרויס געבן פֿונ׳ם קבר, אַראָפּוואַרפֿן פֿון זיך די תכריכים, און לויפֿן שנעל מיט איין אָטעם דאַ אַהער צו מיר.

דער איד האָט אַזוי געטאָן, ער איז דאָרט געשטאַנען ביים קבר, געמאַכט זיך ווי ער וויל העלפֿן. און ווען מ׳האָט דעם יונגערמאַן שוין געלאָזט אַראָפּ אין קבר, האָט ער אים אַריינגערוימט אין אויער דעם רבי׳נס ווערטער.

דער יונגערמאַן הערנדיק די רייד, האָט ער געעפֿנט די אויגן,

ארומגעקוקט זיך צו ער לעבט טאקע, אדער איז עס נאר עפעס א דמיון.

דער איד זאגט אים: — נו, גיכער.

ער גיט א טאנץ ארויס, אוןווארפט פון זיך אראפ די תכריכים און לויפט צום ריזשענער, ארויס אין עק שטאט.

די מענטשן ווערן איבערראשט. מ'ווייסט נישט וואס דא קומט פאר. ס'פארשטייט זיך דאס ס'האט אים קיינער נישט פארהאלטן. מ'האט אויסגעבראכן אין א געלעכטער.

ווי דער יונגערמאן איז צוגעקומען צום ריזשענער, האט אים דער ריזשענער געזאגט:

— נו, ארײַן שנעל!

דער יונגערמאן איז ארײַנגעשפרונגען אינ'ם רבי'נס קאלעס, דער רבי האט געהייסן דעם בעל עגלה א שמיים געבן די פערד, ער זאל פארן שנעל אָן אפשטעל ביז ריזשן.

* * *

מ'איז אנגעקומען לשלו'ם קיין ריזשן. דער ריזשענער איז ארײַן צו זיך אין שטוב. ער האט באפוילן מ'זאל דעם יונגערמאן צו אים ארײַנשיקן.

הער זיך איין — האט אים דער ריזשענער געזאגט — איצט וועל איך דיר ערקלערן וואס כ'האב מיט דיר געטאן.

וויסן זאלסטו דאס דער אפטער רב האט דיך געוואלט אוועקשיקן פון דעם עולם. א פאר שעה האב איך זיך מיט אים געבאָרעט. איך האב געזען אז ס'איז א מורא, אויב איך וועל זיך חלילה א רגע פון דיר מסיח דעת זיין, וועט ער דיך צוכאפן פון מיר... בין איך געפאלן אויף א המצאה, איך האב אים אויסגענארט... ער האט געקוקט... און געזען דאס מ'טראגט דיך שוין ארויס אויף דער מיטה אויפן בית עלמין, אנגעטאן אין תכריכים, האט ער געקלערט, שוין! ער האט דיך שוין ערלעדיגט. אבער ער האט נישט אפגעלאזט די אויגן פון דיר ביז צום קבר. ווען ער האט געזען אז מ'איז שוין אנגעקומען מיט דיר צום אפענעם קבר, האט ער זיך פון דיר אפגעלאזט. איך האב פארשטאנען פאראויס אז ס'וועט אזוי זיין, דעריבער האב איך דעם איד געזאגט דאס ער זאל דיר ערשט ביים אראפלאזן אין קבר איבערגעבן מיינע רייד. און ב"ה די זאך איז געלונגען, כ'האב דיך געראטעוועט.

און וויסן זאלסטו — האט דער ריזשענער פארגעזעצט — דאס

א חוץ דעם וואס כ'האב געהאט א כוונה דיך צו ראטעווען ביים לעבן, מיט דעם שפיל וואס כ'האב מיט דיר געמאכט, האב איך געהאט נאך א כוונה, דאס דער שרעק וואס דו האסט מיטגעמאכט מיט די גאנצע מעשה, זאל זיין פאר דיר א אפקומעניש אויף דיין זינד, און די מקטריגים אין הימל זאלן פון דיר אפלאזן.

ווארים שולדיג ביזטו — האט אים דער ריזשענער פארגעווארפן — דו ווייסט גארנישט וואס דו האסט געקענט אָנווירטשאפטן מיט דיין נארישן רכילות. אין פסוק שטייט „שומר פיו ולשונו שומר מצרות נפשו" אז מ'היט זיך דאס מויל און די צונג, פארמיידט מען צרות פון זיך און פון א אנדערן. און אז מ'האט א פרייע צונג קומט מען צו א זעלכע טעותים.

איצט זאלסטו וויסן אזוי — האט דער ריזשענער פארגעזעצט — דו ביזט נאר געראטעוועט ווילאנג דער אפטער רב דערזעט דיך נישט. אינפאלס ער זאל דיך ערגעץ דערבליקן, ביזטו חלילה פערטיג. דעריבער זאג איך דיר אן „השמר-והזהר" היט זיך דאס ביז צען יאר זאלסטו דיך נישט ווייזן פאר זיין פנים. נאך צען יאר וועל איך דיך שוין נעמען אויף מיר.

אבער גיב אכט, דו שפילסט דיך מיט פייער — האט אים דער ריזשענער געווארנט — זאלסט היטן מיין אנזאג.

* * *

איינוועגס, וואס מיר האלטן דא אין רעדן פון אפטער רב'ס הקפדה, ווען מיר דערציילן אן אינטערעסאנטן עפיזאד אין דעם אנגע-לעגנהייט.

צווישן קאסוב'ער און ראדאוויצ'ער רביים האט זיך געמאכט אמאל א „חילוקי דיעות", איבער די חזקה פון צו וואוינען אין קאסוב. האט זיך געמאכט דאס דער אפטער רב איז געווען אמאל אין קאסוב. האבן ביידע צדדים באשלאסן דאס מ'וועט פארלייגן די טענות פאר'ן אפטער רב, און ווי ער וועט פסק'ענען אזוי וועט בלייבן.

אינ'ם פארלויף פון די פערהאנדלונגען, האט זיך פאר'ן קאסוב'ער צד געדאכט דאס דער אפטער רב הערט דער עיקר אויס נאר דעם ראדאוויצ'ער צד, צו זיי הערט ער זיך כמעט נישט איין. ממילא איז זיכער דאס דער פסק וועט זיין נאר לטובת די ראדאוויצ'ער.

האָט זיך אַ קאַסוב'ער חסיד אַ שאַרפער יונגערמאַן אַ שטעל אויפ־געטאָן אויפ'ן טיש און געזאָגט צום אַפּטער רב:

— רבי, אַז איר וועט נאָר אויסהערן די ראַדאָוויץ'ער חסידים און אונז נישט, זענט איר אַ „נותן יד לפושעים" (איר גיט אַ האַנט פאַר די פאַרברעכער).

הערנדיג די רייד, האָט דער אַפּטער רב באַקומען אַ פאַרענדערטע צורה, דער פּנים זיינער האָט געפלאַמט ווי אַ פייער, ער האָט אַ קוק געטאָן מיט בייזע אויגן אויף דעם יונגערמאַן און געזאָגט:

— האַ, צו וועם רעדסטו דאָס אַזוי יונגערמאַן?! איך מאַך פון דיר שוין אַ „גל של עצמות" (אַ הויפן מיט ביינער).

די קאַסוב'ער חסידים אַליין האָבן געהאַלטן דאָס ער האָט זיך צופיל ערלויבט, און ער איז איינגעשטעלט מיט'ן לעבן. זיי האָבן אויף אים געשריגן:

— געוואַלד! וואָס האָסטו געטאָן?! דער אַפּטער רב וועט דיך פאַרברענען מיט זיין הקפדה.

דער יונגערמאַן האָט זיך שוין תיכף נישט גוט געפילט. ער האָט פאַרשטאַנען דאָס ער האָט איבערגעכאַפּט די מאָס, און ער איז אין סכנה. ער איז שנעל צוריק אַרויפגעשפּרונגען אויפ'ן טיש, און געזאָגט צום אַפּטער רב:

— רבי, מיר זאָגן צום אויבערשטן איעדעס יאָר, אין יום כפור ביי נעילה „אתה נותן יד לפושעים" און ער איז גאַרנישט בייז, און איך האָב אייך נאָר איינמאָל געזאָגט, זענט איז שוין אַזוי בייז אויף מיר.

דער טרעפליכער זאָג פון דעם קאַסוב'ער יונגערמאַן האָט שטאַרק בעאיינדרוקט דעם אַפּטער רב. ער האָט אַ שמייכל געגעבן צו דעם יונגערמאַן און געמאַכט מיט דער האַנט אַ תנועה פון פּיוס.

— יא —

דער יונגערמאַן, דער ריזשענער חסיד, האָט געהיטן דעם רבי'נס אָנזאָג, נישט צו־ווייזן זיך פאַר'ן אַפּטער רב, ביי קיין שום געלעגנהייט.

ווי ס'איז אַריבער בערך זיבן יאָר פון די מעשה, האָט זיך געמאַכט דאָס דער ריזשענער האָט זיך משדך געווען מיט'ן אַפּטער רב, זיינס אַ קינד מיט'ן אַפּטער'ס אַן איניקל. מ'האָט געפּראַוועט אַ גרויסע חתונה.

א סאך וועלטבארימטע רבי׳ס צוזאמען מיט זייערע חסידים זענען גע־קומען אויף די חתונה, א חוץ אלע ריזשענער און אפטער חסידים. ס׳האט זיך פארזאמעלט אן עולם פון א סאך טויזנטער מענטשן.

דער יונגערמאן דער ריזשענער חסיד, האט ביי זיך געקלערט, ווי קען ער דאס אריבערטראגן דאס זיין רבי מאכט חתונה און א וועלט קומט צו פארן, און ער זאל נישט זיין? ער האט געטראכט דאס זיבן יאר זענען שוין פאריבער, די דריי יאר וואס פעלט נאך צו די צען, דאס מאכט שוין נישט אויס. זיין רבי וועט אים שוין באשיצן. ער האט בא־שלאסן צו זיין אויף די חתונה.

ביינאכט ביי די סעודה, דער ריזשענער מיט׳ן אפטער זענען געזעסן פון אויבן אן איינער נעבן אנדערן. דער יונגערמאן האט גע־קלערט, פאר בעווארעניש וועגן, וועט ער אזויפיל טאן, דאס ער וועט שטיין הינטער די כסא ביי די וואנט, אזוי וועט אים דער אפטער רב נישט זען. ס׳איז קיין שום סברא דאס דער אפטער רב זאל זיך אין מיטן סעודה אויסדרייען צו דער וואנט. און איינוועגס וועט ער כאטש אלעם הערן געניי וואס זיין רבי רעדט.

אין מיטן דער סעודה האט זיך געמאכט עפעס א סיבה, דאס דער אפטער רב האט זיך דווקא יא אביסל אויסגעדרייט צו דער וואנט, און ער האט באמערקט דעם דאזיגן יונגערמאן.

דער אפטער רב האט א זאג געטאן איבערראשט:

— דו לעבסט נאך?

דער ריזשענער האט באמערקט וואס דא קומט פאר, האט ער זיך הערשראקן, און געזאגט צום אפטער רב:

— מחותן, פארשטערט אונז נישט די שמחה!

דער אפטער רב, גלייך ווי ער וואלט נישט געהערט דעם ריזשע־נער׳ס רייד, האט געזאגט ווייטער:

— א פלא, איך האב געמיינט דאס ער איז שוין לאנג דארטן...., דערווייל זע איך אים גאר דא.

דער ריזשענער האט געזען אז ס׳איז גרויס די סכנה, האט ער א זאג געטאן צום אפטער רב:

— מחותן, ס׳איז נישט דער יונגערמאן וועם איר מיינט.

— וואס הייסט נישט דער — זאגט דער אפטער רב — און ער גיט נאכאמאל א גוטן קוק, ער קוקט און קוקט, צום סוף זאגט ער צום ריזשענער:

— אוי, מחותן, איר זענט דאך גערעכט, ס'איז טאקע נישט דער וועם כ'האב געמיינט. איך האב געהאט א טעות. כ'האב טאקע נישט פארשטאנען ווי ס'קען זיין. איך האב דאך אים שוין געזען אין די תכריכים, ווי מ'טראגט אים ארויס אין בית עלמין און מ'ברענגט אים צו קבר ישראל. זאל ער האבן א תיקון.

ס'איז טאקע נישט דער יונגערמאן — האט דער אפטער רב איבערגעחזר'ט.

דער ריזשענער האט געוואונקען מיט די האנט אויף הינטן, דאס ער זאל שוין ארויסלויפן פונ'ם זאל.

צומארגנס פון די חתונה, האט דער ריזשענער געזאגט צו דעם יונגערמאן:

— שוין דאס צווייטע מאל וואס דו ביזט מיך מצער. דאס ערשטע איז געווען דעמאלס מיט דיין אומגעלומפערטע לשון הרע. און דאס צווייטע, איצט ביי די חתונה, וואס דו האסט מיך נישט געפאלגט. איך האב דאך דיר געזאגט, דאס ביז צען יאר זאלסטו דיך נישט ווייזן פארן אפטער רב.

דו ווייסט וואס כ'האב געטאן פאר דיינעט וועגן — האט דער ריזשענער געזאגט — איך וואלט עס נישט געטאן פאר קיין זאך אין דער וועלט. כ'האב געזען דאס דו ביזט אין א סכנה האב איך זיך באַנוצט מיט א „שם" (א יחוד, וואס ס'שטייט פון האר"י הק' מיט וועלכן מ'קען איינעם פארביטן די צורה) און איך האב דיר פארביטן דיין צורה אין גאנצן, אזוי אז דער אפטער רב האט געזען גאנץ אן אנדער צורה, ווי אן אנדערער מענטש. אזוי האב דיר שוין איצט דאס צווייטע מאל געראטעוועט דיין לעבן.

אבער גיב אַכט, האט דער ריזשענער אויסגעפירט — נאכאמאל וועל איך דיר דאס נישט טאן. היט זיך דאס דער אפטער רב זאל דיך נישט זען ביז ס'וועט פאריבער די גאנצע צען יאר, דאס הייסט אין גאנצן נאך דריי יאר. נאך די צען יאר דארפסטו שוין נישט מורא האבן, כ'וועל מיך שוין אן עצה געבן.

דער זכות פון די צוויי צדיקים, דער ריזשענער און דער אפטער, זאל מגין זיין אויף אונז און אויף אלע אידן, אמן.

דעם איז גוט וועמ ס׳איז צופרידן

(איזהו עשיר השמח בחלקו)

צום בעל שם טוב הקדושי איז ער אריין ר׳ מנשה
געווען א חסיד, און א מטופל א גרויסער
דער רבי זאל פארענטפערן, ס׳באַזשעט אים א קשיא
אז די גמרא איז זיך אליין סותר

פון ראש השנה ביז ראש השנה, איז אלעס באשערט
גיט זיך די גמרא אין ראש השנה א זאג
און א צווייט אָרט, געפונען מיר פארקערט
אז מ׳איז דָן דעם מענטש אלע טאג

פארענטפערן דאס, טוט זיך דער רבי נישט איילן
ער טוט פאר ר׳ מנשה אזוי ערקלערן
א פאָר טאג וועסטו, ביי מיר אין שטוב ווײלן
און די קשיא וועט דיר פארענטפערט ווערן

זיצט זיך ביים רבי׳ן, אונזער איד דער פרעגער
דארט שלאפט ער, דארט עסט ער
אין דרויסן גייט פארביי, הערשל וואסערטרעגער
דער רבי רופט אים, דורכ׳ן פענסטער

דער רבי גיט אים א פארבייס, א ווארעם געקעכץ
ווי גייט די פרנסה? פרעגט ביים פארבייסן
הערשל ענטפערט, מיט א טיפן קרעכץ
אז ס׳קען א הארץ צו רייסן

אוי ! רבי רבי, צרות איבער די אויערן
מיין ביטערע פרנסה, טויג אויף כפרות
הלוואי וואלט מיין מאמע, א שטיין געבוירן
איך זאל נישט קומען צו די צרות

איך שעפ די וואסער, אין אזעלכע קעלט
ס׳ווערט מיר פשוט, געפרוירן די פינגער
כ׳בין דער אומגליקליכסטער, אויף דער וועלט
זיין א תלין, איז שוין גרינגער

די קינדער אין די גאס, ברענען מיר די טריט
קעגן זיי האב איך, גארנישט קיין עצה
כאפן צו אן עמער וואסער, גיבן עס א שיט
אדער זיי שלעפן אראפ, פון די פלייצע

איך דערשלעפ זיך, צו די בעל הבית׳טע אויף די טרעפ
ס׳רייסט די אקסלען, כ׳בין פשוט פארביי
גיב איך א גליטש אראפ, צוזאמען מיט די טעפ
כ׳מוז גיין אנשעפן אויפסניי

איך פארדין א טאג, קוים אויף ראזעווע ברויט
און אויף אינדערפרי, צו מאכן א לחיים
השי״ת זאל מיך אויסלייזן, פון מיין נויט
ווי די אידן פון מצרים

ער פארענדיגט די רייד, גריסט א גוטן טאג
ביים רבי׳ן אין שטוב, זיצט זיך ר׳ מנשה
ער האט אויסגעהערט, הערשעלעס ביטערן קלאג
אבער נאך אלץ קיין תירוץ אויף די קשיא

א צוויי דריי טעג׳ זענען פאריבער
הערשל גייט נאכאמאל פארביי אין דרויסן
דער רבי רופט אים אריין, ווידער
מ׳ווייס נישט, וואס ער איז אויסן

גיט אים א פארבייס, ווי ערשטע מאל געטאן
ווי גייט די פרנסה? טוט ער זיך ערקונדיגן
הערשעלע ענטפערט, מיט א פרייליכן טאָן
רבי, נישט צו פארזינדיגן

מיט אזא ארבעט, קען מען האבן ביידע וועלטן
כ׳גיי זיך פאמעלעך, כ׳יאג זיך קיין טראפ
אזא רואיגע פרנסה׳ גלייב איך איז זעלטן
שטייט מיר קיינער איבערן קאפ

איך שטעק גארנישט איין, נעמען נעם איך ארויס
די וואסער איז אומזיסט, ס׳קאסט נישט קיין געלט
אמת, איך קום נישט אזוי ברייט דערפון אויס
אבער ווער דארף עשירות אויף דער וועלט

כ׳טראג די צוויי עמער וואסער, צו די גבירים
די בעל הבית׳טעם באצאלן דעם זעקסערל גערן
אין מיטן שטעל איך זיך אפ, אויף אביסל תהלים
קיינער טוט מיך נישט שטערן

נו און די קעלט — פרעגט דער רבי — ווען ס׳גיט א פריר?
רבי קעלט איז געזונט, ס׳מאכט נישט קראנק
און מיר זענען דאך דא נישט אין סיביר
די קעלט גערדירט נישט לאנג

טשעפן דיך נישט די קינדער אין די גאס?
מ׳גיט זיך אן עצה, גלעט זיך הערשל דאס בערדל
מ׳דארף נאר האבן א ביסעלע דעת
כ׳קויף זיי אפ מיט א גלייך ווערטל

זייט מתפלל, מ׳זאל מיר די פרנסה נישט שטערן
האט הערשעלע געזאגט ביים אפשידן
כ׳וועל טאקע קיין ראטשילד נישט ווערן
אבער כ׳בין צופרידן

הערשעלעס רייד האט ר׳ מנשה׳ן געפלעפט
אז ער פארדינט היינט נישט מער ווי פריער
דאך איז אים נעכטן, געווען אזוי שלעכט
און היינט איז אים, גוט בלי שיעור

נו, איצט וועלן שוין ביידע גמרות האבן א הבנה
גיט דער בעל שם טוב׳ צו ר׳ מנשה א זאג
אמת, מ׳באשטימט דעם מענטש, פון ראש השנה
און ס׳איז אמת, אז מ׳איז דן אלע טאג

ראש השנה ווערן אלע פארדינסטן׳ באשטימט פאר אידן
און אלע טאג, וועם ס׳זאל זיין גוט אויף דער וועלט
ווייל גוט איז נאר דעם, ווער ס׳איז צופרידן
נישט דווקא, ווער ס׳האט א סאך געלט

די וואס האבן אריבערגעיאגט דעם שטן...

(די נעמען אין די מעשה זענען פיקטיווע)

ר׳ זונדל ליבערמאן איז געווען אן איש מכובד אין מ..., א חסיד׳ישער איד א גביר פון די אנגעזעענע סוחרים אין שטאָט. זיין איידעם וואס ער האט גענומען צו זיין בת יחידה דבורה איז געווען א יונגערמאן א טשאטשקע, ער האט געהייסן אנשיל ראזענבליט, מ׳האט אים גערופן פארצויגן „אנשעלע״. געווען א גרויסער עלוי אין לערנען, דורכגעווייקט אין חסידות, א שיינער א קלוגער מיט אלע מעלות. דאס איז געקומען ר׳ זונדל׳ען, ערשטנס אין זכות פון דעם גרויסן נדן וואס ער האט אריינגעציילט אנשעלע׳ן אין די האנט. און שנית, טאקע אינ׳ם זכות פון זיין טאכטער דבורה, וועלכע איז געווען שטארק א געראטענע, און א פרומע, א צנועה, א קלוגע, און א גרויסע מלומדת אין אידישע זאכן. זי האט געוואוסט ווי אזוי אפצושאצן דעם אוצר וואס זי האט אריינבאקומען פאר א מאן. אנשעלע איז זיך געזעסן אויף קעסט ביי זיין שווער און געלערנט תורה בהתמדה אן שטערונג. און זי האט שטארק נהנה געווען פון זיין קול תורה.

ווען די דייטשן ימח שמם זענען אריין אין מ... זענען אנשעלע מיט דבורה׳ן געווען נאך גאנץ יונג, ארום פינף און צוואנציג יאר אלט, און זיי האבן שוין געהאט צוויי שיינע קינדער א צווילינג פון פינף יאר א אינגל מיט א מיידל, דאס אינגל האט געהייסן משה, און דאס מ׳ העלע רבקה.

נאך א יאר פון צרות און גזירות האבן די דייטשן ארומגענומען א שטח פון פינף גאסן מיט שטעכל-דראט, און באשטימט דאס פאר א געטא פאר די אידן. גרויסע פלאקאטן אויף די ווענט האבן מודיע געווען, דאס יעדער איד מוז אריין גיין אין געטא, און ווער ס׳וועט געפונען ווערן נאך פיר און צוואנציג שעה אויסערן געטא וועט ווערן געטויט.

די ארימע לייט זענען צוערשט אריין אין געטא. זיי האבן

וויניגער וואס איבערצולאזען ווי די עשירים, און דער שרעק פארן טויט האט אויף זיי געמאכט אן איינדרוק. די עשירים האבן זיך נישט אזוי צוגעאיילט מקיים זיין דעם דאזיגן באפעל. א טייל וואס זיי האבן ביי זיך נישט געקענט פועל'ן אזוי שנעל מפקיר צו זיין דעם גאנצען פארמעגן מיט'ן גאנצן האב און גוטס, אפילו ווען ס'איז פארבונדן מיט סכנות נפשות. און א טייל וואס האבן נאך גערעכענט דאס מיט געלט וועט מען קענען עפעס אויספועלן, עפעס פארגרינגערן א.א.וו.

ר' זונדל ליבערמאן, האט זיך אויך נישט צוגעאיילט אריבער־צוגיין אין געטא. מ'דארף נאך אביסל אונטערוואַרטן זען וואס ס'וועט זיין — האט ער ביי זיך געקלערט — ס'איז א שאד מפקיר זיין מיט־אמאל אלעס, דאס געשעפט דאס הויז די מעבל מיט אלע איינריכטונג, אזא בעל בתי'שקייט. אין געטא אריין קען מען זייער ווייניג מיט־נעמען. אין נארמאלן צושטאנד קען מען אין אזא שטח וואס איז באשטימט געווארן פאר א געטא אריין נעמען צוויי טויזנט מענטשן, און איצט שטופט מען דארט אריין צען טויזנט און נאך מער. און אז פאר די מענטשן איז נישטא קיין פלאץ, ווי זאל זיין פלאץ פאר א שטיקל מעבל און אנדערע נויטיגע זאכן?

איז זיך ר' זונדל מיט זיין גאנצע משפחה געזעסן אין שטוב, און איז נישט אריבער אין געטא אין דעם טאג. ער האט געהאט א משרתת א גוי'טע וועלכע האט געהייסן אילאנא. זי האט שוין גע דינט ביי ר' זונדל אסאך יארן, נאך בעפאר דבורה איז געבוירן געווארן. אלע האבן געהאט צו איר צוטרוי, מ'האט איר געהאלטן כמעט ווי א אייגענע. זי האט ר' זונדל אוועק געזעצט אין פאדער־שטיבל, און אנגעזאגט איר, ווען מ'וועט קומען קלאפן אין די טיר, זאל זי עפענען און זאגן אז די איינוואוינער פון די דירה זענען שוין אריין אין געטא. ר' זונדל און זיין ווייב מלכה, זייער טאכטער דבורה מיט איר מאן אנשיל און די צוויי קינדער משה'לע מיט רבקה'לע, זענען זיך געזעסן אין א אינע־ווייניגסטע צימער.

קוים ס'איז פאריבער אפאר שעה, און מ'הערט שווערע טריטן אויפן קארידאר פאר'ן הויז. מ'קלאפט אין טיר און אילאנא עפנט די טיר, עטליכע דייטשע זעלנער צוזאמען מיט א פוילישן זענען גע־שטאנען און געפרעגט זיך אויב ס'איז דא אידן אין דירה. צוערשט האט זי נישט פארשטאנען זייער רעדן, האבן זיי זיך צושריגן, און

דער פוילישער זעלנער האט איבערגע׳חזר׳ט די שאלה אויף פויליש. האט אילאנא געוויזען מיט די פינגער אויף אינעווייניג:

— אט דארט!

ווי די דייטשן זענען אריין אין די אינעווייניגסטע צימערן, און דערזען דארט זיצן ר׳ זונדל מיט זיין משפחה, האבן זיי זיך אנגעצינדן מיט א כעס און רציחה, געשריגן און געזידעלט מיט שרעקליכע קולות, אז זיי גייען נישט שוין אין די מינוט ארויס אלע ווערן זיי דערשאסן אויפן ארט. זענען זיי נעביך אלע ארויסגעלאפן קוים מיט די נשמה, און גלייך ארייגעלאפן אין געטא אריין.

איז פאר ר׳ זונדל און זיין פאמיליע אויסגעקומען נאך ערגער ווי פאר אנדערע. ער האט נישט מיטגעבראכט מיט זיך אפילו נישט א שוכן-בענדל, וויניגער ווי אלע ארימע לייט. א חוץ אביסל מזומן וואס ער האט געהאט אין די קעשענע. און גראדע האט די טאכטער דבורה אויך געהאט ביי זיך א ביסל מזומן.

— ב —

דאס לעבן אין געטא, האט זיך נישט געקענט אנרופן „לעבן" פון די ערשטע מינוט. די וועלכע האָבן נישט געהאט גארנישט, האבן אנגעהויבן צוהונגערן תיכף דעם ערשטן טאג. די וועלכע האבען געהאט עפעס געלט אדער ווערט-זאכן, האבן אנגעהובן צוהונגערן נאך צוויי דריי טעג אדער נאך א וואך.

ר׳ זונדל מיט זיין משפחה זענען געווען פון די גליקליכע. די ערשטע וואך האבן זיי נישט געהונגערט נאך א שטיקל ברויט. ר׳ זונדל האט באצאלט פאר א ברויטל וויפיל מ׳האט נאר געבעטן, און געבעטן האטמען פאנטאסטישע פרייזן, דערווייל האט ר׳ זונדל׳ס פאמיליע געגעסן.

ס׳איז פאריבער א וואך-צוויי. ר׳ זונדל׳ען האט זיך אויסגעלאזט דאס געלט. ס׳איז אים אויך שוין אויסגעקומען צוהונגערן צוזאמען מיט זיין פאמיליע. און אין אלגעמיין איז דאס לעבן אין געטא געווארן אומדערטרעגליך. מענטשן, יונגע און אלטע זענען געפאלן טויט פון הונגער אין די הייזער און אין די גאסן. אויסערדעם זענען די דייטשן יעדע פאר

טאָג געקומען און געמאַכט סעלעקציעס. אויסגעקליבן אַלעמאָל אַ פּאָר הונדערט שוואַכע און אַלטע און קינדער און אַוועקגענומען. יעדער האָט געוואוסט דאָס זיי גייען צום טויט. און אין די גאַס אַראָפּצושיסן אַ איד אַ פרוי אַ קינד דאָ דאָרטן, דאָס איז ביי די דייטשן געווען נאָר אַזאַ מין ספּאָרט, אַ פאַרווייִלונג.

ס׳איז געווען אידן פּיפּיגע וואָס האָבן נאָך פּראָבירט עפּעס צו־האַנדלען, פאַרדינען אַ גראָשן פון וואָס עס לאָזט זיך. איז געווען אַזעלכע וואָס האָבן עפּעס אַן אופן אַריינגעשוואַרצט פון דרויסן סם, אַזעלכע קליינע פּילן, וואָס ווען מ׳האָט דאָס אַריינגענומען איז מען אויסגעלייזט געוואָרן פון הונגער און פון אַלע צרות מיטאַמאָל. דאָס איז גראָדע געווען אַ טייער אַרטיקל. מענטשן אין געטאָ האָבן פאַרדעם באַצאָלט אַסאַך געלט, מ׳זאָל דאָס האָבן אין באַזיץ. מ׳קען נישט וויסן וואָס די צרות און פּייניגונגען וועלן מיט זיך מיטברענגען, זאָל מען אַלץ האָבן די ברירה צומאַכן אַ סוף פאַר די יסורים.

איינמאָל אינדערפרי האָט דבורה באַגעגנט אַ יונגערמאַן, וועלכער האָט שטילערהייט געטראָגן זיין סחורה, אַ קליין פּעקעלע סם, פון גאָר אַ שטאַרקע סאָרט, מ׳נעמט נאָר „איין" קליינע ווייסע פּילעכל און מ׳איז פאַרטיג. דבורה האָט אַ קלער געטאָן אַז זי דאַרף דאָס האָבן אין איר באַזיץ „על כל צרה שלא תבא" וואָס ס׳זאָל נישט פּאַסירן. מ׳קען נישט וויסן וואָס די צייט וועט נאָך מיט זיך מיטברענגען. נו אוודאי האָט זי נישט געהאַט חלילה אין געדאַנק צוזיין „אַ מאבד עצמו לדעת" נעמען זיך דאָס לעבן, זי האָט געוואוסט די האַרבקייט פון די זאַך. אין אמת׳ן, פאַר יסורים און פאַר׳ן טויט האָט זי זיך נישט געשראָקן מען איז אין אויבערשטנס האַנט, און אַ איד דאַרף אַלעם מקבל זיין באהבה. אָבער זי האָט אויך געוואוסט אַז ס׳איז פאַרהאַנדן אַמאָל, ווען מ׳מעג זיך נעמען דאָס לעבן, ס׳איז דאָ אַ זעלכע זאַכן וואָס זענען „יהרג ואל יעבור" און אויך ווען מ׳וויל איינעם „מעביר על הדת" זיין, און מ׳טוט דאָס מיט די ריינע כוונה דאָס מ׳האָט מורא אַז מ׳וועט נישט קענען עומד זיין די נסיונות אין אידישקייט, די יסורים און פּייניגונגען קענען ברענגען דערצו דאָס מ׳זאָל אָפּקערן פונ׳ם אויבערשטנ׳ס וועג. איז ענדערש ווי צו לעבן ווי אַ גוי און דערצערענען דעם אויבערשטן, איז דבורה גרייט געווען בשמחה צו נעמען זיך דאָס לעבן. אַזוי ווי אַלע צדיקים און צדקניות פון די פריערדיקע דורות האָבן געטאָן, וואָס

האבן זיך מוסר נפש געווען, און אויסגעוועלט זיך דעם טויט ליבערש ווי צו אונטערגעבן זיך דעם שטן חלילה.

דאריבער האט דבורה באשלאסן צוקויפן פון די סחורה. אבער דער יונגערמאן האט נישט געוואלט פאר קויפן נאר דאס גאנצע פע־קעלע מיטאמאל, וועלכעס האט אנטהאלטן א פינף און צוואנציג שטיק־לעך פילן, און פאר דעם האט ער געבעטן גאנץ א היבשע סומע. דבורה האט זיך דערמאנט אז זי האט באהאלטן ביי זיך אביסל געלט, וואס זי האט נאך אריינגעברענגט מיט זיך פון דרויסן, און פונקט האט עס באטראפן די סומע וואס דער יונגערמאן האט געבעטן פאר זיין פעקעלע סחורה. האט זי באשלאסן אפצוקויפן דאס פעקעלע. איי מ׳וועט דאך דארפן קויפן א ברויטל צו דערהאלטן זיך ביים לעבן, האט זי געוואוסט פון דעם פסוק „כי לא על הלחם לבדו יחי׳ה האדם" צו ראטעווען זיך די נשמה איז פריער ווי צו ראטעווען דעם גוף. דעם גוף צו ראטעווען אויף דעם איז דא א באשעפער, אז ער וויל ראטעוועט ער, און אז נישט איז אזוי דער רצון השם, און מ׳דארף עס מקבל זיין באהבה, אבער פאר די נשמה דארף דער מענטש אליין זארגן, אויף ווי ווייט ער האט נאר בכח. דער גוף איז א ציטווייליגע זאך,אבער די נשמה איז אן אייביקייט.

האט זי טאקע נישט א סאך געקלערט, זי האט ארויסגענומען די גאנצע סומע וואס זי האט פארמוגט און זי האט אפגעקויפט דאס פע־קעלע סם. זי האט גקלערט, זיכער איז אזוי מן השמים, דאס זי זאל האבן ביי זיך פון די סחורה נישט נאר פאר זיך אליין. אפשר וועט זי קענען מיט דעם אויך פאר אנדערע טובות טאן. דאס גאנצע פעקעלע איז געווען זייער קליין, זי האט דאס באהאלטן אין א פארשטופט ווינ־קעלע פון איר קליידונג. זי האט באשלאסן אז אן דעם וועט זי זיך נישט רירן. און דערווייל האט זי פון דעם קיינעם נישט דערציילט.

— ג —

אין געטא איז דאס לעבן געווארן ערגער פון טאג צו טאג. דער הונגער אויף א שטיקל ברויט איז געווען שרעקליך. ר׳ זונדל מיט זיין פאמיליע האבן געהונגערט פונקט ווי אנדערע.

די דייטשן האבן נישט געהאט קיין געדולד צו ווארטן ווילאנג דער הונגער וועט אלע ערלעדיגן. זיי האבן גענומען די מענטשן צו

ארבעט, פאַרשידענע אויסגעטראַכטע „עבודת הפרך", פון באַגינען ביז שפּעט אין דער נאַכט. אָבער אַז מ'נעמט גאָרנישט אין מויל, מ'ליגט לגמרי גאָרנישט אינ'ם גוף אַריין, קען דאָך אַ מענטש אפילו נישט אָנ־הייבן צואַרבעטן. האָבן די דייטשן געגעבן פאַר די אַרבעטער אַרבעטס־קאַרטן, און פאַר די וועלכע האָבן געהאַט אַזעלכע קאַרטן, האָט דער דייטש געטיילט איינמאָל אין טאָג עפּעס אַ ביסעל עסן, וואָס ס'איז געווען אויף נישט צו לעבן און נישט צו שטאַרבן. און אַזוי האָט מען זיך געשלעפּט און געזשיפּעט ווילאַנג די אַרבעט מיט'ן הונגער צוזאַמען האָט איינעם אויסגעמאַרט די ביינער, מ'איז געוואָרן פון די „שוואַכע" וואָס קענען נישט אַרבעטן, און ביי די נעקסטע סעלעקציע האָט מען אים אַוועקגעפירט, צוזאַמען מיט אַנדערע שוואַכע און אומפּעאיגע צו אַרבעט,אין אַ אומבאַוואוסטע ריכטונג, פון וואַנעט קיינער איז נאָך נישט צוריקגעקומען. אָבער יעדנפאַלס האָט אַזאַ אַרבעט־קאַרט געהייסן אין די אויגן פונ'ם דייטש, אַ מין באַרעכטיגונג (פּערמיט) צו לעבן. ווער ס'האָט אַזאַ אַרבעטס־קאַרט נישט געהאַט אין זיין באַזיץ איז געווען שוין לכתחילה פאַראורטיילט צום טויט.

אַנשיל און דבורה האָבן נישט באַקומען, בעסער געזאָגט נישט גענומען קיין אַרבעטס־קאַרט. וואָס איז די סיבה ? אַנשיל מיט דבורה'ן האָבן זיך דורכגערעדט. וואָס וועט זיין מיט'ן חינוך פון די קינדער? דער דייטש, וואָס האָט געקוקט מיט בייזע אויגן אויף יעדן קינד, און ווי ער האָט באַגעגנט אַ קינד, איז ער תיכף צוגענומען געוואָרן און אַ סאַך מאָל דערשאָסן אים אויפן אָרט, האָט אַרויסגעגעבן אַ באַפעל, אַז קיין שום אונטערריכטונג פון קינדער טאָר אין געטאָ נישט פאָר־קומען. און וואו מ'וועט אויפדעקן אַזאַ נעסט פון אונטערריכטונג איז גאָר איבעריג צוזאָגן, דאָס דער אונטעררירכטער צוזאַמען מיט די קינדער וועלן תיכף ליקווידירט ווערן. דער דייטש האָט געוואָלט מיט דער ביטערער גזירה אונטערגראָבן, — אַ חוץ דעם פיזישן צושטאַנד — אויך דעם מאָראַל און גייסטיגן צושטאַנד פון די אידן אין געטאָ.

אַנשיל און דבורה האָבן זיך אַרומגעקוקט. דערווייל לעבט מען דאָך אין געטאָ, ווי מ'לעבט שוין, און דאָס קען זיך אַזוי ציען אויך יאָרן. און אפשר וועט מיט דער צייט דאָך קומען עפּעס אַ ישועה. אין דערווייל די קינדער אין געטאָ גייען אַרום פּוסט און פּאַסט אָן שום חינוך, זיי וואַקסן ווי ווילדע חיות. די עלטערן זענען אַ גאַנצן טאָג ביי

דער ארבעט, די קינדער זענען הפקר, און ממילא פאלן זיי צוביסלעך אריין אין די הענט פונ׳ם דייטש. מ׳דארף מיט די קינדער לערנען, מ׳דארף זיי ערציען, און האלטן זיי אויף איין פלאץ צוזאמען. דאס וועט זיין א שוץ פאר זייער נשמה און אויך פאר זייער גוף.

דבורה האט דא גענומען דעם איניציאטיוו נאך מער ווי אנשיל, זי האט אנשיל׳ען מחזק געווען, אז זיי ביידע זאלן זיין די ערשטע וועג-ווייזער אריינצוווארפן זיך אין דער ארבעט.

אנשיל האט צוגעשטימט צו אירע רייד מיט׳ן גאנצן הארץ. און ס׳איז ביי זיי געבליבן, דאס אנשיל וועט זיך נעמען לערנען מיט די אינגלעך און דבורה מיט די מיידלעך. איז די ערשטע פארבאדינג פאר דעם האט געדארפט זיין, נישט צו זיין רעגיסטרירט און נישט צו נעמען קיין ארבעטס-קארט. דער וואס האט א ארבעטס-קארט מוז דאך איעדן טאג ערשיינען צו דער ארבעט, פון אינדערפרי ביז שפעט ביינאכט. און אז ער פעלט איינמאל קומט מען אים זוכן. אבער דער וועלכער האט נישט גענומען די ארבעטס-קארט און איז גאנצן נישט רעגיסטרירט ביי זיי, דער איז פריי א גאנצן טאג צו טאן וואס ער וויל. דערפאר איז ער אבער אויסגעשטעלט צו די צוויי גרויסע סכנות. איינס, געכאפט צו ווערן — בפרט ביי א סעלעקציע אין די הייזער, וועלכעס איז גאנץ אפט פארגעקומען — און תיכף פארשיקט צו ווערן צום טויט. דאס צווייטע, פשוט אויסצוגיין פאר הונגער. ווער שמועסט נאך דאס דריטע, געכאפט צו ווערן ביי אונטערריכטן קינדער, וועלכעס איז אליין געווען פאר זיך א טויט שטראף.

דבורה איז געווען אנטשלאסן ביי זיך פעסט, נישט צו קוקן אויף די אלע סכנות.

אין אזא צייט — האט זי מסביר געווען פאר אנשיל׳ען — האט נישט קיין זין צו באווארענען דעם גוף אליין, וועלכער איז סיווי יעדע מינוט איינגעשטעלט, אזוי צו אזוי, יעדער טאג גייט דורך מיט נסים. ווילאנג מ׳לעבט דארפמען זארגן פאר די נשמה, פאר׳ן גייסטיגן אויפ-האלטונג. מ׳דארף צוגרייטן אידישע קינדער צו אלע אומשטענדן. איי דער הונגער נאך א שטיקל ברויט — אז מ׳האט נישט קיין ארבעטס-קארט? ס׳איז דא א פאטער אין הימל, ער וועט שוין באשערן, ווילאנג ער וויל איינעם האלטן ביים לעבן וועט מען לעבן. און אידן זענען

רחמנים בני רחמנים, מ׳וועט זיך רעכענען מיט זייער אַרבעט און מ׳וועט זיי אָפּטיילן אַ ביסן, צו דערהאַלטן זיך ביים לעבן.

אַנשיל מיט דבורה האָבן זיך אַריינגעוואָרפן אין דער אַרבעט מיטן גאַנצן ברען. אַנשיל האָט געלערנט תורה מיט אינגלעך, און דבורה האָט אונטערריכטעט מיידלעך. אַנשיל האָט זיך געזוכט עפּעס אַ בעהאַלטן פּלאַץ אַביסל ווייט פון זייער שטוב. און דבורה האָט זיך אויסגעקליבן דעם קעלער אונטער זייער שטוב וואו זיי האָבן געוואוינט אין געטאָ. ס׳איז געווען אַ טיפער פינסטערער קעלער וואָס מ׳האָט אים שוין לאַנג נישט באַנוצט צו גאָרנישט. מענטשן האָבן איר געהאָלפן דאָס אַביסל אויסרייניגן, מ׳זאָל קענען אַריינגיין. און מ׳האָט צוזאַמען געקלאַפּט פון ברעטער אַ לאַנגן טיש, וואָס האָט זיך געצויגן פונ׳ם אַריינגאַנג ביז איבער די לענג פונ׳ם קעלער, און אויך צוגעגרייט צוויי לאַנגע בענק אַרום דעם טיש. אין אַ קורצע צייט האָט שוין דבורה געהאַט אַרום זיך אַ דרייסיג מיידלעך, אין עלטער פון ניין-צען יאָר. איר מיידעלע רבקה׳לע וועלכע איז נאָך נישט אַלט געווען קיין זעקס יאָר, האָט זי אויך זעלבספאַרשטענדליך געהאַלטן צווישן די איבעריגע מיידעלעך, סיידוי האָט זי נישט געהאַט אויף וועם זי איבערצולאָזן, אירע עלטערן ר׳ זונדל מיט זיין ווייב זענען אויך אַ גאַנצן טאָג געווען ביי דער אַרבעט. און ס׳פאַרשטייט זיך, אַז דאָס זעלבע האָט אַנשיל געמוזט נעמען צוזיך — ביים לערנען מיט די אינגלעך — זיין משה׳לען ווייל ער האָט סיידוי נישט געהאַט אויף וועם אים איבערצולאָזן.

דבורה איז געווען באַשאָנקען מיט אַ אויסערגעוויינליכען טאַלאַנט צו אונטערריכטן קינדער. זי האָט די מיידעלעך ווי צוגענאַגלט צו זייער פּלאַץ מיט אירע שיינע מעשיות וואָס זי האָט זיי דערציילט. אויבצוואָר די קינדערלעך זענען אַלע געווען אויסגעהונגערט, שוין לאַנג וואָס זיי האָבן נישט געגעסן צו דער זאַט. אָבער דבורה האָט זיי געקענט אַזוי שטאַרק פאַראינטערעסירן מיט אירע שיינע ריידעלעך, דאָס די קינדער האָבן פאַרגעסן פונ׳ם הונגער, זיי האָבן נאָך אַפילו אַרויסגעבראָכן אַשמייכעלע אויף די ליפּן. דבורה האָט מיט זיי אויך געזונגען שיינע פּרומע לידעלעך. ס׳פאַרשטייט זיך דאָס אַלעס שטילערהייט, ס׳זאָל זיך נישט אַרויסהערן אין דרויסן. דער עיקר לערנען מיט די קינדער איז געווען אויף אויסנווייניג, ווייל ספרים און סידורים איז זייער ווייניג געווען. דבורה האָט מיט זיי געלערנט די ברכות

אויסגעוויינט, און זי האט זיי דערציילט פארשידענע מעשיות פון קידוש השם.

— ד —

דארט אין דעם געטא פון מ..., איז געווען צונויפגענומען אן ערך פון צען טויזנט נפשות. ס׳פארשטייט זיך דאס אין אזא מענגע מענטשן, פארוואָרפט זיך פארשידענע עלעמענטן. איבערהויפּט אין אזא ביטערע צייט וואס מענטשן האבן זיך פארלוירן דעם קאפּ, און וועגן עפּעס א דאכטעניש צו קענען ראטעווען זיך דאס לעבן, האבן מענטשן פארלוירן דעם גלייכגעוויכט און מ׳האט אפגעטאן זאכן וואס אין נארמאלע צייטן וואלט מען עס אפילו אין ווייטן חלום נישט פארגעשטעלט זיך צו טאן.

ס׳איז געווען אזעלכע פארדארבענע לייט, וואס האבן זיך פארקויפט די נשמה צום שטן. און דער דייטש האט זיי אויסגענוצט צו זיינע טייוואלישע צוועקן. זיי זענען געווארן מוסרים, אפשר וועלן זיי זיך אזוי ראטעווען דאס לעבן, אדער אפילו פאר צובאקומען מער מיט אברויטל וכדומה. די חברה האבן נאכגעקוקט און געלויערט אויף יעדן ערשיינונג אין געטא, און ווען זיי האבן געהאט עפּעס וואס צו מסר׳ן, איז ביי זיי געווען אגאנצער גליק. ס׳פארשטייט זיך דאס אזעלכע פארדארבענע נשמות איז געווען זייער ווייניג, אבער ס׳איז געווען.

איינער אזא מין אויסוואורף האט גע׳מסר׳ט דבורה׳ן זי לערנט מיט קינדער אינם קעלער, אונטער די און די נומער.

דבורה האט דערהערט עפּעס אגערודער פון דרויסן, וואס איז איר געווען שטארק פארדעכטיג. לכתחילה האט זי איבערגעהאקט איר רעדן. אבער זי האט זיך בארעכנט אז זי קען נאך ארויסרופן א פאניק צווישן די קינדער, און אפשר איז די גאנצע נאר א געדאכטעניש, האט זי פארגעזעצט איר אונטערריכטן מיט א שטילן טאן. דאס שטילע רעדן האט שוין אויך גורם געווען צווישן די קינדער א שרעק. דער גערודער אין דרויסן האט זיך געשטארקט, ס׳איז געווארן דערפון ארעש און א טומל, און דער טומל האט זיך גענענטערט אלץ מער צום קעלער. דבורה׳ס הארץ האט אנגעהויבן צוקלאפן שטארקער. זי האט נאך גערעדט אביסל צו די קינדער מיט א ציטערדיג קול, אבער זי האט זיך

מיישב געווען, ליבערשט נישט צו רעדן גאַרנישט ווי מיט אַזאַ ציטערדיק קול. זי איז שטיל געבליבן און געהייסן אַלע קינדער זיין שטיל. זי האָט אויסגעלאָשן דאָס לעכטל וואָס האָט געברענט אויפן טיש.

אַ פּאָר מינוטן זענען פאַריבער, פּלוצים האָט מען געהערט שטאַרקע קלאַפּן, אין די טיר פון קעלער. די קינדער זענען געזעסן שטיל מיט איינגעהאַלטענעם אָטעם, און קיינער האָט נישט געענטפערט. די קינדער אין געטאָ זענען שוין געווען אויסגעפּראָוווטע. זיי האָבן געוואוסט, אַז וויינען און בעטן נוצט גאַרנישט אין די צייטן. דאָס שטיינערנע האַרץ פון׳ם דייטש קען מיט דעם נישט ווייך מאַכן. מיטן שווייגן און זיצן שטיל קען מען אים אַמאָל אויסנאַרן. זענען זיי געזעסן און געשוויגן.

אָבער דאָסמאָל איז עס זיי נעביך נישט געלונגען. נאָך אַ פּאָר בריקעס אין די טיר מיט די דייטשע שטיוואַליעס, אין עטליכע געזונטע קלעפּ מיטן ביקס, האָט זיך די טיר איינגעבראָכן, און געעפנט זיך אין די גאַנצע ברייט. אין די טיר איז געשטאַנען אַ דייטשער זעלנער, הינטער אים צוויי פּוילישע אַרויסהעלפער מיט ביקסן אין די האַנט.

דבורה איז געשטאַנען ביים עק טיש, ביי יענעם עק פון׳ם קעלער.

דער דייטש האָט געהאַלטן אַן עלעקטעריש לעמפּל אין די האַנט און האָט אַריינגעלאַכטן אין די פינסטערניש פון׳ם קעלער. ער זעט קינדער קינדער קינדער אַרום און אַרום.

ער גיט אַ באַפעל: — נעמען אַלע!

וואָס דאָס באַדייט, האָבן שוין אַפילו די קינדער געוואוסט אין געטאָ. ווען דער דייטש נעמט צו, דער קומט שוין מער קיינמאָל נישט צוריק.

אין די מינוט האָט דבורה געגעבן עטליכע שפּרינג, און זי איז שוין געשטאַנען פאַרנט צווישן דעם דייטשן זעלנער און די קינדער.

— די קינדער לאָז איך נישט נעמען! האָט זי געשריגן, ווי נישט מיט איר קול.

— דו לאָזט נישט נעמען?! — זאָגט דער דייטש פאַרוואונדערט — און ווער ביזטו?

ער הייבט אויף זיין לעמפּל, און לייכט אַריין אין איר פּנים אַריין.

דער רשע קוקט אָן דבורה׳ן, און ער זאָגט מיט אַ איראָניע:

— נו, אויב דו לאזט נישט, וועט מען זיי נישט נעמען. הערפאר אבער וועט מען דיך נעמען.

איך זע אז דו דרייסט דיך ארויס פון דער ארבעט, כאטש דו ביזט נאך גאנץ גוט ביי די כחות.

דער דייטשער זעלנער גיט א זאג צו די צוויי פאליאקן, אז זיי קענען אוועקגיין.

און צו איר זאגט ער נאכאמאל:

— די קינדער וועלן בלייבן, ווי דיין וואונש איז, סיווי קענמען פון זיי קיין גרויסן נוצן נישט האבן. אבער דו אליין מוזט מיט מיר מיטקומען, דו וועסט דיך מער נישט ארויסדרייען פון דיין פליכט.

ער לאזט זיך גיין מיט איר צוזאמען ארויף צום טויער.

אין דער אמת'ן, האט דבורה — בשעת זי איז אפיגעשפרונגען אויף פארנט — געוואוסט כמעט אויף זיכער, אז די זאך וועט האבן אזא אויסגאנג. נאר זי האט זיך בארעכנט, דאס קודם וועט זי אפווענדן די געדאנקען פון דעם רשע, דאס ער זאל אפלאזן פון די קינדער. זי איז בשמחה גרייט זיך מוסר נפש זיין פאר די דרייסיג קינדער וועגן. אפשר וועלן זיי נאך איבערלעבן די מלחמה, און אויסוואקסן גוטע אידישע מאמעס. איי די נסיונות אין אידישקייט וואס זי קען אויף זיך ארויפברענגען? האט זי זיך געטרייסט דאס זי האט ביי זיך די קליינע ווייסע פילן, דעם געבענטשטן אויסלייזער, אזויפיל צייט און א געלעגנהייט וויפיל זי דארף צו דעם, דאס ארייזצוכאפן אין מויל, אזויפיל וועט זי נאך אלעמאל האבן.

ווי דבורה האט זיך גענומען צו גיין מיט דעם זעלנער, האט זיך איר קליינע רבקה'לע געקלאמערט אין איר און נישט געוואלט אויסלאזן. דער זעלנער האט א זאג געטאן גרויסמוטיג:

— דו קענסט זי מיטנעמען, ווי דו ווילסט, מ'וועט זי שוין מסדר זיין.

דבורה כאפט אן רבקה'לען ביי דער האנט, און זי גייט מיט איר צוזאמען.

ווי מ'איז ארויס פונ'ם טויער צו דער גאס, האט זיך דער זעלנער אפגעשטעלט אויף א ווייל, ער כאפט א שמועס מיט די צוויי פאליאקן וועלכע זענען נאך דארט געשטאנען. אין מיטן האט שוין עמיצער פונ'ם הויף גענומען אלע קינדער פונ'ם קעלער, און זיי שנעל ארויסגעפירט

דורך א טויער וואס איז געווען אין די זייט פונ׳ם קעלער, וועלכעס האט געפירט אין הויף אריין. און מ׳האט זיי אריבער געפירט אין א אנדער הויז.

דבורה שטייענדיג דארט פארן טויער, ווי דער זעלנער האט נאך גערעדט מיט די צוויי פאליאקן, האט זי זיך באַרעכנט, דאס זי האט געטאן אגרויסן פעלער וואס זי האט מיטגענומען די קליינע רבקה׳לע, דאס איז דאך פאר איר א זיכערער טויט, ווען זי בלייבט דא איבער בלייבט זי דאך דערווייל ביים לעבן. האט זי זיך געבעטן שטיל ביי איר מיידעלע, זי זאל צוריקגיין אינ׳ם טויער און ארויפגיין אין זייער שטוב, און זי — די מוטער — וועט נישט אויף לאנג צוריקקומען.

רבקה׳לע איז געווען א פארשטענדליך מיידעלע זי האט איינגעוויליגט צו די מוטערס רייד. און פונקט ווי דער זעלנער האט אנגעהויבן צוגיין, און געוואונקען פאר דבורה׳ן מיטצוגיין. אין דער מינוט האט רבקה׳לע געגעבן א שפרונג צוריק צום טויער פון זייער הויז, און געבליבן דארט שטיין. דער זעלנער האט איבערגעהאקט דעם שטראָז אריבער צוגיין אויף די צווייטער זייט פונ׳ם גאס און דבורה נאך אים א טריט אדער צוויי.

פאר דבורה׳ן איז בליץ שנעל דורכגעלאפן א געדאנק, דאס זי וועט מאכן א פארזוך צו אנטלויפן, און טאקע שוין, וואס קען זי דא דערלייגן. און ווי דער זעלנער האט נאר געלייגט אטריט אויפ׳ן טראטואר פונ׳ם צווייטע זייט פון דער גאס, און דבורה נאך אים, האט זיך דבורה שנעל א קירעווע ארייגעטאן אינ׳ם ערשטן טויער פונ׳ם ערשטן הויז, און באהאלטן זיך אונטער די טרעפ. ס׳פארשטייט זיך אז דאס איז געווען נאר אזא יאוש׳דיגער טריט, וואס מ׳האט קוים געקענט אנרופן „אנטלויפן”, אז דער זעלנער גיט נאר א גיי אריין נאך איר אונטערן טויער טרעפט ער איר תיכף.

ווי דער זעלנער דרייט זיך אוים און זעט אז זי איז נישט דא, ער קוקט אהער אהין, און ער באמערקט אויף דער אנדערער זייט דאס מיידעלע שטיין אונטערן טויער, האט ער גארנישט אנדערש געקלערט נאר אז זי איז צוריק געלאפן אינ׳ם טויער פון זייער הויז. מיט א רציחה׳דיגן כעס און מיט בלוט פארלאפענע אויגן גיט ער א שפרונג צוריק אויף דער צווייטער זייט און אריין אינ׳ם טויער, ער ברעכט אריין אין אלע טירן פון אלע צימערן אינ׳ם אונטערשטן שטאק, דערנאך

לויפט ער ארויף אויפ'ן צווייטן שטאק און טוט דארט דאס זעלבע, ער טרעפט איר נישט. מיט א וואנזיניגין געלויפעכץ לויפט ער צוריק אראפ אונטן, צוכאפן דאס מיידעלע און אויספארשטן איר אויף די מוטער, אבער ער טרעפט שוין נישט דאס מיידעלע.

ער גיט זיך א דריי אהער און אהין, און טופעט מיט די פיס פאר כעס, ער שעמט זיך פאר זיך אליין, פאר זיין דורכפאל. ער קלערט נאך א מינוט, און מאכט מיט די פויסט צום הויז און צו די גאנצע גאס, ער זאגט א דייטשע קללה, און גייט זיך אוועק.

דבורה איז געשטאנען דארט אינ'ם טרעפן-צימער פונ'ם הויז קעגנאיבער זייער הויז, מיט שרעק און הארץ קלאפעניש. יעדער מינוט איז ביי איר געווען ווי א יאר. אז ס'איז דורך א צען מינוט א פערטל שעה, און ס'איז שא שטיל. האט זי זיך איינגעשטעלט און ארויסגעשטעקט א קאפ אין דרויסן, ס'איז שטיל אין די גאס, דער זעלנער איז נישט דא. זיווארט נאך א ביסל, דערנאך כאפט זי זיך אריבער מיט שנעלע טריט אויף דער צווייטער זייט, און זי גייט אריין אין זייער הויז. דארט האט מען זיך געפרייט מיט איר, און מ'האט איר דערציילט מער ווייניגער וואס דא איז פארגעקומען. רבקה'לע האט אויך דערציילט וואס זי האט געזען.

דבורה האט אויפגעהויבן אירע הענט מיט א דאנק צום גרויסן באשעפער, וואס האט איר געהאלפן און אויסגעלייזט פון די הענט פון דעם רשע. און זי האט אויף זיך גענומען צו ווידמען אירע כוחות פון היינט אן נאכמער, אויף מחזק צו זיין אידישע קינדערלעך.

— ה —

דבורה האט איבערגעביטן דעם קעלער אויף און אנדער פלאץ. דארט וואו די רשעים זענען שוין איינמאל געווען, וועלן זיי זיכער קומען אויך דאס צווייטע מאל. איינמאל איז געשען א נס, ווער ווייסט צי ס'וועט נאכאמאל געשען א נס. מ'טאָר זיך נישט פארלאזן לכתחילה אויף א נס.

דבורה האט זיך אריינגעווארפן מיט'ן גאנצן כח אין דעם הייליגן ארבעט. איצט לערנט זי שוין מיט נאך א קלאס, אויך א דרייסיג מיידלעך. די זענען שוין נישט קינדער פון ניין—צען יאר, נאר גרויסע

מיידלעך פון זיבעצן—אכצן יאר. מיט וויפיל איז דבורה אין גאנצן עלטער פון זיי מיט זעקס—זיבן יאר. אבער אין פארשטאנד איז דבורה שוין ווי א גרויסע עלטערע פרוי. און איר פארשטאנד איז נאך געוואקסן צוזאמען מיט איר ארבעט. זי איז געווארן א ערשטקלאסיגע ערציערן, מיט וואונדערבארע פעדאגאגישע כחות. די מיידלעך זענען געווארן צו איר אַנגעקניפּט מיט א געוואלדיגע ליבשאפט, און די זעלבע אויך דבורה צו די מיידלעך.

זי לערנט מיט די מיידלעך די אידישע היסטאריע. ווי אידן האבן אין אלע צייטן געליטן פאר זייער אידישקייט, פאר זייער גלויבן. און זיי האבן דאס אנגענומען מיט ליבשאפט, אבי צו בלייבן טרייע דינערס צו השי"ת.

דבורה האט א גרויסן טאלאנט צוהערציילן א מעשה אזוי ס'זאל ממש לעבן. זי הערציילט זיי פון די גמרא און פון די מדרשים מעשיות פון העלדישע אידישע טעכטער וועלכע האבן געוואוסט ווי צופערטיידיגן און באשיצן זייער כבוד. זייער אידישן שטאלץ, אפילו ווען ס'האט זיי געקאסט דאס לעבן.

די מיידלעך הערן דאס ערשטע מאל די שיינע געשיכטעס, פון אידישע טעכטער וואס האבן באוויזן גרויסע העלדישקייטן כדי מקדש השם זיין. די אויגן זייערע בליטשקעט פאר פרייד, און זייערע הערצער ווערן פול מיט שטאלץ, ס'איז גוט צו זיין א אידישע שוועסטער צו אזעלכע העלדישע פרויען און מיידלעך.

* * *

דבורה איז איצט די פאקטישע מאמע פון די אלע מיידלעך. זייערע מוטערס זענען פארנומען ביי דער ארבעט, צו זארגן פאר א שטיקל ברויט פאר זייערע טעכטער. קענען זיי זיך נישט אומקוקן אויף זיי. דבורה'ס ארבעט איז נאר דאס, צוזארגן פאר די מיידלעך, און דער עיקר פאר זייערע גייסטליכע באהערפעניש, צו־שטארקן זייער הארץ. צוגרייטן זיי צו אלע אומשטענדן און עווענטועלע געשעענישן וואס קען נאך אלץ פארקומען.

מיט וואסערע סכנות דבורה'ס ארבעט איז פארבונדן יעדן טאג און יעדע שעה איז גאר איבריג צו זאגן. אבער דבורה איז אזוי אריינגעטאן אין איר הייליגע ארבעט, אז זי פילט שוין נישט די סכנה, זי שוועבט אין אנדערע וועלטן, צו הייליגן דעם אויבערשטנס נאמען,

צו צוקניפן אידישע קינדערס הערצער צום אויבערשטן ביז צו די לעצטע מינוט פון זייער לעבן. דאס איז איצט איר אידיאל איר מיססיע ביים לעבן.

און אויך ווען א מיידל איז קראנק, שטייט דבורה ביי איר בעט, און טוט זי הערקוויקן מיט וואס זי קען. מ׳דארף שאפן מעדעצינען, דבורה לויפט און שאפט. דבורה׳ס הענט זענען לאנג, זיי דערגרייכן דארט ווי אנדערע הענט דערגרייכן נישט.

יעדער ווייסט אין געטא דאס דבורה איז א עסקנית ,מ׳ווייסט אויך אז זי איז פון א רייכע שטוב, ר׳ זונדל ליבערמאן׳ס בת יחידה, וועלכער איז אלע יארן געווען א נגיד. זי איז דערצויגן געווארן אין אלעם גוטן, ס׳האט איר נישט געפעלט ביי איר פאטער פון פויגל מילך. און היינט קען זי הונגערן אויף א שטיקל ברויט און זי זאל קיינעם נישט דערציילן. און פאר אצווייטע אידישע טאכטער וועט זי גיין און רייסן מויערן און זי וועט איר ברענגען עפעס צודערקוויקן דאס הארץ. יעדער ווייסט אז וואס זי טוט, טוט זי לשם שמים, דאריבער זוכטמען איר צוהעלפן מיט וואס מ׳קען. זי שאפט מעדעצינען און פארשידענע ספעציעלע שפייז געברויכן פאר א קראנקען. מענטשן וואונדערן זיך ווי קען דאס אלעס דבורה באווייזן, דער תירץ איז „סיעתא דשמיא״ אז מ׳וויל טאן, העלפן אידישע קינדער פארן אויבערשטנס וועגן, העלפט-מען איינעם צו פון הימל.

* * *

אין דעם דאזיגן קלאס פון די עלטערע מיידלעך, איז דא פארשידענע סארט. נישט אלע קומען פון פרומע הייזער. למשל איינע איז דא „העלענע״ איצט רופט מען איר שוין חנה, זי איז אויך פון א פרייע שטוב. זי איז גראדע גאר א פארשטענדליכע, און מיט אווארעם הארץ. פארוואס חנה׳ס עלטערן שיקן איר צו דבורה לערנען אידישקייט? ווייל אין געטא האבן זיך די ווייטע אביסל דערנענטערט. די האפנונגען וואס די פרייע האבן געלייגט אויף די גוים, אז זיי וועלן זיי אריינגעמען אין זייערע געזעלשאפט, און מ׳וועט פטור ווערן פון די אידישע צרות, איז געווארן אויסגעבלאזן און צונישט געווארן, נו, וואסערע טעם האט שוין ווייטער דאס גוי׳אישקייט פאר א איד, און נאכמאכן ווייטער די גוים? האבן אין געטא א סאך פון זיי „מהרהר בתשובה״ געווען. ביז

צום געטא האבן חנה׳ס עלטערן באהאלטן פאר חנה׳ן איעדע זאך וואס ס׳האט צוטאן מיט אידן, זי זאל ווי ווייניגער וויסן פון אידישע זאכן, כדי זי זאל זיין ווייט פון די אידישע ליידן. אבער איצט אז דאס האט נישט געהאלפן, און מ׳האט זיי אריינגעווארפן אין געטא גלייך מיט אנדערע אידן, האבן זיי געביטן זייער אויפפאסונג אין דער זאך. זיי ווילן דווקא אז חנה זאל וויסן אלעס וואס ס׳האט צוטאן מיט אידן און אידישקייט. אז מ׳איז יא א איד דארף מען קענען זיך אליין. א מענטש וואס וויל נישט וויסן ווער ער איז און וואס ער אז, איז אומקאנסאקווענט.

שוין דריי טאג וואס חנה איז נישט געקומען צו דבורה׳ן אין קעלער. דאס איז שוין נישט קיין צופאל. אין פערטן טאג איז דבורה געגאנגען זען וואס איז מיט חנה׳ן. ווי זי האט געעפנט די טיר האט זי געזען דאס חנה ליגט אין בעט א קעגן די טיר. חנה איז שוין דריי טאג קראנק, גראדע איז איר שוין אביסעלע בעסער, נאר דער דאקטאר וואס האט איר באזוכט האט פארשריבן א מעדעצין וואס איז איר לעבנס־וויכטיג צו נעמען, ווען נישט קען זי נאך צוריק פאלן אין גאנצן. אבער אירע עלטערן קענען עס נישט קריגן. און דערווייל האבן זיי געמוזט גיין צו דער ארבעט. דבורה האט איר מחזק געווען, און אויסגערעדט מיט גוטע ווערטער. זי האט געבעטן ביי חנה דעם רעצעפט פונ׳ם דאקטאר, און זי האט פארשפראכן דאס זי וועט אנווענדן אלעס מעג־ליכעס צו קריגן פאר איר די רפואה.

דבורה איז נאכגעגאנגען, ביז זי האט טאקע באקומען די רפואה פאר חנה׳ן, און זי איז צו איר צוריקגעגאנגען ברענגען איר די רפואה. גראדע זענען שוין חנה׳ס עלטערן אויך געווען אין דער היים. זיי האבן שטארק געדאנקט פאר דבורה פאר איר איבערגעגעבנקייט. זיי האבן זיך א ביסל אנטפלעקט דאס הארץ פאר דבורה׳ן. זיי זענען דאס נאר א רעליגיעזער קען זיין אזוי אמת׳דיג איבערגעגעבן און געטריי און שוין אינטערעס. און זיי זענען שטארק בעאיינדרוקט פון איר ערליכע אמת׳ע ארבעט מיט די מיידלעך. סוף האט חנה׳ס פאטער געזאגט, דאס ער אליין וואלט געוואלט נעמען זיך פירן א ביסל אידישלעך, ווען איינער זאל אים צו ווייזן ווי מ׳לייגט תפילין, וואלט ער עס גערן אנגעטאן, און אויך אנדערע זאכן. סוף האט ער צו געגעבן, דאס עס טוט אים וויי וואס ער האט זיך ערשט איצט דערוועקט צו די זאכן, ווען מ׳געפינט זיך שוין אין אזא צווייפלהאפטיגן מצב, וואס ס׳איז כמעט שוין זיכער דאס מ׳איז

פארלוירן. אבער ער האט זיך באקלערט, אז ער האט נישט געלעבט זיין לעבן ווי א איד, זאל ער כאטש שטארבן ווי א איד.

דבורה האט אים מחזק געווען, אז תשובה איז קיינמאל נישט שפעט. און אז דער אויבערשטער וויל העלפן האט ער גענוג וועגן ווי אזוי צו העלפן. מ'דארף מקבל זיין דעם אויבערשטנ'ס פירעכץ באהבה. דער עיקר ביי א איד איז נישט די וועלט, נאר יענע וועלט, וואס איז אן אייביגקייט. און מ'דארף זיך פארלאזן אין גאנצן אויפ'ן אויבערשטן. צום סוף האט דבורה פארשפראכן, דאס זי וועט זען א מאן, וועלכער זאל לערנען מיט אים אביסל אידישקייט. כאטש די הויפט זאכן.

ווען דבורה איז צוריק געקומען פון חנה'ן, האט זי זיך דורכגערעדט מיט איר מאן אנשיל, וועלכער איז אויך געווען פארטאן מיטן גאנצן קאפ אין מיט אלע חושים צולערנען תורה מיט אינגלעך אין גרויסע סכנות און אין הונגער. זי האט אים געבעטן דאס ער זאל איינווילינגן צו לערנען אביסל אידישקייט מיט חנה'ס עלטערן, די וויכטיגסטע דינים. ס'איז א גרויסע מצו' צו ראטעווען א נפש מישראל, אינ'ם גייסטיגן זין נאכמער ווי צו ראטעווען זיין גוף. מיט ר' אנשיל האט מען נישט געדארפט א סאך רעדן, ער האט עס גערן געטאן, און ער האט חנה'ס עלטערן צוריק ארויפגעפירט אויפ'ן אידישן אמונה'דיגן וועג.

— ו —

דער טאג — דבורה'ס טאג — איז געקומען... דער טאג פון דעם גרויסן נסיון.

ווען די ערשטע אידן פונ'ם געטא, זענען פארטאגס ארויס פון זייערע הייזער, האבן זיי געזען פלאקאטן אויף די ווענט, מיט גרויסע אותיות. דאס אלע דארפן זיך שטעלן, זייגער ניין איינדערפרי, אויף דעם ליידיגן באדן הינטער דעם געוועזענעם שול. די שול אליין האבן די דייטשן נאך אין די ערשטע טעג פארברענט, מיט די הילף פון די פאליאקן. אבער דעם באדן האבן זיי דאך נישט געקענט ארויסרייסן פון פלאץ, איז דער באדן געבליבן.

קינדער און אלטע זענען פטור פון זיך צו שטעלן. און מ'טאר נישט מיטנעמען מיט זיך קיין זאך אויפ'ן באדן. דאס אלץ איז געשטאנען אין די פלאקאטן.

בליץ שנעל האט זיך די ידיעה צושפרייט אין אלע הייזער פונ׳ם געטא. א שרעק האט אנגעפילט די לופט.

די איינוואוינערס פונ׳ם געטא האבן גוט געוואוסט, דאס פון יעדן שטעלונג קומט קיין גוטס ארויס, נאר שלעכטס. דאס האבן זיי שוין פראקטיזירט אויף זיך אין די פריערדיגע שטעלונגען. יעדע שטעלונג האט זיך ביז אהער געענדיגט מיט׳ן צונעמען א גרויסן חלק פון די אויסגעשטעלטע, און אוועקשיקן זיי אויף א אומבאוואוסטע ארט, פון וואו ס׳איז נאך קיינער נישט צוריקגעקומען...

ס׳הייבט זיך אן א געלויפעכץ. ס׳איז דא א זעלכע וואס ווילן זיך באהאלטן, אבער עס געלונגט זיי נישט. יעדע מינוט שטייגט דער פחד און דער צומישונג אין די מוחות. מ׳גרובעלט זיך צו־געפונען אוועג וויזוי ארויסדרייען זיך פון דעם נעץ, אבער אומזיסט, ס׳איז נישטא קיין וועג. ס׳איז נישט דאס ערשטע מאל וואס מ׳פרובט ביי אזא געלעגנהייט זיך ארויסצודרייען, אויסבאהאלטן, און ס׳איז ליידער נישט דאס לעצטע מאל וואס מ׳איז נישט מצליח.

די שרעקליכע שעה דערנענטערט זיך מיט א שנעלן טעמפא. ס׳איז שוין זייגער אכט. נאך א שטונדע דארפמען שוין שטיין דארט אויפן פלאץ.

ס׳איז דא אזעלכע וואס באשליסן יא מיטצונעמען מיט זיך די קינדער אויבצוואר די קינדער זענען פטור, אבער אויף וועם זאל מען זיי לאזן? אפילו אויפ׳ן בעסטן פאל אז מ׳וועט נישט זיין פון די פארשיקטע, און מ׳וועט נאך פון דארט לעבעדיג צוריק קומען, אבער ווער ווייסט ווילאנג מ׳וועט דארט דארפן שטיין? און אפשר איז דאס גאר א גוטע סגולה — האבן זיך א סאך פרויען געטראכט — צו האלטן א קינד אויפ׳ן ארעם אדער ביי דער האנט. מיט אזא צושטאנד קענמען א מאל ערוועקן רחמים אויף זיך.

אנשיל און דבורה האבן אויך באשלאסן צו נעמען מיט זיך די קינדער. אנשיל וועט האלטן משה׳לען ביי דער האנט און דבורה רבקה׳לען.

יעדע משפחה וויל שטיין צוזאמען, אז מ׳זאל תיכף זען וואס ס׳פאסירט צו זייערע נאנטע. ר׳ זונדל און זיין ווייב מלכה, אנשיל מיט דבורה מיט זייערע צוויי קינדער, זענען אלע זעקס געשטאנען צוזאמען. אויפ׳ן באדן זענען שוין געווען טויזנטער מענטשן און ס׳קומט כסדר

נאך צו. ס׳איז געווען א הייסער זומער־טאג, די זון האט שוין גוט געבראטן און געקלאפּט מיט אירע שטראלן איבער די קעפּ פון די מענטשן אונטערן פרייעם הימל. אן אנגעצויגענע שטילקייט האט געהערשט איבערן גאנצן באדן.

ס׳איז פאריבער א קורצע שטונדע, און א קייט פון באוואפנטע עס־עס לייט האבן ארומגערינגלט דעם גאנצן באדן מיט די מענטשן. און מיט זיי אויך א כאפּטע פּוילישע ארויסהעלפערס. דער פחד האט געשטיגן.

מיטאמאל האבן זיך די פּוילישע ארויסהעלפערס גענומען צו דער ארבעט. זיי האבן געשטויסן דעם גאנצן עולם אויף איין זייט פון׳ם באדן, אויף דער רעכטער זייט. געשלאגן און געהאקט איבער די קעפּ מ׳זאל זיך רירן אריינצו און אריינציר, זיי האבן געשטופּט דעם עולם און צוזאמען געפּרעסט, אזוי אז אויף דער לינקער זייט איז איבערגע־בליבן א היבשער שטח ליידיג. זיי האבן אלע אוועקגעשטעלט אין לאנגע גלייכע שורות פון איינציגע מענטשן, יעדע שורה האט זיך געצויגן איבער די גאנצע לענג פון׳ם באדן, און צווישן איין שורה און די צווייטע איז געבליבן ליידיג אויף צו קענען פאר א מענטש דורכצוגיין.

ס׳האט זיך באוויזן א דייטשער הויכראנגיגער אפיציר מיט א סאך שטערן אויפ׳ן שולטער, אין דער רעכטער האנט האט ער געהאלטן א גומינעם שטעקן. ער האט אנגעהויבן צו גיין צווישן די שורות, און עטליכע ארויסהעלפערס נאך אים. מיט א בייג מיט׳ן שטעקן האט ער געוויזן אהער און אהין וועם מ׳זאל ארויסנעמען פון די שורה, און אוועק שטעלן אויף דער לינקער זייט פון׳ם באדן, דארט ווי ס׳האט זיך געהאט פריער אויסגעליידיגט.

בשעת דער אפיציר האט געטאן זיין ארבעט, איז יעדער געווען פארנומען מיט זיך און מיט זיינע ארומיגע, צי מ׳נעמט נישט איינעם פון זיין משפחה. און די וואס האבן געזען נעמען ארויס איינעם פון זיינע אנגעהעריגע, זענען אריינגעפאלן אין א פאניק און א היסטעריע, און גענומען זיך געוואלדעווען, און די פּוילישע ארויסהעלפערס האבן אויף זיי אראפּגעלאזט א האגל מיט קלעפּ, אזוי אז זיי האבן גארנישט געזען מער וואס ס׳טוט זיך.

נאכדעם ווי דער אפיציר האט געענדיגט זיין ארבעט און א׳ז ארויס פון די שורות, האבן אלע אויפגעהויבן די אויגן צו קוקן אויף

דער לינקער זייט ווען מ׳האָט אַלץ אַהין אַרויסגענומען. האָבן זיי געזען אויף דער לינקער זייט שטיין נישט מער ווי אַן ערך הונדערט מיידלעך, פון זיבעצן, אַכצן, ניינצן יאָר, די קײַט פון די באַוואָפנטע עס־עס לײַט וואָס האָט אַרומגענומען דעם באַדן האָט זיך פונאַנדער געלאָזט, און זיי האָבן אַרומגערינגלט די אויסגעקליבענע הונדערט מיידלעך.

דער גאַנצער עולם איז געוואָרן שאַקירט, די עלטערן פון די מיידלעך האָט אָנגעכאַפּט אַ האַרץ קלעמעניש. ס׳האָט זיך אָנגעהויבן אַ געבונטעוועכץ, פון דאָ און פון דאָרטן האָט זיך געהערט אומבאַנומענע קולות, מאַמעס שרײַען, טאַטעס הייבן פויסטן, מ׳מוז עפּעס טאָן צו־ראַטעווען די קינדער. אָבער וואָס קענען טאָן?

אַ פּאָר עלטערע מענער מיט פרוּוען האָבן אָנגעהויבן צו שטופּן זיך און דערנענטערן זיך צו די מיידלעך. די וואַך אַרום די מיידלעך האָבן זיי דערלאַנגט מורא׳דיגע קלעפּ אויפ׳ן פּנים און אויפ׳ן קאָפּ ווי ס׳לאָזט זיך. אָבער די מענטשן האָבן נישט אָפּגעלאָזט. די עס עס לײַט האָבן פּרובירט צובאַרואיקן:

— פּאַר די מיידלעך וועט קיין שלעכטס פּאַסירן, זיי ווערן גענומען צו דער אַרבעט. אַזאַ מין אַרבעט וואָס מ׳דאַרף דערצו דווקא פרויען הענט.

אָבער די עלטערן האָבן געשריגן, דאָס זיי ווילן זיך נישט שיידן מיט די קינדער. און זיי האָבן פּרובירט זיך מיט געוואַלד אַרײַנרײַסן אין דער לינקער זייט.

פּלוצים האָט זיך געהערט אַ שאָס און נאָך אַ שאָס און נאָך אַ שאָס. איינער איז געפאַלן טויט פון צווישן עולם, און צוויי שווער פאַרוואונדעט. דעמאָלט האָט מען שוין איינגעזען אַז ס׳איז נישט דאָ וואָס צו טאָן. דער עולם איז געבליבן צוריק שטיין אויף דער רעכטער זייט, און די מיידלעך אויף דער לינקער זייט.

דבורה האָט געקוקט מיט פיבער און מיט דורכדרינגלעכע פלאַמענדיגע אויגן אַרײַן צווישן די מיידלעך. אין איין ווינקל האָט זי באַמערקט שטייט אַ גרופּע פון אַ צוואַנציג מיידלעך אַלע אירע תלמידות. זיי שטייען צוזאַמען אַ ביסל אָפּגעזונדערט פון די איבעריגע. זיי זײַנען נישט גענומען געוואָרן פון איין אָרט, אָבער נאָכדעם האָבן זיי זיך געצויגן איינער צום אַנדערן, ביז זיי האָבן זיך צוזאַמען געקליבן אַלע צוואַנציג אין איינעם.

דבור׳הס הארץ האט געברענט, און געקלאפט ווי מיט א האמער. זי האט געוואוסט אז ס׳איז איר נאר א פאר מינוט געבליבן עפעס צו טאן. באלד וועט מען אלע מיידלעך פון דא אוועקפירן.

אזוי קוקענדיג ארײן צווישן די מיידלעך, האבן זיך אירע אויגן באגעגנט מיט חנה׳ס אויגן. חנה איר ליבלינג תלמידה, וועם זי האט מקרב געווען צו אידישקייט, און זי איז איר געווען ווי א מאמע. דבורה האט באמערקט אין חנה׳ס אויגן בליקן פון יאוש און פון געבעט.

מער האט דבורה נישט געקענט אפילו א מינוט איינהאלטן. זי האט אויסגעלאזט רבקה׳לעס האנט און האסטיג געגעבן א טריט צום וועג צו דער לינקער זייט.

אנשיל האט תיכף באמערקט, און האט אויסגעשטערקט א האנט אנצוכאפן איר און אפהאלטן, ער האט אבער נישט אפגעהאלטן, ער האט די האנט צוריקגענומען.

ווען דבורה איז געווען אין דעם ליידיגן שטח צווישן דער רעכ־טער און לינקער זייט, האט זי געהערט איר נאמען שרייען מיט א פאר־צווייפלטן דערשראקענעם קול פון איר פאטער ר׳ זונדל, זי האט זיך נישט אויסגעדרייט. זי טאר איצט נישט צווייפלען א סעקונדע. זי מוז איצט טאן דאס איריגע מיט א אייזערנעם באשלוס. דער מינדעסטער צווייפל קען אלעס קאליע מאכן.

ווען זי איז שוין געווען נאנט עטליכע טריט צו די מיידלעך, האבן די וואך־לייט באמערקט ווי איינגע פרוי דערנענטערט זיך מיט געלא־סענע טריט, נישט מיט קיין שרעק און היסטעריע ווי די פריערדיגע. האט איינער פון וואך געפרעגט איר וואס זי וויל? דבורה האט געענט־פערט מיט א אנגעשטרענגטע רואיגקייט, דאס זי וויל זיך צו שליסן צו די גרופע מיידלעך פון דער לינקער זייט.

דער דייטש האט געזאגט מיט א געלעכטער:

— ביסט ווי דיין וואונש איז.

— ביזט זיכער זייער א לערערין — האט דער דייטש געטראפן צום פינטל. דער קייט פון די וואך־לייט האט זיך געעפנט, און דבורה איז ארײן צווישן די מיידלעך.

פאר חנה און אירע חברתא׳ס האט זיך געשטעלט טרערן אין די אויגן, אבער דאס זענען געווען טרערן פון פרייד, א שטיקל טרייסט אין די צרות, א שטיקל גליק אינ׳ם אומגליק. ס׳איז פארט גרינגער איבער־

צוטראָגן די צרות און די שרעק אַז מ׳איז צוזאַמען מיט דבורה׳ן. ווער ווייסט וואָסערע גוטע ווערטער זי וועט נאָך האָבן זיי צו זאָגן צו שטאַרקן זייער האַרץ ביז די לעצטע מינוט, צו גיין אין טויט אַריין מיט שמחה.

דבורה האָט זיך אָנגעשטרענגט צו ווייזן אַ רויִק פּנים, אָבער אין האַרץ האָט איר געקאַכט ווי אַ קעסל. ווער ווייסט אויב זי וועט מצליח זיין צו ראַטעווען די נשמות פון די מיידלעך. מחזק זיין זייערע הערצער אַז זאָלן זיך דערהאַלטן. ס׳שטייט דאָך געשריבן „אַל תּאמין בעצמך" מ׳דאַרף זיך אַליין נישט גלייבן.

זי האָט אויפגעהויבן אירע אויגן צום הימל און געשעפּשעט מיט די ליפּן:

— רבונו של עולם, האַר פון דער וועלט! דו זעסט און ווייסט אַלעס, דו זעסט מיין מסירת נפש און מיין האַרץ. כ׳האָב איבערגעלאָזט מיין פאַמיליע, מיינע עלטערן און מיין מאַן, און דאָס טייערסטע אין לעבן מיינע טייערע פּיצעלע קינדערלעך, כ׳האָב זיי אָוועקגעוואָרפן פון מיר, אַלעס פאַר דיין נאָמען וועגן. העלף מיר רבונו של עולם! העלף... איך זאָל נישט פאַרשעמט ווערן אויף בייזע וועלטן.

* * *

די מענטשן וואָס האָבן צוגעזען וואָס דבורה האָט געטאָן, האָבן געשאָקלט מיטן קאָפּ:

— אַ יונגע פרוי, נעביך אַראָפּ פון זינען, אַן אומגליקלעכע פרוי זי האָט זיך אַליין איבערגעגעבן אין די רשעים׳ס הענט.

באַלד האָט זיך געהערט אַ באַפעל:

— די אַלע פאַרזאַמלטע אויף׳ן באָדן זאָלן זיך פונאַנדערגיין.

די מענטשן האָבן נישט געוואָלט זיך אַזוי שנעל רירן פון אָרט, דער כעס אין האַרץ, און דער רחמנות אויף די מיידלעך איז געווען זייער גרויס. די דייטשע עם לייט, מיט די פּוילישע אַרוים־העלפערס האָבן זיך אַ לאָז געטאָן צווישן עולם, מיט ווילדע געשרייען און שטאַרקע קלעפּ האָבן זיי צוטריבן די מענטשן. דער באָדן האָט זיך צוביסלעך אויסגעליידיקט, ביז צום לעצטן מענטש.

דער לעצטער מענטש איז געווען אַנשיל ראָזענבליט. ער האָט נישט אָפּגעלאָזט זיינע בליקן פון דבורה׳ן פון דערווייטנס, ווילאַנג ער קען זי נאָך זען האָט ער איר געוואָלט זען. זייערע

בליקן האבן זיך באגעגנט איינמאל צווייטמאל דריימאל און נאך און נאך. מיט די באוועגונגען פון זיינע אויגן-לעפל און מיט א שאקל מיט'ן קאפ האט אנשיל געגעבן די הסכמה צו דבורה'ס טאט. זי האט זיך שטארק געפרייט מיט דעם, ס'איז איר אזוי גרינגער, ער איז נישט בייז אויף איר, פארקערט... ער טראגט דעם אחריות פון איר שריט, מיט איר צוזאמען. זי איז נישט אליין מיט אירע געדאנקען און מיט איר אויפאסונג.

— ז —

א באפעל: די מיידלעך זאלן זיך אלע אוועקשטעלן אין שורות.

דבורה איז אויך אריין אין די שורה. די גאנצע גרופע הייבט אן מארשירן. ארום די גרופע א קייט פון וואך עס עם לייט. די שיירה איז אנגעקומען צו די באן סטאציע.

דארט האט א דייטשער אפיציר געהאלטן פאר זיי א קורצע רעדע, אז זיי זאלן וויסן דאס זיי זענען די גליקליכסטע צווישן אלע אידן אין זייער שטאט, ווייל אלע זענען פאראורטיילט צום טויט, אבער זיי — די מיידלעך — וועלן בלייבן לעבן און ס'וועט זיי נישט פעלן צו עסן. נאר זיי זאלן זיין געהארכזאם און טאן זייער ארבעט ווי געהעריג...

דער אפיציר האט געהייסן אלעמען געבן צו עסן, בעפאר זיי שטייגן איין אין די וואגאנען. ער האט זיי געזאגט אז די נסיעה וועט נעמען א פיר-פינף שטונדע, ביז זיי וועלן אנקומען צום ציל פונקט.

מ'האט זיי צוגעברענגט ברויט מיט מארמאלאדע און א היפשע שטיק סאלאמע פאר יעדן איינעם.

די מיידלעך זענען געווען שטארק אויסגעהונגערט. אין געטא איז שוין לאנג נישט געווען וואס צו עסן. ווער שמועסט פון אזעלכע עסעכצער — מארמאלאדע און סאלאמע — האבן זיי שוין לאנג אפילו נישט געחלום'ט. האבן זיך טאקע א סאך פון די הונדערט מיידלעך צוגעכאפט צום עסן אלעם וואס מ'האט זיי דערלאנגט, צו דערהאלטן זיך ביים לעבן.

אבער די צוואנציג תלמידות פון דבורה'ן כאטש זיי זענען

געווען אויך שטאַרק אפגעשוואכט און אויסגעהונגערט — האבן זיך נישט צוגערירט צום עסן. זיי האבן געקוקט אויף דבורה׳ן, זי זאל זאגן איר ווארט.

דבורה האט געגעבן דעם באפעל:

— די ברויט מיט די מארמאלאדע זאלן זיי אלע עסן, אבער צו די טריפה׳נע סאלאמע זאלן זיי זיך נישט אנרירן.

ס׳איז איבריג צו זאגן, דאס אלע האבן געפאָלגט.

דער עס עס אפיציר האט באמערקט, דאס די גרופע עסט נישט די פלייש.

וואס איז דאס? — האט ער געפרעגט — פארוואס עסט איר נישט?

דבורה האט געענטפערט מיט שטאלץ:

—מיר זענען רעליגיעזע, און מיר עסן נישט נאר כשר׳ס.

דער אפיציר האט זיך צעלאכט, און געזאגט:

— איר ווייסט אז דאס קען אייך קאסטן אייער לעבן!

דבורה: — מיר זענען אלע גרייט אוועקצוגעבן אונזער לעבן פאר׳ן גלויבן, און פאר׳ן אויבערשטנ׳ס וועגן.

שטארבען וועט איר ווען מיר וועלן הייסן — האט דער אפיציר געזאגט — דערווייל דארפט איר נאך לעבן און טאן אייער ארבעט.

דער אפיציר האט קודם געקלערט, דאס ער זאל זיי צווינגען צו עסן. ער האט זיך אבער בארעכנט, ער זאל דערווייל נישט אויפרייצן מער די געמיטער. האט ער נאר אזויפיל געזאגט:

— איר וועט שוין בעסער ווערן, איר וועט שוין עסן וואס מ׳גיט אייך. פון אייערע אידישע מנהגים מוזט איר פארגעסן!

* * *

פינף וואגאנען האבן שוין געווארט אויף די שינעס, אחוץ דער לאָקאמאטיוו פון פארנט.

מ׳צוטיילט די מיידלעך אויף פינף קליינע גרופעס, צוואנציג צוואנציג א גרופע. די דייטשן מישן זיך נישט אינ׳ם טיילונג. אלע קענען זיך מאכן אליין זייער גרופע. דבורה מיט אירע צוואנציג תלמידות זענען אליין א גרופע פאר זיך, אויבצוואר זיי זענען צוזא־מען איין און צוואנציג, עס ארט זיי נישט די דייטשן, וועט א צווייטע

גרופע האבן נייגצן. יעדע גרופע פארנעמט איין וואגן פון די פינף וואגאנען. דבורה מיט אירע תלמידות האבן זיך באזעצט אינ׳ם דריטן וואגאן, צוויי וואגאנען פאר זיי און צוויי וואגאנען הינטער זיי.

א דייטשער זעלנער פארשליסט די וואגאנען פון דרויסן. און באלד הייבט אן די באן צו פארן.

אין וואגאן הערשט א טויטע שטילקייט. די מיידלעך רעדן נישט ארויס א ווארט.

דבורה איז איצט געווארן נאך א סאך גרעסער אין די אויגן פון אירע תלמידות. אז זיי האבן צוגעזען ווי זי האט איבערגעלאזט אלע אירע טייערסטע, עלטערן, מאן, קינדער, און זי האט פרייוויליג זיך מפקיר געווען און זיך צוגעשלאסן צו זיי, כדי צו זיין מיט זיי אין איינעם און טיילן זיך מיט זייער גורל. אזא מין אפפער האבן זיי זיך אפילו נישט פארגעשטעלט. דאס איז עפעס העכערס פון זייערע באגריפן. דבורה איז א מלאך נישט קיין מענטש, האבן זיי ביי זיך געקלערט.

אין די וואגאנען איז נישט געווען איינגערישט בענק צו זיצן, נאר א גרויסער טעפיך איז געווען אויסגעצויגן איבער די לענג און די ברייט פונ׳ם וואגאן, אויף וועלכן די מיידלעך זאלן זיך קענען אוועקזעצן.

דבורה האט זיך אוועקגעזעצט אויפ׳ן טעפיך אין מיטן דעם וואגאן, און אלע מיידלעך ארום איר אין א רינג. דבורה האט געקוקט אין זייערע אויגן צוקאנשטעטירן וויפיל פחד ס׳לגיט אין זיי. אבער צו איר גרויסע צופרידנהייט האט זי נישט געזען אין זיי קיין פחד נאר רואיגקייט. ס׳איז בעסער צו זיין רואיג ווי איבערגעשראקן.

דבורה האט זיי פארציילט פון פריערדיגע צדיקים און צדקניות, וועלכע האבן געהאט די זכי׳ מקדש השם זיין ביי זייער לעבן און אויך מיט זייער טויט.

זי האט זיי געגעבן אן ערקלערונג איבער די זאכן וועלכע זענען „ייהרג ואל יעבור״ וואס מ׳דארף זיך לאזן ליבערש הרג׳ענען און נישט עובר זיין איבער זיי. און ווער ווייסט וואסערע יסורים און פייניגונגען די רשעים וועלן זיי אפטאן ... זיי האבן דאך שוין געהערט קלאר פון דעם עס אפיציר וולעכער האט זיי געווארנט — בשעת זיי האבן

נישט געוואלט עסן די פלייש — דאס זיי וועלן שוין בעסער ווערן, זיי וועלן מוזן עסן וואס מ׳גיט זיי.

דבורה האט זיי אויך איבערגעגעבן פונם מדרש, דאס ווען מ׳איז זוכה צו שטארבן אויף קידוש השם, קומט מען גלייך אין גן עדן, מ׳האט נישט דארט אויף זיך קיין שום משפט, מ׳ווערט באפרייט פונ׳ם גאנצן „דין וחשבון״. א מלאך נעמט אים אן ביים ארעם און פירט אים פאַר פאַר׳ן כסא הכבוד, און דער אויבערשטער בארימט זיך פאר די מלאכים:

„זעט דער מענטש האט מקדש געווען מיין נאמען אויף דער וועלט, מיט דעם וואס ער האט זיך אויסגעווילט דעם טויט ליבערש ווי צו פארשווועכן מיין נאמען״.

און מ׳פירט אים אריין מיט גרויס פאראד אין גן עדן.

דעריבער דארפמען זיך נישט שרעקן פאר׳ן טויט — האט דבורה פארגעזעצט — ווען דאס איז פאר קידוש השם וועגן. דאס גאנצע שטארבן איז נישט מער — אין אזא פאל — ווי מ׳גייט ארויס פון איין טיר און מ׳גייט אריין אין די צווייטע טיר.

צום סוף האט זי דערציילט די באוואוסטע מעשה פון די גמרא:

— מעשה בארבע מאות ילדים וילדות... א מעשה מיט פיר הונדערט אינגלעך און מיידלעך וועלכע זענען געפאנגען געווארן צו די גוים. און מ׳האט זיי געפירט אין א שיף אויפ׳ן ים.

האבען זיי גערעדט צווישן זיך:

— אויב מיר וועלן זיך אריין ווארפן אין ים און ווערן דער־טרונקען, וועלן מיר האבן עולם הבא? (דאס הייסט, צו מיר וועלן נישט גערעכנט זיין ווי „א מאבד עצמו לדעת״ וואס ער האט נישט קיין עולם הבא).

האט דער גרעסטער פון צווישן זיי גערדש׳עט:

„אמר ה׳ מבשן אשיב אשיב ממצולות ים״ — ממצולות ים — מיינט מען וועלכע ווארפן זיך אריין אין ים פאר׳ן אויבערשטנס וועגן, די — זאגט דער אויבערשטער — האבן מקדש געווען מיין נאמען, און אין זייער זכות וועל איך העלפן די אידן. ווי די קינדער האבן דאס געהערט, זענען זיי אלע אריינגעשפרונגען אין ים.

די מיידלעך זענען געווארן זייער שטארק באַרוישט און בעאיינפלוסט פון דבורה'ס מעשיות און רייד.

חנה האט זיך אנגערופן: — ווי גוט איז דאס מיר האבן אויך צווישן אונז א גרויסע וועלכע דרש'עט פאר אונז. אבער וואס קענען מיר טוען ווען מיר האבן דא אפילו נישט קיין ים פאר אונז?

האבן זיי אלע געקוקט אויף דבורה'ן, הערן א ענטפער אויף די שאלה, וואס יעדע איינע האט דאס געטראכט ביי זיך אין הארצן.

דבורה האט נישט געענטפערט, נאר זי האט ארויסגענומען פון א באהאלטענעם ווינקל אין איר קליידל א קליין זעקעלע, זי האט דאס געעפנט, און דערינען זענען געווען קליינע ווייסע פילן.

דערזעענדיג דאס, האבן אלע מיידלעך פריי אויפגעאטעמט, זיי האבן אלע גוט געוואוסט וואס דאס איז. אויף עטליכע פנים'ער האט זיך אפילו באמערקט א דינער שמייכל, א שמייכל פון נצחון.

דבורה האט אלעם גוט באמערקט, און געזען אויך דעם שמייכל. איר הארץ איז פול געווען מיט ליבשאפט צו אירע תלמידות נאך א סאך מער ווי ביזהער, זי האט געזען אז זיי האבן איר נישט אנטוישט, איר ארבעט און פלאג איז נישט געווען אומזיסט.

אָן ארויסרעדן א ווארט האט דבורה גענומען טיילן פאר יעדע איינע איין פיל. זיי האבן געהאלטן דאס קליינע קערנדל אין דער רעכטער האנט, ווי דאס איז זייער „מלאך הגואל", זיי האבן עס געגלעט מיט א הייליגע ציטערניש. זיי האבן געבעטן שטילערהייט דעם אויבערשטן, ער זאל זיי געבן כח דורכפירן די הייליגע אויפגאבע וואס ס'שטייט איצט פאר זיי.

דבורה האט זיך אויפגעהויבן פון איר ארט, זי האט זיך נאס געמאכט די הענט פון דעם עמער וואסער וואס איז געשטאנען אין ווינקל. זי האט זיך ווועקגעשטעלט אויף איר פלאץ אין מיטן וואגאן, אלע מיידלעך האבן זיך אויפגעשטעלט.

זי האט אנגעהויבן פארזאגן פאר די מיידלעך פסוקים פון ווידוי, זי האט נישט געדענקט אויסענווייניג די גאנצע ווידוי פון רבינו נסים, אבער וויפיל זי האט געדענקט איז געווען גענוג אויף אריינצוברענגען א „רוח טהרה" אין די הערצער פון די מיידלעך. די מיידלעך האבן איר נאכגעזאגט ווארט ביי ווארט. נאך די ווידוי

האבען זיי אלע געזאגט שמע ישראל... און די ערשטע פרשה פון קריאת שמע, מיט גרוים כוונה.

דבורה איז צוגעגאנגען צו אלע מיידלעך, און האט פאר יעדע איינע געגעבן א קוש אויפ׳ן שטערן. די מיידלעך האבן דאס זעלבע געטאן פאר איר. דערנאך האבן זיך אלע מיידלעך געקושט איינע די אנדערע.

דבורה האט נאר אזויפיל געזאגט: — צום ווידערזען זיך טייערע שוועסטער אין גן עדן. און זי האט זיך צוריק אוועקגעזעצט און אלע מיידלעך ארום איר.

דבורה האט אויפגעהויבן איר האנט, און זי האט אריינגעלייגט דעם קליינעם פיל אין מויל אריין. אלע מיידלעך האבן איר נאכגעטאן. פאר קיין איינע האט די האנט נישט געציטערט בשעת זי האט דאס געטאן.

דבורה האט נאך געזאגט: — גוט אזוי, טייערע שוועסטערס, פאר אברהם אבינו האט אויך נישט געציטערט די האנט בשעת ער האט גענומען דעם מעסער צו שחט׳ן זיין זון יצחק.

נאכדעם האט דבורה פארהאכטן איר טיכל אויפ׳ן קאפ, אויס־געלייגט אירע קליידער, און זי האט זיך אוועקגעלייגט, איר קערפער אויפן טעפיך און איר קאפ אין שוים פון איינע פון די מיידלעך. אלע האבן אזוי געטאן, די קאפ פון די אין די שוים פון די, און די קאפ פון די און די שוים פון די א.א. וו.

אזוי זענען זיי אלע איינגעשלאפן...

דער לאקאמאטיוו איז געלאפן שנעל שנעל. ארויסגעלאזט א רויך ווי א גאנצער ווּאלקן. עפעס א שד האט אים געיאגט, ער זאל אנקומען פריער פאר די העלדישע אידישע טעכטער. ער האט עס אבער נישט באוויזן צוטאן. די מיידלעך האבן אים איבער געיאגט און האבן זיך גערייצט:

— אהא, מיר זענען אנגעקומען פריער.

דער לאקאמאטיוו איז שטיל געווארן, און האט זיך אפגע־טעלט אין די נאענט פון א גרויסן קאנצענטראציע לאגער.

די שליחים פון שטן האבן געעפנט די טיר פונ׳ם דריטן וואגאן, און זענען געבליבן שטיין געפלעפט.

דבורה מיט נייַנצן פון אירע תלמידות האבן זיי מקדים געווען, און זענען אנגעקומען פריער צום ציל.

זייער זכות זאל ביישטיין פאר אלע אידישע קינדער, אמן.

— ח —

דבורה מיט נייַנצן פון אירע צוואנציג תלמידות אינ׳ם וואגאן זענען אומגעקומען אויף קידוש השם.

א חוץ איינע די צוואנציגסטע. אויף איר האט זיך געמערקט א לעבנסצייכן. ס׳זעט אויס אז איר קערפער איינשטעלונג איז געווען גאר א שטארקער, זי האט באקעמפט די ווירקונג פון סם. די עס עס לייט האבן איר געטראפן אין א מצב פון חלשות, דאס הארץ און דער פולס האט נאך געקלאפט.

ווער קען זיך דערגרונטעווען צו די טיפענישן פון א דייטשנס טייוואלישע נשמה, וועלכעס איז פול מיט ווידערשפרוכן. דעם מענטשנס לעבן בכלל, און א אידנס לעבן בפרט, איז ביי זיי געווען הפקר אין די מיליאנען. אבער די דאזיגע מיידל האט דער דייטשער אפיציר געהייסן אריינגעמען אינ׳ם לאגער שפיטאל. מ׳האט איר דארט געמאכט א מאגן-אויסוואשונג, און פינף חדשים איז זי דארט געווען אונטער באהאנדלונג. און טראץ די אלע געמיינע באדינגונגען ווי ס׳איז געווען אין אלגעמיין אין לאגער שפיטאלן, האט זי זיך ערהוילט.

זי איז געווארן צוגעטיילט צו דער ארבעט אין א מיידעל לאגער, צווישן צוויי טויזנט מיידלעך אונגארישע.

דאס מיידעל האט דורכגעלעבט די מלחמה, זי האט זיך געראטעוועט מיט גרויסע נסים פון השי״ת. זי לעבט היינט אין דרום אמעריקא מיט א מאן און ערוואקסענע קינדער, און פירט א אידישע שטוב.

* * *

טייערע לייענערס! ס׳איז אייך אוודאי אינטערעסאנט צו וויסן, וואס איז געווארן מיט דבורה׳ס משפחה?

דבורה׳ס עלטערן, און אויך איר מאן ר׳ אנשיל, זענען אומגעקומען אין די מלחמה, ה׳ ינקום דמם.

אבער אירע קינדער משה׳לע מיט רבקה׳לע האבן איבער-

געלעבט די גאנצע מלחמה. זיי האבן זיך געהאדעוועט אין גוי'אישע קינדער־היימען. ביים ענדע פון די מלחמה האט מען זיי פון דארט אויסגעלייזט, און זיי זענען אנגעקומען — מיט השי"ת הילף — קיין ארץ ישראל.

ביידע לעבן היינט אין ירושלים עיר הקודש. משה איז א חסיד'ישער איד, ער פירט א שיינע אידישע שטוב. רבקה האט חתונה געהאט צו א תלמיד חכם א ישיבה־מאן, און פירט אויך א שיינע חסיד'ישע שטוב.

ביי ביידע, הן ביי משה'ן, הן ביי רבקה'ן דרייט זיך ארום אין שטוב א דבורה, וועלכע וועט זיכער פארזעצן דעם הייליגן מסירת נפש'דיגן וועג פון זייער באבע. און וועלן דאס אויך ווייטער געבן צו זייערע קינדער, ביז ביאת משיח צדקנו, במהרה בימינו, אמן.

דער אמת'ער גליק

מוחל, אלע גליקן בנאמנות
טענה'ט סערל מיט די מוטער
דו מיינסט דאך נאר רחמנות
אבער די רחמנות איז מיר ביטער

מוחל וואס רייך און שיין
און איז א גאנצער פריץ
כ'וויל צו אים נישט גיין
ער איז אן עם הארץ

מוחל כאטש ער איז אן עושר
כ׳וויל אויף אים נישט קוקן
ער איז אן ארימאן א גרויסער
ווייל פון תורה איז ער טרוקן

מוחל גליקליך צו ווערן
ווי איז אזעלכע גליקן
כ׳וויל פון אים נישט הערן
נישט פון זיינע פאבריקן

מוחל אין פאלאצן צו וואוינען
און א תלמיד חכם נישט באקומען
אזא געשעפט טוט מיר נישט לוינען
כ׳האב מיר אנדערש פארגענומען

ביי מיר איז אויך דאס וויכטיג
ווי ביי מיין חבר׳טע צפורה
איר לעבן איז וואויל און ליכטיג
זי האט א מאן א בן תורה

קען יעדער זען אויף איר
ווי דאס לעבן איז איר געלונגען
אזוי וויל איך אויך ביי מיר
א קול תורה זאל קלינגען

ס׳קלינגט מיר גוט אין די אויערן
די רייד פון לערערין דבורה
הלוואי ווערט דער מענטש נישט געבוירן
ווער ס׳האט אין זיך קיין תורה

און ווער ס'וויל געבן זיין קינד
צו אן עם הארץ פאר א ווייב
איז גלייך ווי ער איר ביינדט
אוןווארפט איר צו צום לייב

מוחל זיינע אלע רווחים
וואס זענען נאר הבל וריק
כ'וויל א מאן א תלמיד חכם
דאס איז דער אמת'ער גליק

געלט און פארמעגן איז ביים בורא
און עס בייטן זיך די צייט'ן
אבער ווער ס'האט איי זיך תורה
טוט דאס אייביג אגלייטן

איך פארציכט אלץ אין דער וועלט
אויף זאכן וואס גייט פאריבער
כ'וויל זיך נישט פארקויפן פאר געלט
ערקלערט סערל די מוטער

די מוטערס אויגן טרערן
אן ענטפער אויף סערל'ס רייד
זי גיט איר א קוש אין שטערן
זאגט שעמע' ערהייט

נאר געוואלט דיך פרובן אצינד
אויב דו האלטסט זיך ביי דיין וזינוך
איך פארשפרעך דיר מיין טייער קינד
דיר צו קריגן אזא שידוך

אויף צוריק איז נישטא קיין וועג...

ר׳ זעליג א שם דבר, פון די גבירים אין קראקא
געלעבט האט ער אלע יארן, באקוועם און ברייט
געטאן זייער ווייניג, אין מצות צדקה
אויך דאס ביסל, אויסגערעדט פאר לייט

א שיינער איד ביי זיך, געזאגט אלעמען א דיעה
אין די קהילה, געוועז פון די לייטונג,
מיט קונצן פון אים, ארויסגעשלעפט א מטבע —
און פאר שטעלן אים אין צייטונג.

א גרויסער תבואה סוחר, געקענט האבן אים אלע —
אפגעלעבט אכציג יאר, און אפשר נאך מער,
ענדליך איז ער ארויפגעקומען, צום בי״ד של מעלה —
און געשטעלט זיך צום פארהער.

ער שטופט זיך אויף פאראויס, וויל דער ערשטער זיין —
ווי ער איז געוואוינט געווען, פון אלע טעג,
מלאכים וואס פירן דעם סדר, זאגן אים — ניין
און פארשטעלן אים דעם וועג.

איר זענט דא נישט — ר׳ איד — פון די גרויסע יחסנים —
די אידן ביי וועלכע איר האט געריסן די עסקא,
זענען דא א סאך גרעסערע מחותנים —
און די עניים פון קמחא דפסחא.

און דער משולח, געלאזט אים שטיין ביי די טיר —
א איידילער איד א תלמיד חכם,
די אלע זענען פון אייך, חשוב׳ער און פריר —
ערקלערן אים, די מלאכים.

ער ווערט דערשטוינט, שטייט א פארגאַפטער —
ער זעט אז דא איז א פארקערטער וועלט,
ער וועט דא נישט קריגן, קיין שלישי קיין מפטיר —
מ׳קען דא נישט אויפטאן מיט געלט.

ענדליך רופט א מלאך: — זעליג בן אברהם דוד —
אלט געווארן צען יאר ביי זיין לעבן,
זאל זיך איצט שטעלן, פאר׳ן כסא הכבוד —
און זאל דין וחשבון אפגעבן.

ר׳ זעליג איז דערשטוינט, מאכט א גערואלד —
אזא טעות דא אויבן?! ס׳איז נישט צו פארשטיין
כ׳בין דאך געווארן, אכציג יאר אלט —
כ׳קען אפילו ווייזן, מיין געבורטשיין

בארואיגן די מלאכים — מאכט נישט קיין געשריי —
א טעות אויפ׳ן עולם האמת, נאך נישט געטראפן
מ׳רעכנט די צייט, וואס מ׳האט אויפגעטאן אין זיי —
נישט די וואס זענען, פוסט פארלאָפן

און נישט נאר וואס די טעג, רעכנט מען נישט פאר לעבן —
א עונש אויף זיי, וועט איר אויך נאך האבן
מ׳האט אייך א נשמה, א חלק אלוק געגעבן —
און איר האט עס, לעבעדיגערהייט באגראבן

ער רייסט זיך ביים קאפ, געוועז די אויגן פארשטעלט —
די טעג און די יארן, אויף נארישקייטן פארבראכט
ער בעט מ׳זאל אים לאזן, צוריק אויף דער וועלט —
איצט וועט ער שוין וויסן, געבן זיך אַכט

לאַכן די מלאכים, האסט א איינפאל א שלעכטן —
ווי גוט צומאכן צוריק, די פארלוירענע טעג
וואס דו האסט פארדאַרבן, קענסטו נישט פאררעכטן —
פון דא אויף צוריק, איז נישטאָ קיין וועג

הוי! קולטור קולטור *)

הוי ! קולטור קולטור, ביזט פאלש ביז גאר
קיין אויפריכטיגקייט, נישט א האר
מאטערסט דעם מענטש, פון יאר צו יאר
אבער אלע דיינע זאכן, זענען נישט וואר
צו דיינע בלאָפערייען, איז נישט דא קיין פאָר

אלע צרות האט מען נאר דיר צו פארדאנקען
וואויל די שטוב וואו דו ביזט נישט דערגאנגען

*

הוי ! קולטור קולטור, פאלש איז דיין געוויסן
כאפסט דעם מענטש, מיט א צוקערקע א זיסן
ביטער איז דעם, ווער ס׳טוט דערפון געניסן
וויפיל פריידנדיג לעבן, האסטו שוין צעריסן
וויפיל בלוט, האסטו געטאן פארגיסן

אלע צרות האט מען נאר דיר צו פארדאנקען
וואויל די שטוב וואו דו ביזט נישט דערגאנגען

*

הוי ! קולטור קולטור, טוסט אין דיין נעץ אריינכאפן
דאס לעצטע ביסל בלוט, פון מענטש אויסצאפן
אויך דעם אנטיסעמיטיזום, האסטו געשאפן
און די אלע נייעסטע, מאָדערנע וואפן
דעם מענטש צו פאראומגליקן און פארשקלאפן

וואויל די שטוב וואו דו ביזט נישט דערגאנגען
אלע צרות האט מען נאר דיר צו פארדאנקען

---

* מאָדערניזם

הוי ! קולטור קולטור, ביזט פארמאסקירט און פארשטעלט
דיין שטרעבונג איז גיאות תאוות און געלט
ביזט א גרויסער מאכער, ביזט א גרויסער העלד
דעם היטלעריזם, האסטו געברענגט אויף דער וועלט
די קראַמאַטאָריומס, האסטו אויפגעשטעלט
אלע צרות האט מען נאר דיר צו פארדאנקען
וואויל די שטוב וואו דו ביזט נישט דערגאנגען

✶

הוי ! קולטור קולטור, וויפיל ליידן האסטו געברענגט
פאר מיליאנען מענשטן, די נשמה פארברענט
גיפט ליגט אין דיין אויפטו, אין דיין פאטענט
טרייבסט פריציייטיג אין קבר, דיין קליענט
גליקליך איז דער, ווער ס'האט דיך נישט דערקענט
אלע צרות האט מען נאר דיר צו פארדאנקען
וואויל די שטוב וואו דו ביזט נישט דערגאנגען

✶

הוי ! קולטור קולטור, וויפיל מענטשן האסטו פארפירט
דעם פרייעם נאציאנאליזם, אויסשפאקולירט
וועלכעס "ככל הגוים בית ישראל" פראקלאמירט
און אונזער תורה, אונזער אמונה איגנארירט
וואויל דעם ווער ס'האט דיך נישט אנגערירט
אלע צרות האט מען נאר דיר צו פארדאנקען
וואויל די שטוב וואו דו ביזט נישט דערגאנגען

✶

הוי ! קולטור קולטור, דו ברענגסט נאר אָן דעם דלות
יעדע באריירונג מיט דיר, איז פול מיט קלות
אבער איך האב נישט פון דיר, קיין שום התפעלות
מוחל דיינע חידושים, און פאלשע מעלות
איך האב א תורה, און דאס איז מיר אלעס
ווייל אלע צרות האט מען נאר דיר צו פארדאנקען
וואויל די שטוב וואו דו ביזט נישט דערגאנגען